STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04356

IN GUTN MUT

Der Tunkeler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער

אין גוטן מוט

א זאמלונג

פון

הומארעסקעס

סאטירעס

גראטעסקעס

פאראדיעס

סצענקעס

פארלאג „גולד־בוך“, ווארשע 1936

Printed in Poland

IN GUTN MUT
Der Tunkieler

זעצערײַ „רימון“, נאַוואָליפּקי 7

Druk. „Grafia“, Nowolipki 7

דער טונקעלער שרייבט א קריטיק וועגן זיין אייגענעם בוך

אַז מען וויל איז דאָס אַן הקדמה

פאַר מיר ליגט שוין ווידער אַ ניי בוך פון טונקעלן, אַ זאַמלונג פון הומאָרעסקעס, סצענקעס, פּאַראָדיעס און גראַמען, דער 7-טער באַנד פון זיינע, אַזוי צו זאָגן, געזאַמלטע ווערק אין גענזן פּיסלעך.

שטענדיק, ווען איך עפן אויף אַ בוך פון טונקעלן, שווימט מיר אַרויס די פראגע: וואָס איז עס? איז עס טאַקע ליטעראַטור? איז עס קונסט? האָט עס אַ ליטעראַרישן ווערט? פאַרדינט בכלל אַזאַ מין מאַטעריאַל צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן צו ווערן אין אַ בוך-פאָרם?

איך בין מסופק, שטאַרק מסופק. איך זאָג עס אָפן. איך וועל דאָס אים זאָגן אין די אויגן, הגם איך ווייס, אַז איך וועל מיר קויפן אַן אייביקן שונא.

ווען איך גיי אַ מאָל אַריין אין אַ ביבליאָטעק און זע ווי זיינע ביכער שטייען אויף דער זעלבער פּאָליצע צוזאַמען מיט די אַנדערע לייטישע ביכער און זענען אַריינגעטראָגן אין די קאַטאַלאָגן צוזאַמען מיט „קריג און פרידן״, „זשערמינאַל״, „לע מיזעראַבל״, „דאָן קיכאָט״, „9-טער טערמידאָר״, „מאַדאַם באָוואַרי״, „מיינע אוניווערזיטעטן״, „זשאַן קרישטאָף״, ווען איך זע ווי מענטשן קומען און בעטן: „גיט מיר, זייט אַזוי גוט דעם טונקעלן״, פונקט אַ שטייגער, ווי מען בעט: „גיט מיר

זייט מוחל, מאַפּאַסאַן, דיקענס, וואַסערמאַן, ריימאָנט, טשע־כאָוו א. ד. גל. — קוועטש איך מיט די פּלייצעס.

היתכן? איז ער טאַקע אַ שרייבער, אַט דער טונקעלער, אַן אמתער שרייבער?

און ווער רעדט, ווען איך שטויס מיך אָן אויף אַ רע־צענזיע, אָדער אַ קריטישע נאָטיץ, וועגן אים און זיין, אַזוי צו זאָגן, שאַפן, וווּ ער ווערט טיטולירט אַלס „דער באַליבטער" אָדער „פּקח", „דער פּעדערמייסטער", „דער וואָס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין דער מאָדערנער יידישער הומאָריסטיק", „דער יידישער מאַרק־טוועין" אָדער „דער יורש פון שלום־עליכם" (אוי ווי, וואָס פאַר אַ מהלך!...) — ווען איך לעז עס ווער איך נבהל ונשתומם.

ווער ווייס, צי מיר וועלן אַמאָל נישט לייענען: טונ־קעלער, דער עפּאָכע־מאַכער, דער נייער וועגן־אַנטדעקער, דער שאַפער פון אַ נייער שול, דער עטאַפּען־סלופּ אויף דעם טראַקט פון דער יידישער ליטעראַטור, טונקעלער — דער קלאַסיקער.

און אפשר וועט נאָך אַמאָל עמיצער אַ לעקטאָר, אַרומ־פאָרן מיט אַ לעקציע „העגעל, שפּינאָזע, דאַנטע און דער טונ־קעלער".

און אפשר וועלן נאָך זיין אַזעלכע, וואָס וועלן ווידמען זייער לעבן אויף צו שטודירן בלויז דעם טונקעלן, און זיי וועלן ווערן טונקל־קענער, טונקלעריסטן, און טונקליאַנער, טונקלערי־לאָגן, אַ שטייגער ווי „פּושקינאָלאָגן", „שעקספּיראָלאָגן", און מען וועט ציילן מיינע ווערטער און אותיות. וויפיל מאָל, אַ שטייגער, איך פאַרברויך דאָס וואָרט: „און", „יאָ", „דאָס", „הגם", „ניי־ערט", „שאַלאַמויזעכץ", „קאַלאַמוטנע" און אַנד.

ווער ווייס וואָס פאַראַ קוריאָזן מיר וועלן וועגן אים נאָך הערן!

מילא, איך וויל מיך מיט זיינע פאַרערער נישט שפּאַרן עס טרעפט אַמאָל, דער קריטיקער לויבט אַ שרייבער אין

הימל אַריין, און דער שרייבער איז גראַד טאַקע אַ גוטער שרייבער.

דאָס מאָל איז עס נישט דער פאַל.

טאַלאַנט, גייסט, עספּרי, פּקחות, — איך בין עס אייך אַלץ מוחל. איין זאַך מוז מען מודה זיין: ווי זאָגט אונזער בחור הזעצער, מנשה וואָלף, וועגן הענריק איבסען? „דער־יונג האָט גייסט". איך זאָג אויף דעם טונקעלן: דער יינג האָט וויץ. ער האָט זין פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן, אַ פאַר־שטענדניש פאַר דער קרומער ליניע, פאַר פּאַראָדיע, שאַרזש און קאַריקאַטור. און אַן אויג האָט ער, און אַ ביסל גלאַטיק שלום־עליכמדיג לשון האָט ער אויך...

און ווען אַזאַ איינער נעמט אַ פּאַרטיקן וויץ (מערסטנ־טיילס אַ פרעמדן) און צושרייבט אים (לייען: צושמירט אים־אויף עטלעכע זייטן, און זאַלצט אים צו מיט זיין פּאַראָדיע זאַלץ, און קיצלט אים צו מיט זיין שפּאַס־פּעדער ווערט דער־פון אַ פעליעטאָן, אַ גראָטעסקע, אַ שטיפעריי, וואָס יעדער דורכשניטלעכער שריפטשטעלער וואָלט עס געקאָנט אויפ־שרייבן, ווען ער זאָל זיך נישט פוילן און נישט שעמען זיך צו זיין — אַ הומאָריסט, ווי דער טונקעלער.

פּרוווט, אדרבה, אַרויסציען פון זיינס אַ ווערק דעם פּאַרטיקן וויץ (מערסטנטיילס אַ פרעמדער) און דעם פּאַראָ(דיסטישן קאַלאַמבור (מערסטנטייל אַ באָנאַלער) און איר באַ־קומט אַ בלאַסע הומאָרעסקע, אָן זאַלץ און אָן פעפער.

אומזיסט וועט איר ביי אים זוכן גייסטרייכקייט, בלענ. דענדיקן וויץ און שווונג. איר וועט עס נישט געפינען מיט טויזנט ליכט. דאָס איז פאַר אים אַ צו איידעלע מאַטעריע' אָפט טרעפט, אַז דער שרייבער איז גייסטרייכער פון זיין' ווערק. דער טונקעלער איז אַזוי גייסטרייך ווי זיינע ווערק־(איך קען אים פערזענלעך).

דאָס זעלבע איז מיט זיין ביכל „אין גוטן מוט". איר געפינט דאָ זאַכן פון אַלע קוואַליטעטן, אַזעלכע וואָס קאָנען דרייסט קאָנקורירן (מסתמא צוליב אַ צופאַל) מיט די בעסטע

אייראָפּעישע הומאָרעסקעס: „דער דרוק־פּעלער און דער לע־ער", „ווען געטהע וואָלט געווען אַ יידישער שרייבער", „אויפן זבוזים פון ים", „וויסנשאַפטלעכע דערציאונג", „קהלת". אַזעלכע, מיט וועלכע איר קענט אויספּילן אַ שענעם הומאָ־ריסטישן אָוונט. דערביי אָבער אויך אַזעלכע ווי: „אַ וואַסער־דיקער פעליעטאָן", „ווי צו כאַפּן אַ גמילת חסד", (דאַכט זיך אַ פּלאַגיאַט אויך), „איך האָב זיך איינגעשאַפּט אַ הינטל", „פּראָטעסטן קעגן שעדיקן די לבנה", און אַזעלכע עכט־טונקע־לערישע צייטווייליקע (לייען: לאַנגווייליקע) צייטונגס־פּעליע־טאָנען, וואָס האָבן דרייסט געמעגט פאַרבלייבן אין די קאָמ־פּלעטן פון די טעגלעכע צייטונגען, וווּ זיי זענען געבוירן געוואָרן.

און איצט וועגן דעם אויסערלעכן אויסזען פון בוך.

דאָס אויסזען — גאַנץ יידישלעך: דער דרוק — נישט פון לייפּציקער קונסט־דרוק; דער שער־בלאַט — נישט דאָס לעצטע וואָרט פון גראַפישער קונסט; און די גרייזן — נישט צו פאַרזינדיקן. הלואי פאַרמאָגן מיר, איך מיט אייך, צו הונ־דערט זלאָטעס פאַר יעדן גרייז, וועלן מיר זיין רייכער פו שעראַשעווסקין.

הומאָרעסקעס

א געשיכטע מיט א בילד

אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק איז געזעסן אַ פּולבּלעכער ייִד, אַ פעטלעכער, מיט אַ שווערן אָטעם. זיין קײלעכדיקער פּליך איז געווען ווי אויסגעמאָסטן מיט אַ צירקל, האָט געגלאַנצט ווי אַ ביליאַרד־קויל; אַ בלאָנד בּריט בּערדל, ווי אַ לאַפּאַטקע, אַ שפּיציק־מעוברת־בייכל אויף צוויי קורצע פיס, און געהייסן האָט ער לאַזער גאַלמוד, און געווען איז ער אַ שניט־סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ סקלאַד פון מאַנופאַקטור־סחורה אויף גענשע גאַס.

דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט געזאָגט:

„לאַזער גאַלמוד, 40 יאָר אַלט, סוחר, ווערט באַשולדיקט אין וועלן אונטערצונדן זיין וווינונג, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב אַלע זיינע חפצים. אין דער ריכטיקער מינוט האָט מען אים געכאַפּט ביי דער האַנט און אַזוי אַרום אויסגעמיטן אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע.

די אויספאָרשונג, וואָס האָט זיך געפירט ביז צום פּראָצעס, איז געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש. צוליב וואָסער צוועק האָט דער באַשולדיקטער געוואָלט אונטערצינדן זיין וווינונג? אַסעקורירט איז די וווינונג נישט געווען, נישט פון פייער, נישט פון גנבה. קיין פאַבריק פון פאַלש געלט איז דאָרטן נישט געווען. קיין בּראָנפן־בּריזל אויך נישט. קיין קאָמוניסטישע ליטעראַטור האָט מען דאָרטן נישט געפונען; געשמט האָט ער דווקא פאַר אַן אָנטשטענדיקן, אָרנטלעכן, פאַרמעגלעכן סוחר. פרעגט זיך: צוליב וועלכן צוועק האָט ער אַרויסגעטראָגן זיינע אַלע זאַכן און געוואָלט באַגיין אַזאַ אומגעלומפּערט פאַרברעכן?

ענדלעך האָט דער באַשולדיקטער גענומען דאָס וואָרט און

מיט א טאָן פון א ווידוי האָט ער דערציילט אָט וואָס פאַר א גע־שיכטע.

אַליין בין איך א ייד א פשוטער, א שניט־קרעמער. לויט מיין כאַראַקטער בין איך א האַלבער ציוניסט און א שטיקל עוסק בצרכי ציבור. איך גיב אויף אַלץ. איך בין א מיטגליד אין פאַרשידענע חברות, אַלטמאָדישע און היינטיקע: חסד של אמת, עזרת יתומים, בקור חולים, „צענטאָס", „פריילאַנד", „פריינט פון נאַלעווקעס". לעצטנס האָט מען מיך אפילו אריינגעשלעפּט אין א טעאַטער־חברה; דאַווענען דאַוון איך אין נאַזשיקס שול און האָב מיר א ווייב מיט קינדער מיט א שוויגער.

אין א שיינעם פרימאָרגן קומען צו מיר צו גיין צוויי יונגע לייט, לייגן מיר אַוועק א פּאַפּיר, איך זאָל אונטערשרייבן. וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס איז א נייע חברה, א קונסט־חברה, א חברה פון מאָלער. ווילן זיי איך זאָל ווערן א מיטגליד פון דער דאָזיקער חברה און זיך באַשטייערן. זאָג איך זיי, אַז כ'בין נישט קיין מאָלער. ביי מיר — זאָג איך — קאָן געמאָלט זיין, אַז איך זאָל נישט האָבן צו צאָלן א וועקסל. און דאָס איינציקע מאָלן וואָס מען מאָלט ביי מיר אין שטוב, איז קאַווע. זאָגן זיי, אַז מען דאַרף אַליין נישט זיין קיין מאָלער, מען דאַרף נאָר שטיצן די מאָלעריי.

טראַכט איך: מילא, איך בין א מיטגליד פון אַזוי פיל חברות, וועל איך זיין א מיטגליד פון נאָך א חברה. זאָל די קונסט אויך הנאה האָבן פון מיר.

ווער אָבער האָט דען געקאָנט פאָרויסזען, אַז די דאָזיקע חברה וועט באַווייזן אַזאַ קונסט און וועט מיך דערפירן אַזש אַהער אין געריכט און מיך אָוועקזעצן מיט גרויס כבוד אויף דער באַ־שולדיגונגס־באַנק?

א קיצור הדבר — געוואָרן א מיטגליד פון דער חברה מאָלער, באַקום איך אַן איינלאַדונג אויף א שמחה. חברה מאַכט אַן אויס־שטעלונג פון זייערע געמעלעכצן, ווו זיי וועלן באַווייזן די קונסט. און א סברה, אַז די גרעסטע אריסטאָקראַטן וועלן דאָרטן זיין; און כלל־טוער און שרייבער, דענטיסטן און, ס'א סברה, אַז א גענעראַל

וועט דאָרט אויך זיין און אַ רעדאַקטאָר און אפשר טאַקע אַ גאַנצער ווינצע־מיניסטער.

מאַכטייסע. פאַרוואָס זאָל איך נישט גיין? איך גיי מיר אויף אַזוי פיל אסיפות און זיצונגען, וועל איך מיר אַמאָל גיין אויף אַ „ווּיסטאַווע". פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט אָנקוקן בילדער מיט געמעלעכצן, בפרט, אַז עס וועט זיין מיט אַזויפיל פּאַראַד.

האָב איך גענומען און געגאַנגען.

געקומען אויף דער „ווּיסטאַווע" — ערשט עס איז טאַקע זייער יום־טובדיק און דאָס פּובליקום איז אויך אַ בכבודיקס. און מען האַלט רעדעס. ריציניאַק, דער רופא, רעדט, און דער דאָזאָר מוני לאַנטוך רעדט, און זאַלקינד דער סוחר פון די שוסטער־צודאַטן רעדט, און אַלע וועגן עפּעס מאָדנע זאַכן. וועגן אַן אָרנטלעך „שטיל לעבן", קונץ און לאַנדסמאַנשאַפטן" און „עקספּרעס" און „טאַנץ פון פּריראָדע", און „פּיסהאַרמאָניע פון פאַרבן" וכדומה. נאָך יעדער רעדע פּאַטשט מען בראַוואָ, און מען שרייט „ביס" — ס'איז ליהודים!

אָפּגערעדט די דרשות, צעלאָזט זיך דער עולם איבער אַלע שטובן צו באַטראַכטן די בילדער מיט די פּאָרטרעטן. גיי איך מיר אויך אַרום און קוק און באַטראַכט די אַלע געמעלעכצן, קוק מיר דורכן פויסט און דורך די פינגער. זאָגן, אַז עס זאָל מיך שטאַרק נעמען, קאָן מען נישט זאָגן. עפּעס ישווינדלט פאַר די אויגן, אין קאָפּ ווערט ביי מיר אַ מישעניצע און אין נאָז פאַרגייט מיר אַ ריח פון פאַרב, ווי פון אַ פאַרב־קראָם. איין בילד געפעלט מיר דווקא. אויף איין בילד איז אויסגעמאָלט אַ הערינג, איז עס טאַקע אַן אמתער הערינג מיט די הענט אָנצונעמען. כאַטש נעם און „מאַך אים" מיט ציבעלעס און אין עסיק. און עס מאַכט מיר אַפּעטיט. אַ שטאַרקן אַפּעטיט. און דער הערינג האָט אַ פּאָר אויגן, וואָס קוקן דיר נאָך. גייסט אַהין, קוקט דער הערינג אַהין, גייסט אַהער, קוקט דער הערינג אַהער.

נאָך איין בילד איז מיר געפעלן געוואָרן אין אַזאַ שיינער גאָל־דענער ראַם. אויפן בילד איז געווען אויסגעמאָלט אַ העטגל ווייג־טרויבן, מיט קווייטן און בלעמער און פּאָמידאָרן—און כ'האָב טאַקע

געוואָלט אָפּקויפן דאָס בילד און אויפהענגען ביי מיר אין עס־צימער. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס איז בלויז אַ פּוסטע חאָם און עס קוקן אַרויס פון דאָרט די טאַפּעטן.

נאָכדעם זע איך אַ געזעמל פון מענטשן שפּאַרן זיך אַרום איין בילד נומער 17; איך גיב אַ קוק אויף דער רשימה, וואָס מען האָט מיר פאַרקויפט ביים אַריינגאַנג: דאָס בילד הייסט: „די גרינע בענקשאַפט״, געמאָלן פון מאָלער דניאל הינטערגרונט.

דאָס בילד זאָל זיין די הויפט יחסנטע אויף דעם יום־טוב; מחמת ס׳הענגט אויבן־אָן, אויף דער מזרח־וואַנט. אַלע שטייען אַרום און גאַפן און אַמפּערן זיך און געפינען דאָ מאָדנע חידושים. און מען רעדט: וואַרעמע פאַרבן, קאַלטע פאַרבן... איך ריר מיך צו מיט אַ פינגער. די פאַרבן זענען נישט קאַלט, נישט וואַרים; נישט לעבעדיק. פון ערשטן בליק זעט מען אויפן בילד גאָרנישט. עפּעס אַ גרויסע אָנגעשמירטע שמאַראָווידלע מיט מיתה־משונה קאָלירן. נאָר, אַז מ׳קוקט זיך צו, דערזעט מען פאַרשידענע זאַכן. למשל: אַ לאָקאָמאָטיוו מיט אַ צילינדערהוט, וואָס לאָזט אַרויס אַ רויך; אַ ווינט־מיל מיט פליגלען און אַ תליה, וואָס הענגט אויף אַ מענטשן, און; אַ סאַמאָוואַר, וואָס בענטשט אתרוג, און נאָך און נאָך אַ סך זאַכן קאָן מען זען. נאָר גאָר פון סאַמע פאָרנט איז אויסגעמאָלט אַ מנושמדיקע נאַקעטע גרינע נקבה מיט פעטע בריסטן, ווי אַ מעל־קעדיקע קו.

פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג בין איך אַרויס אַ צעמישטער. מיד און דול, און מיט גרויס קאָפּווייטאָג. איך האָב שוין לחלוטין נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צו עסן מיטאָג. האָב איך גענומען אַ פּראָשיק „פּיראַמידאָן״ און זיך צוגעשפּאַרט צו כאַפּן אַ דרימל.

איך בין געלעגן ווי אין אַ הינערפּלעט. פּלוצלינג האָב איך דערפילט, ווי די קאַנאַפּע אונטער מיר הויבט זיך אָן וויגן, הויבט זיך אויף אין דער לופטן און נעמט זיך מיט מיר דרייען ווי אַ ווינט־מיל. אַרום אונז האָבן זיך געדרייט פאַרשידענע געשטאַלטן און פּרצופים מיט פאַרביקע רעדער, אויטאָמאָבילן און יאַרמעלקעס און

ווינדמילן און צעבראָשצעטע ציצה־כּנפֿותן. פּלוצלינג איז געוואָרן שטאַרק פֿינסטער און פֿון דער פֿינסטערניש האָט זיך אַרויסגעשלייכט אַ ריזיקע נקבה מיט גרינע בריסטן און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אויסגעשטשירעטע ציינער, און האָט זיך געלאָזן נאָך מיר. איך לויף און זי — נאָך מיר; איך לויף און זי — נאָך מיר. זי פּאַכעט מיט די בריסטן און וויל מיך כאַפּן. איך לויף און עס ברענען מיר די קני; איך פֿאַל אום... איך קאָן זיך נישט רירן פֿון אָרט און די נקבה כאַפּט מיך אַרום מיט אירע בריסטן אַרום האַלז און נעמט מיך וואַרגן, וואַרגן...

איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אין אַ קאַלטן שוויים; נעבן מיר זענען געשטאַנען איבערגעשראָקענע ווייב און קינדער און מיך געוועקט:

— לאַזער, לאַזער!... וואָס איז מיט דיר? לאַזער, אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר! זאָל מען רופֿן אַ דאָקטאָר!

איך האָב געפֿיבערט.

געקומען דער דאָקטאָר, אָנגעהויבן אויסהערן, אויספֿרעגן:

— ווי איז עס געשען?

— אין דער פֿרי — זאָגט מיין ווייב — איז ער נאָך געווען געזונט און פֿריש. נאָכדעם איז ער אַוועק אויף אַ „ווערניסאַזש״. גע־קומען צוריק — און אויס מענטש. שוין נישט געקאָנט עסן; זיך אַוועקגעלייגט אין בעט, אַ דרעמל געטאָן און זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַזעלכע געוואַלדן.

— וועלכע „ווערניסאַזש״? — פֿרעגט דער דאָקטאָר.

— פֿון אַ קונסט־חברה, מאָלער. די נייע מאָלער.

— אַהאַ — זאָגט דער דאָקטאָר — שוין רעכט.

און ער האָט פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט צו באַרואיקן די נערוון.

צי גלויבט איר, הער ריכטער, אין חלומות? ניין? טאָ הערט זשע וויטער.

אין עטלעכע טעג אַרום באַקום איך ווידער אַן איינלאַדונג פֿון דער זעלבער קונסט־חברה, צו קומען אין האָטעל „ספּלענדיד״ אויף אַ סעודה. שוואַרצע קאַווע מיט אַ בופֿעט, מיט טענץ, מוזיק און

אנדערע, ווי זיי רופן עס אן: אנטראקציעס; און אויף די בילעטן איז בפירוש אנגעשריבן, מען זאל זיך אנטון „גאליק", ד. ה. מעשה־פראנט, כיד המלך.

האב איך מיר זיך אויסגעפוצט מעשה־פראנט, אין מיינע שבתדיקע בגדים און בין אוועק אויף טשיקאווער, פארברענגען אויף זייער יום־טוב. און אגב, איז מען דאך עפעס א קהלשער מענטש.

בין איך אריינגעקומען אין זאל, און עס איז טאקע גאר יום־טובדיק; און איידער איך קוק מיך אום לויפן צו מיר צו צוויי לאנגע אויסגעצויגענע דאמען, ווי פון א מאדע־זשורנאל ארויס און מען שטעקט מיר אריין א בלימל אין לאץ. גיי איך צוויי טריט ווייטער, לויפן צו מיר צו נאך צוויי ווייבער, שוין דיקע, ווי באליעס, און מען פארקויפט מיר א פעקל קאלירטע פאפירלעך. א פאר טריט — ווידער א פאר דאמען און מען פארקויפט מיר א לאטעריי־בילעט. מען וועט היינט פלעטן א בילד. פארדוק איך דעם בילעט אין מיין וועסטל־קעשענע און הויב מיך אן ארומקוקן. חברה טאנצט, מוזיק שפילט, מען ווארפט זיך מיט קאלירטע פאפירלעך. גרויסע פאר־ביקע פענכערס פליען אין דער לופטן. ס'איז חי געלעבט!

וואס־זשע זאל איך טאן? טאנצן, טאנץ איך נישט; ווארפן זיך מיט קאלירטע פאפירלעך און שיסן מיט פאפירענע סטענגעס איז פאר לאזער גאלמוד דעם שניט־קרעמער קיין עסק נישט. האב איך מיר זיך פארקליבן צום בופעט און געלאזן זיך ווילגיין. גע־מאכט א שנאפס, פארביסן מיט א צוביסעכץ און גארנישט — —

אויף א טיש אויבן־אן גייט דערווייל דאס אויספלעטעניש. איינער, עפעס א הויכער פארשוין מיט א ווייסער, אנגעקראכמא־ליעטער הארביקער ברוסט און מיט א הייזעריקער געמבע שריט, געוואלדעוועט, רופט אויס, ווי א חזן צו „אתה הראת".

פלוצלינג הער איך, ער רופט אויס מיין כשרן נאמען:

— הער גאלמוד האט זוכה בגורל געווען! הער גאלמוד איז דער גליקלעכער געווינער פונם בארימטן בילד „די גרינע בענק־שאפט" פונם בארימטן קינצלער דניאל הינטערגרונט.

לכתחילה האב איך עפעס נישט אויפגעכאפט, וואס דא טוט

זיך. נאָר באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס בין איך; איך האָב דאָס געווונען דאָס בילד פון דער גרינגער נקבה מיט די גרינגע בריסטן. — די בראָך איז פאַרטיק!...

אַ שוידער איז מיר דורך דורך די ביינער, דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר עפּעס ווי אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן טיף אין די פּיענטעס אַריין. נאָר אַ דאַנק מיין שטאַרקן כאַראַקטער האָב איך זיך נישט פאַרלוירן, בין געפאַלן אויף אַ המצאה און גלייך אַרויס מיט לשון:

— מיינע געשעצטע פריינדע, — האָב איך אָנגעהויבן — עס איז פאַר מיר טאַקע אַ גרויס גליק, וואָס איך האָב זוכה בגורל געווען צו געווינען אַזאַ גרויסע מתנה, ווי אָט דאָס געמעלעכץ. איך וויל אָבער זיך נישט באַנוצן מיט דעם דאָזיקן גרויסן גליק. און איך בין מנדב דאָס געווינס אויף אויסצופלעטן אַ צווייט מאָל, און זאָל די הכנסה גיין ווידער אויף דער קונץ־חברה.

מיין פאָרשלאָג איז געוואָרן אָנגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג און מיט בראַוואָ־פּאַטשעריען, אַז עס איז געווען אַ שרעק...

חברה האָט מיך אַרומגערינגלט, געדריקט די האַנט, מיר בעדאַנקט פאַר מיין גוט האַרץ. און איך האָב אין האַרצן גאָט געדאַנקט, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון דעם אָנשיקעניש און פון דער אויסגעמאַליעוועטער נקבה מיט די גרינגע בריסטן.

דער שלימזל האָט מיך אָבער געגומען פאַרפאָלגן, ווי אַ בייזער שאָטן און מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט. מען האָט עס געפּלעט אַ צווייט מאָל און אויך דאַסמאָל איז אויסגעפאַלן אויף מיר דאָס גליק צו געווינען דאָס דאָזיקע בילד מיט די גרינגע בריסטן.

אומגליקלעכער מענטש וואָס איך בין. פּלוצלינג איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שפע פון געווינסן. יאָרן־לאַנג שפּיל איך אויף לאָטעריעס, יאָרן־לאַנג זאַמל איך קופּאָנעס פון צייטונגען אויף אַלערליי געווינסן און קיינמאָל האָב איך גאָרנישט געוווּנען; קיינמאָל איז מיר קיין קליינע ירושה אפילו נישט אַריינגעפאַלן; והלילה הזה שתי פעמים. צוויי מאָל דוקא אין איין נאַכט. און אַלץ דאָס זעלבע פאַר־

זעעניש מיט די גרינע בריסטן. און וואָס וועל איך טאָן מיט דעם בילד? ברענגען עס אהיים? אז אין דער היים האָב איך, זאָלן געזונט זיין, אַ ווייב מיט קינדער און אַ שוויגער! און מענטשן קומען אריין צו מיר. שיינע יידן, סוחרים און דאָ — נאַ דיר גאָר פלוצלינג אַ נאַקעטע נקבה מיט גרינע בריסטן. — —

האָב איך געפּרווּוט מאַכן ווידער די אייגענע חכמה און נאָכ־אמאָל געמאַכט דעם אייגענעם פאָרשלאַג:

— מיינע געשעצטע פריינדע! — האָב איך געזאָגט — איך שענק אוועק דאָס גרויסע געווינס אויף אַ דריטער אויספּלעטונג און זאָל עס גיין לטובת אונזער חשובער קונסט־געזעלשאַפט און זאָל זיין מיט מזל!

נאָר באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורם קעגן מיין פּלאַן און איינע אַ דאַמע מיט אַ נאַקעטער דאַרער פּליִיצע האָט זיך געקאָכט:

— ניין! מיר טאָרן עס מער נישט טון! מיר טאָרן נישט רויבן די טייערע מתנה, וואָס דער שיקזאַל אליין האָט איבערגע־געבן דעם הער נאַלמוד אין דער האַנט אריין. ער האָט עס געוווּנען, זאָל ער עס פאַרנוצן געזונטערהייט!

נאָך איר האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגערמאַן מיט זומער־שפּרענקעלעך און זיך צעדרשנט:

— דער הער נאַלמוד איז געווען אזוי גרויסמוטיק און פילאַנ־טראָפּיש געזאָגט צו שענקען אונז דאָס בילד אויף אַ צווייטער אויספּלעטונג; אָבער מיר טאָרן נישט מיסברויכן מיט זיין גוט האַרץ און פילאַנטראָפּיע. מיר פאַרלאַנגען נישט קיין קרבנות! מיר באַשליסן דעריבער מער קיין שום פּלעטענישן נישט צו מאַכן און דאָס געניאַלע בילד זאָל איבערגיין אלס אייגנטום צו אונזער חשובן מיטגליד, דעם קונסט־פריינט און קונסט־ליבהאָבער, פילאַנטראָפּ און מעצענאַט (עפּעס אַ נייעם נאָמען מיר געגעבן), הער לאַזער נאַלמוד.

נאָכדעם האָט אליין דער מאָלער, וואָס הייסט דניאל הינטערגרונט, אַ דאַרער יונגערמאַן אין שמאָלע הויזן און שפּיציקע קני, מיט באַקן־בערד אויף די איינגעפאַלענע באַקן און מיט לאַנגע דאַרע פינגער, — ארויסגעשטעלט זיך ווי לאַנג און

גרוים ער איז אויף א שטול און זיך צופרעדיקט בקול רם כהאי לישנא:

— מיינע פריינט און קאלעגן פון דער קונץ! איך בין גליקלעך, וואס מיין שאפונג, די פרוכט און די זאפטן פון מיין אפגעשיילטער נשמה, אט דאס בילד מיינס „די גרינע בענקשאפט“—איז אריינגעפאלן אין באזיץ פון א מענטשן, וואס לעבט מיט דער „פיס־הארמאניע פון פארבן“. איך בין גליקלעך, וואס דאס בילד וועט באצירן די ווענט פון א פיינשמעקער, וואס וועט קוקן אויף דעם בילד מיט פארחלשטע אויגן פון א ליבהאבער און אנהענגער, אין וועמעס הארץ עס קלאפט (אוי, האט עס געקלאפט...) פאר פארבן־שפיל און פענזעל־שמיר; און איך האף, אז דאס איז נישט דאס איינציקע בילד, וואס וועט באצירן דאס געצעלט פון אונזער מעצענאט; נאך נאך פיל, פיל בילדער און שאפונגען, מען קאן זאגן, א גאנצע קאלעקציע, וואס וועט זיין באפרוכפערט פון מיין פאלעטע און פענזל וועלן ווערן א צירונג פאר זיינע ווענט און בילדן איין גרויסע גאלעריע פון מיינע ווערק, ווי א שטייגער: דער „שמאלער גריליץ“, „דער בלעכענער שאטן“, „לעכער פון א זיפ“, „נאטור מארד“, „פיסנאגע“ און נאך אזעלכע שאפונגען. איך גראטוליר, אלזא, אונזער פריינט און מעצענאט (אפשר ווייסט איר, וואס דאס איז אזוינס?...) און איך לייג פאר, מען זאל אים באשטימען אלס ערן־מיטגליד פון אונזער קונץ־געזעלשאפט. זאל לעבן אונזער ערן־מיטגליד, הער לאזער גאלמוד! זאל לעבן אונזער מעצענאט און פיינשמעקער! זאל לעבן די קונץ! הורא!!....

ווידער א שטורם פון אויסגעשרייען. מען דריקט מיר די הענט און מען ווינשט מיר מזל־טוב. דער מאלער כאפט זיך צו מיר קושן און איך שטיי א מבולבלער, עס פלאמט מיר אן אויער און עס איז מיר א מינוט צו חלשות....

הכלל, מען האט מיך פארשלייערט מיט דעם דאזיקן אנשיקעניש, ווי מען פארשלייערט אמאל א יונג ווייבל מיט אן אלט פארזעניש. — פארפאלן! איצט דארף מען זען פטור ווערן דערפון. מען מוז מאכן פליטה, אנטלויפן ווי א חתן פון אונטער דער חופה. אנטלויפן פון דאזיקן אומגליק...

ווען אלץ האט זיך בארואיקט, האב איך זיך שטילערהייט

אַרויסגעגנבעט פונם זאַל און זיך אַפּגעטראָגן אַהיים. איך בין גע־לאָפן ווי פון נישט גוטע געיאָגט; זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט אַהינטער, צי לויפט זי מיר נישט נאָך, די גרינע נקבה מיט די בריסטן... אַריינגעלאָפן אין שטוב, זיך פאַרשלאָסן אויף אַלע שלע־סער, אַרייגעוואָרפן זיך אין בעט אַריין און שטיל אין האַרצן גע־בענטשט גומל.

צומאָרגנס פרי, ווען איך בין געזעסן צו פרישטיק און גע־לייענט אַ צייטונג, איז אַריינגעקומען אַ טרעגער־יונג און געבראַכט אַ גרויסן פאַרפּאַקטן פירעקיקן קאַסטן מיט אַ בריף.

אינם בריף איז אַזוי געשטאַנען:

„צום זייער געערטן מעצענאַט (אפשר ווייסט איר דעם טייטש דערפון?), קונסט־ליבהאָבער און פיינשמעקער הער לאָזער גאַלמוד!

„אין נאָמען פון אונזער קונסט־געזעלשאַפט האָב איך דעם כבוד אייך אָפּצושיקן דאָס בילד, וואָס איר האָט נעכטן, אַ דאַנק אייער גליקלעכן שיקזאַל, געוווּנען אויף אונזער פאַנטן־לאָטעריע.

„איך קום אייך אויך צו מעלדן, אַז כדי צו העלפן אייך אויפצוהענגען דאָס בילד און אויסקלייבן פאַר דעם דאָס פּאַ סיקסטע אָרט, מיט דעם ריכטיקן שפּיל פון ליכט און שאָטן און האַלבע טענער, וועל איך הײַנט זײַן בײַ אייך אויף מיטאָג. (ווי איך האָב אויסגעפונען עסט מען בײַ אייך מיטאָג צוויי אַ זייגער).

„נאָך מיטאָג וועלן מיר פייערלעך אויפהענגען דאָס בילד אויפן ריכטיקן פּלאַץ, וואָס זאָל שטימען לויט זײַן קאָלאָריט און שאָטן־שפּיל, ווי בײַטאָג אַזוי אויך אינם טונקלקייט פונם בין־השמשות...

„האָפנדיק, אַז איר וועט וואַרטן מיט אייער געערטן מיטאָג אויף דער אָנוועזנהייט פונם קינסטלער, פאַרבלייב איך מיט קינסטלערישן גרוס:

קונסט־מאָלער

דניאל הינטערגרונט".

צו מיטאָג האָבן מיר שוין געהאַט דעם אָנגעלייגטן טאַסט בײַם טיש. די גאַנצע צײַט האָט ער געהאַלטן אין איין עסן, מאַכן איין כּוסה נאָך דער צווייטער און אין איין רעדן מכּוח קונץ. און גערעדט האָט ער עפּעס אַזעלכע משונה־מאָדנע ווערטער, ווי פאַרבן־פלאַכקייט, וואַריעמער גלאַנץ, עקספּרעסן־ליניע. אויף אַלץ וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש האָט ער געהאַט אַ באַזונדער ווערטל און באַטראַכט עס פון קונץ־שטאַנדפּונקט. דערלאַנגט מען אַ שטיק געגנזנס מיט אַן אוגערקע, זאָגט ער: וואָס פאַר אַ הערלעך „שטיל לעבן״. געהערט אַ לשון? גיסט ער אָן אַ גלעזל משקה, קוקט ער עס דורך אַקעגן שײַן און זאָגט: אַ וווּנדערבאַרער קאָלאָריט! זאָג איך אים: עס איז גאָרנישט קיין קאָלאָריט, עס איז כּרמל־קאָניאַק. און ער קערט אַרײַן איין קאָלאָריט נאָכן אַנדערן און טשמאָקעט צו מיט די ליפּן... מײַן ווײַב דערלאַנגט פלאָדן, און ער ווערט אַנטציקט: וואָס פאַר אַ רעגנבויגן פון האַלבע טענער און פאַרבן! זאָגט איר מײַן ווײַב, אַז עס איז נישט געפאַרבט, חלילה; נאָר פּראָסט פּשוט געברוינט און געבאַקן נאַטירלעך. און ער דערווײַל שלינגט אַרײַן גאַנצע צוויי שטיקער פון דעם דאָזיקן רעגנבויגן, אַז מײַן ווײַב און די קינדער זענען נאָכדעם געזעסן נעבעך צעשראָקענע... און אַפילו איך, וואָס איך בין אַ מאַנסביל, האָט מיר אויך גענומען שווינדלען אין קאָפּ פון די דאָזיקע ווערטער... אָבער, איך האָב דאָך מײַן געזינדל באַרואיקט; געזאָגט זיי, אַז עס איז גאָר וואָשנע דייך — עס איז קונץ!... און אַז בײַ זיי רעדט מען נאָר אַזאַ לשון.

נאָכן מיטאָג האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. מײַן בחור האָט זיך מכין געווען און געמאַכט אַ פּאָזע, ווי ער וואָלט איצט געגאַנגען אײַננעמען פּלעוונע. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַן אינ־דיק און געזאָגט:

— אַ האַמער מיט טשוועקעס!

דאָס גאַנצע בני־בית מײַנס איז געווען גרייט צום דינסט.

נאָכדעם האָט ער גענומען זוכן דעם ריכטיקן פּלאַץ, ווו אויפֿ־צוהענגען דאָס בילד, אַרומגעקראָכן אין אַלע שטובן, ווי צו בדיקת־חמץ; געטאַפּט די ווענט, פאַרציויגן און אויפגעצויגן די פאָרהאַנ־גען; עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט: ווו איז מערב, ווו איז מזרח,

נוו איז דרום און ווו איז צפון? פונקט ווי ער וואָלט זיך דאַרפֿן שטעלן שמונה־עשרה. ווען שיינט אַריין די זון און ווען די לבנה? און צי קומט אַהער אַריין אַמאָל דער מאָרגנשטערן?

— אפשר — זאָג איך — ווילט איר פּאַניע מאָלער וויסן ווען איז דער מולד?

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ פאַרן בילד. ווו אַ שטיגער, מיינט איר? — טאַקע ביי מיר איבערן שרייב־טיש דווקא... קיין אַנדער אָרט האָט ער נישט געפונען; נאָר פונקט קעגנאיבער מיר; איך זאָל דאַרפֿן זיצן און קוקן אויף דער דאָזיקער שמאַראָווידלע מיט די גרינע בריסטן.

אַריינגעקלאַפּט דעם ערשטן טשוואָק, האָט ער מיט גרויס גע־הויבנקייט גענומען אויפּפּאַקן דעם פּאַקעט. אויסגעוויקלט עס פון דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר און אויפגעהאַנגען עס לעיני כל ישראל אין דעם גאַנצן פּראַכט און פאַרענדיקט מיט פאָלגענדער דרשה:

— איך בין גליקלעך, וואָס מיין בילד וועט הענגען דאָ ביי מיין בוזים־פריינט און קונסט־פּראָטעקטאָר, דעם גרויסן קונסט־אַמאַטאָר לאַזער גאָלמוד, ווייל אַהער וועל איך קאָנען קומען יעדן טאָג און אַמאָל אויך צוויי מאָל אין טאָג, כדי צו זיין נאָענט צו דער פרוכט פון מיין גייסט, וואָס איז געגליכן צו אַ קינד. וואָרום אַן אייגן ווערק איז דאָך ווי אַן אייגן קינד, און ווען מען פאַרקויפט עס, טוט ווי דאָס האַרץ און עס בענקט זיך... אָ, איך וויל נישט דערווייטערט ווערן פון מיין קינד און איך וויל נישט, אַז מיין קינד זאָל דערוויי־טערט ווערן פון מיר; דאָ אַהער וועל איך קאָנען קומען יעדן טאָג זען זיך מיט מיין קינד. שטונדן לאַנג וועל איך קאָנען טרוימען, חלומען און לעכצן קעגנאיבער מיין שאַפונג און איבערלעבן די עמאָציעס פון פרייד פון אַ פאָטער צו זיין קינד...

נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב אַ קוק געטון אויף מיין ווייב; אַ שענערע לייגט מען אַריין אין קבר.

פון שרעק און פאַרצווייפלונג האָט זי נעבעך נישט געקאָנט רעדן. בלויז מיט פאַרבראָכענע הענט איז זי געשטאַנען און די ליפּן

געביסן פון ווייטאָג... די שוויגער האָט דוקא דאָס לשון נישט פאַר־לוירן. זי האָט אַ פּאַטש געגעבן מיט דער האַנט און אויסגעשריגן:

— לאָזער! האָב גאָט אין האַרצן! וואָס איז דאָ געשעען?

און איך דערציי ל זיי די גאַנצע געשיכטע: ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען. די געשיכטע מיטן באַל, מיט דער לאָטעריע, מיט דעם אומגליקלעכן גורל...

מיין ווייב האָט זיך דערווייל אָפּשוכעט און מיט אַ קול פון אַ מענטשן, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ טיפוס, האָט זי סוף כל סוף אַ פרעג געטאָן:

— אָבער, ווי אַזוי זאָלן מיר אַזאַ פּאַסקודסטווע האַלטן אין שטוב? עס דרייען זיך דאָך אַרום קינדער, דערוואַקסענע טעכטער, וואָס שטייען אין שידוכים, פרעמדע מענטשן קומען אַריין... מיר וועלן זיך דאָך דאַרפן באַגראָבן פאַר שאַנד! וואָס וועט מען זאָגן וועגן אונז? מען וועט דאָך פון אונז לאַכן אין די פויסטן...

— שאַ! איך האָב אַן עצה, — האָב איך געפּרוווט אויפ־קלערן, — מיר וועלן דאָס בילד אויפהענגען אין שלאָפצימער.

— אין שלאָפצימער! ? — ווערט מיין ווייב נאָך מער בייז, — וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל שטאַרבן פאַר שרעק? און די קינדער, זיי וועלן דאָך מורא האָבן אַריינצוגיין אין אָונט אין דעם צימער, ווו עס הענגט אַזאַ מיתה־משונה. פאַרגעס נישט, אַז איך בין אויף דער צייט. אַ ליאַדע מינוט... וואָס ווילסטו? עס זאָל געשעען אַן אומגליק?...

— איך זאָג, — פּאַלט אַריין די שוויגער, — אַז מען דאַרף די מינוט אַרויסוואַרפן די דאָזיקע פּאַסקודסטווע, אַרויסוואַרפן אויף צוויי שפּענדלעך און אַן עק!...

— וואָס רעדט איר, — שטעל איך זיך איין, — אַרויסוואַרפן גאָר? איר ווייסט דען, וואָס דאָס איז? וואָס וועט זאָגן דער מאָלער? און וואָס וועלן זאָגן אַלע קינצלער? רעדלעך מענטשן זענען דאָך געשטאַנען אַרום דעם בילד... איר האָט געדאַרפט הערן די דרשות, וואָס מען האָט געהאַלטן וועגן דעם בילד. מענטשן מבינים, קאָפּ־מענטשן, אַ גענעראַל און אַ וויצע־מיניסטער. וואָס וועט מען זאָגן וועגן אונז? אַז מיר זענען חמורים, גראָבע יונגען, אַז מיר פאַר־

שטייען זיך נישט אויף שיינע זאכן. מען וועט דאך פון אונז מאכן חוזק...

— וואס זאל מען טאן? וואס זאל מען טאן? — האבן די ווייבער געיאמערט, ווי אין שטוב וואלט, חלילה, געלעגן א גוסס.

— איך האב עס! — האב איך איבערגעשלאגן דאס ווייבערישע געיאמער מיט א פרייד, — איך האב אן עצה: זאל מען דאס בילד אויפהענגען אין קיך. דאס בעסטע ארט: אין קיך!

מיין פלאן איז אנגענומען געווארן. דאס בילד איז אויפגעהאנגען געווארן אין קיך קעגנאיבער דעם אויוון און איך מיט מיין הויזגעזינט האבן זיך אביסל בארואיקט. אוים! אראפ א קלאפאט פון די פלייצעס... מיר זענען געראטעוועט!...

אויף צו מארגנס, ווי איך זיץ מיר אזוי אין קאבינעט און ארבעט, קומט אריין די קעכין מאריאנא מיט א פאר פארוויינטע אויגן, אנגעטאן אין איר מאנטל מיט א פאטשיילע, מיט א פעקל אין דער האנט און מיט אן אומגליקלעך קול זאגט זי:

— בעל־הבית, איך גיי אוועק.

— וואס? וואס איז עפעס פלוצלונג געשען? פארוואס גייסטו אוועק? האט דיר, חלילה, ווער בייז געטאן?

— חלילה. נאר די „מאלאווידלע" דארט, — ווייזט זי מיר צום קיך צו מיט א פינסטער פנים.

דאס בילד?

— נו, יא. דאס בילד וואס איר האט נעכטן אויפגעהאנגען. א גאנצע נאכט האב איך נישט געקאנט שלאפן. כ'קאן נישט עסן, נישט טרינקען! עס האט ביי מיר דעם אפעטיט אפגענומען. נאך א טאג וועל איך אויסגיין, ווי א ליכט. ניין, איך גיי אוועק.

איך האב א קוק געטאן אויף מאריאנען און עס האט מיר פארקוועטשט ביים הארץ אויף איר. פאר דעם מעת־לעת האט זי זיך אזוי געענדערט; מיט 20 יאר עלטער געווארן. די אויגן אויסגעלאשן. איך האב זי געפרווט בארואיקן און איינרעדן:

— וואס רעדסטו, מאריאנע? ווייסטו דען וואס פאר א בילד

דאָס איז? מעגסט זיין גליקלעך, וואָס אַזאַ בילד הענגט ביי דיר אין קיך. דאָס איז דאָך „אַ פּיסהאַרמאָניע פון פאַרבן". אַזאַ בילד הענגט מען אין אַ מוזיי אַריין! דאָס איז דאָך „אַ צעשפּאָלטענע נשמה", „אַ בונט פון געפילן"...

— אָט די מכשפה מיט די דריי בריסטן?

— יאָ, יאָ, מאַריאַנע. דאַכט זיך בריסטן, און ווייסטו וואָס דאָס איז? יעדע ברוסט האָט אַ באַזונדער געדאַנק: „דער סוד פון לעבן"; „דער טאַנץ פון דער פּרידאָדע"; „דער אויסגאַנג פון בענקשאַפט".

— יאָ. אָבער איך וויל נישט שטאַרבן, בעל־הבית, איך קאָן דאָ מער נישט זיין. אָדער איך, אָדער די „מאַלאָווידלע". איינס פון אונז ביידע מוז גיין!... איבעריקנס, אַז דאָס בילד איז אַזאַ וואוּנדערלעכע זאַך, ווי איר זאָגט, טאָ פאַרוואָס הענגט עס נישט ביי אייך, נאָר איר האָט עס אויפגעהאָנגען ביי מיר אין קיך?

איך האָב געזען, אַז זי האָט רעכט. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן: וואָס טוט מען? זאָל איך צוליב דעם בילד אַוועקלאָזן די קעכין? צוואַנציק יאָר האָט זי אונז געדינט ערלעך און געטריי און סתם אַזאַ גוטע קעכין. זאָל איך זי אַוועקלאָזן? האָב איך זי באַרו־איקט און געזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט אומזיסט מצער זיין; מיר וועלן עפּעס זוכן אַ מיטל. זאָל זי דערווייל אַראָפּנעמען דאָס בילד און עס אַוועקשטעלן מיטן פּנים (אויב דאָס בילד האָט נאָר עפּעס אַ פּנים...) צו דער וואַנט, און דאַן וועלן מיר עפּעס אויסטראַכטן, וואָס ווייטער צו טאָן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געזוכט נייע פּלענער, וואָס צו טאָן מיט דעם דאָזיקן בילד. היינט, אומבאַדינגט היינט, מוזן מיר גע־פינען אַן עצה; וואָרום מאָרגן וועט ער ווידער קומען, דער מאָלער, אויף מיטאָג, צו קוויקן זיך מיט זיין „קינד" און צו האָבן די ריכ־טיקע געפילעכצן. אַן עצה... אַן עצה!...

מיר האָבן געמאַכט אַ באַראַטונג; איך, מיין ווייב, די שוויגער און די דינסט. אַלע האָבן מיר גענומען איבערטראַכטן און מיט

געמיינזאמע כוחות האָבן מיר אויסגעפונען עפּעס אַ נייעם, און ווי אונז האָט זיך אַלעמען אויסגעדוכט, זייער אַ גלענצנדן פּלאַן. דהיינו:

מיר זאָלן אַוועקנעמען די אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך ביי אונז אין שטוב און איבערגעבן עס דעם סטרוזש. די בעסערע חפצים זאָלן מיר אַוועקטראָגן צו די באַקאַנטע. אין די שטובן זאָל גאָרנישט בלייבן אויסער דאָס איינציקע בילד מיט די גרינע ברעטן; מיר אַליין וועלן אויף עטלעכע נעכט זיך איבערציִען אין אַ האָטעל אַריין. די טירן פון אונזער דירה זאָל מען לאָזן אָפן. אין אַזעלכע צייטן, ווען עס שווינדלט און גריבלט מיט גנבים, וועט זיך זיכער אָפּזוכן אַ גנב, וואָס וועט דעם דאָזיקן אַנטיק אַרויסגנבענען פון שטוב און מיר וועלן אַזוי אַרום כשר וישר פּטור ווערן פון דעם אָנשיקעניש.

אַזוי האָבן מיר געטאָן.

דריי טעג האָבן מיר זיך אַזוי געוואָלגערט אין דער פרעמד, אין האָטעל, ווי אַנטלאָפענע נאָך אַ פּאָגראָם. אויפן דריטן טאָג האָב איך מיך שטילערהייט צוגעגנבעט אַהיים, זען, וואָס עס איז געשען. ערשט פינסטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן. דאָס בילד הענגט אויפן זעלבן פּלאַץ. בלויז דאָס שפּיי־קעסטל, וואָס איז געשטאַנען ביים שוועל, איז פאַרשוואונדן געוואָרן. די איינציקע זאַך, וואָס די גנבים האָבן אַוועקגעגנבעט.

דאָ האָב איך מיך באַשלאָסן אויף אַ פאַרברעכערישן פּלאַן: אונטערצינדן די וווינונג. זאָל באַדאַי דאָס גאַנצע הויז, די גאַנצע גאַס אַוועקגיין מיטן פייער און רויך, אַבי איך זאָל פּטור ווערן פון דער „שמאַראָווידלע".

איך בין אָבער נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער אונטערצינדער; איך בין אַ סוחר, אַ שניט־קרעמער. די אַרבעט האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. וואָס פאַר אַן אונטערצינדער, מ'שטיינס־געזאָגט, בין איך, אַז איך קאָן אפילו נישט צומאָל רעכט איינהייצן אַן אויוון. מען האָט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט און איך בין אַריינגעפאַלן...

דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט צו דערציילן. איצט, מיינע הערן ריכטער, גיט אַרויס אייער גע־עכטן פּסק דין.

איך האָב געענדיקט.

די ריכטער האָבן זיך אַביסל געשושקעט צווישן זיך. נאָכדעם האָט דער פאָרזיצער באַפוילן:

— זאָל מען ברענגען דאָס בילד אַהער אין געריכט אַריין;

אין עטלעכע מינוט איז דאָס בילד „די גרינע בענקשאַפט" געשטאַנען פאַר די אויגן פון די ריכטער.

די ריכטער האָבן געוואָרפן אַ בליק אויף דעם האָזיקן ווערק, און תיכף און איינשטימיק אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל:

— דער באַשולדיקטער איז אומשולדיק!

מיין פּאָפּולאַריטעט

אין אַ שטעטל, אין מדינת לעטלאַנד, וואָס ליגט אויף דעם טייך דווינאַ (זעמיגאַלע, דאַכט זיך, הייסט דאָס שטעטל), בין איך געקומען אויף אַ וואָרט־קאָנצערט. זאַלן האָט עס אייגנטלעך געזאָלט הייסן אַ פאָרלעזונג, נאָר לשם פיינקייט און רעפּרעזענטאַנץ האָט מען עס אַ נאָמען געגעבן „וואָרט־קאָנצערט" און אַזוי ווי אויף די אַפישן איז דאָס וואָרט „וואָרט" געווען צוליב צענזור־טעמים אַרויסגעלאָזט, איז געבליבן, אַז איך בין געקומען אויף אַ קאָנצערט.

נעבן איינגאַנג פון שטעטלשן קינאָ־טעאַטער „אָדעאָן" איז געהאָנגען אַ פּלאַקאַט, געמאָלט פון אָרטיקן קינסטלער, מיט פאַרשיידענע פאַרבן און חיות, עופות, אָרנאַמענטן און קווייטן; מיט אַלערליי אותיות, יעדעס אות מיט אַן אַנדער פאַרב און אַן אַנדער סטיל, מיט אַלערליי פליטערלעך און צוקערנישן. אויך אַ פּאָרטרעט איז דאָרט געווען אויסגעמאָלט; עפּעס אַ שוואַרץ, אַ פאַרשמירט פּרצוף פון אַ קוימענקערער; דאָס האָט געזאָלט זיין איך, די אַטראַקציע פון אָונט. דער פּלאַקאַט האָט אָנגעזאָגט דער וועלט די בשׂורה: „היינט איין און־איינציקער קאָנצערט פון טונקעלן".

אָונט־צו האָרט פאַר מיין אַרויסטריט, בין איך אַריין אין אַ ראַזורע־אַנשטאַלט, אַרומראַזירן זיך און מאַכן זיך שיין, סימפּאַטיש און רעפּרעזענטאַבל צו היינטיקן אַרויסטריט.

אין דער ראַזורע האָבן עטלעכע פריזירער געאַרבעט איבער די קליענטן.

איינער פון די פריזירער האָט מיך אָנגעזעצט אויף אַ שטול, מיך איינגעוויקלט אין אַ ליילעך און גענומען אָנזייפן מיין פּנים. באַלד איז מיין גאַנץ פּרצוף שוין געשווימען אונטער אַ גרויסן

באַרג פון אַנגעלאָפענע „מידלענים”. בלויז מײַנע צוויי אויגלעך האָבן אַרויסגעקוקט און געבלאַנדזשעט דערשראָקן איבער דעם קענגאַיבערדיקן שפּיגל.

בײַ מײַנע זײַטן האָבן זיך אַוועקגעזעצט נאָך צוויי פרישע געסט: איינער צום שערן און דער צווייטער — צום ראַזירן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך:

— גייסטו, חיים, הײַנט אויף דעם טונקעלן? — פרעגט דער גאַסט פון לינקס.

— כ׳ווייס, מ׳עט דאַרפן אַ גיי־צו טון. מען זאָגט, אַז ער איז אַ וואַזשנע כּלי, אַ טייערער יאַט! ווײַזט גאָר וואַזשנע קונצן.

— וועלכע קונצן?

— כ׳ווייס? שלינגט פײַער, זאָגט מען, רײַסט קייטן.

— גיי שוין גיי. ער איז גאָר אַ וווּנדער־קינד, אַ טענצער, טאַנצט אַפריקאַנישע טענץ.

— און איך האָב געהערט, אַז ער איז גאָר אַ נעגער.

— אַ נעגער גאָר?

— נו, יאָ. איך האָב געזען זײַן פּאָרטרעט אויפן אַפיש, איז ער טאַקע שוואַרץ, ווי אַ האָלעוועשקע.

— אָבער, וואָס פאַלט אײַך אײַן, גאָספּאָדאַ — פאַלט אַרײַן דער פריזירער פון רעכטס און זשימזשעט מיט דער שער מיט גרויס בריהשאַפט און בראַוואָר — אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ שוואַרץ־קינסטלער. ער מאַכט פאָקוסן... דערפאַר הייסט ער דאָך „טונקע־לער”. ער מאַכט „טונקל־מונקל”.

— אויב אַזוי, גיי איך נישט — מאַכט דער פריזירער, וואָס ראַזירט מיך און שאַרפט דאָס גאָל־מעסער אָן אַ רימענעם פּאַסעק־— ס׳איז אַ בלאָף און אַ שווינדל. ער מאַכט טונקל־מונקל און דו צאָל אים בסף.

— ווי אַזוי קאָנסטו זאָגן, אַז עס איז אַ שווינדל און אַ בלאָף, אַז מײַן פּלימעניק האָט אַליין געזען אין ליבאַווע, ווי אַזוי ער האָט צעקלאַפּט אַ טויז אייער אין זײַן קאַפּעליוש און געמאַכט אַ פּרעזשעניצע? האַ?

— ס'איז א פארבלענדעניש און נישט קיין פּרעזשעניצע. ער האָט אים געגעבן פאַרזוכן פון דער פּרעזשעניצע?

—און איך האָב געהערט, אַז ער איז גאָר אַ היפּנאָטיזאַרטשיק. ער שלעפּערט איינעט. אַטרוואָס! — רופט זיך אָפּ אַ פרישער גאַסט מיט אַ פאַרוואַקסענער גאָמבע, וואָס זיצט הינטער מיר אויף דער באַנק און וואַרט אויף זיין ריי.

— ווע מענען שלעפּערט ער איין?

— אַלעמענען. גייסט אַרויף אויף דער סצענע, שלעפערט ער דיר איינעט. חאַזדרווע!...

— אַ שלאָף־געטראַנק, מסתּמא — זאָגט מיין פּריזירער מיט אַ סקעפּטיש געלעכטערל — מיך וועט ער שוין נישט איינשלעפן. איך וועל נישט אַ שמעק טאָן פון זיין שלאָף־געטראַנקל. ער וועט מיך נישט איינשלעפערן... נישט ביי מאָטיען...

נישט קיין שלאָף־געטראַנק — איז אים מסביר דער פּריזירער ליבקס — נאָר אַ „ביסטרער" קוק אַזאַ. דו פּאַלסט אַריין אין אַ היינער־פּלעט און ער טוט מיט דיר אַלץ, וואָס ער וויל: הייסט ער דיך טאַנצן, ועסטו טאַנצן; הייסט ער דיך שוויצן, ועסטו שוויצן ווי אין אַ שוויץ־באָד, הגם אין זאַל איז אַ פראָסט. פאַרשטאַנען?

— און איך מיין, אַז ער מוז אוודאי זיין אַ רעדנער. ער רעדט אַזוי לאַנג ביז מען שלאָפט איין, כי־כי־כי — זאָגט דער גאַסט רעכטס, וואָס זיצט מיט אַ פייכט קיילעכדיק פּנים, ווי אַ נאַסע לבנה.

— מען זאָגט טאַקע, אַז ער איז אַ רעדנער.

— נישט אַ רעדנער, נאָר אַ בויך־רעדנער — פאַריכט דער גאַסט פון ליבקס — ער מאַכט נאָך, זאָגט מען, אַ הונט און אַ חזיר און אַ ציג, און ווי מען זעגט האָלץ און ווי אַ קינפּעטאָרין גייט צו קינד.

— און אַלץ מיטן בויך?

— נו, יאָ; אַלץ מיטן בויך. ער שווייגט און זיין בויך רעדט.

— אַ געבענטשטער בויך. מיט אַזאַ בויך קאָן מען מאַכן אַ מאַיאָנטעק — זאָגט דער גאַסט פון רעכטס.

— כ'מיין אַזוי — איז עמיצער מסכּים.

— און איך זאג אייך — פאלט אריין דער גאסט פון הינטן, וואס ווארט אויף דער ריי — אז ער איז נישט קיין בויך־רעדנער, נאר אן אקטיארשטשיק, וואס שטעלט פאר סצענקעס מיט מימיקע און מיט עקסטאז. אזוי זאגט מען אין גאס.

— מיט גרים אויך? — פרעגט מיין פריזירער און רייבט מיר די באקן מיט א זויערן שטיין.

— דאכט זיך אן גרים.

— אויב אן גריטמאסן, גיי איך נישט. וואס טויג מיר דיין מימיקע? אויב דו ביסט אן אקטיארשטשיק, טא גיב מיר גרימא־סע, — אי באלשע ניטשעווא! גיב מיר כאראקטעריזאציע. פא־ניאל? — שפארט זיך מיין פריזירער און פאטשט מיר דאס פנים לשם מאסאזש... — אפשר א ביסעלע „טראינאי" ארעקאלאן, גאספאדין?

— עס וועט זיין — האט זיך אנגערופן דער גאסט ליינקס — ווי מיט יענעם שמאגענדרע, ווי האט ער געהייסן? דער, וואס איז דא געוועזן מיט א האלב יאר צוריק, דאכט זיך, שמערגלסאן?

— נו, יא: שמערגלסאן — איך בין געגאנגען, געמיינט, ער וועט מאכן די קונץ. א טאנץ, א שפרונג. ערשט, ער הויבט גאר אן צו לייענען פון א ביכל, א פגירה אויף זיין קאפ. האב איך דער־לאנגט א פייף! געדענקסט דעם פייף, נחום אליה?

— מאל דיר, אז דאס האב איך געפייפט, נישט דו!

— און איך זאג דיר, אז דאס האב איך געפייפט. דו האסט געשלוקערצט.

— יא, יא. איך האב דערלאנגט א שלוקעכץ. דער גאנצער זאל האט גענומען שלוקעכצן, ווי דאס גאנצע שטעטל, וואלט פלוצלונג געקריגן די ספאזמעס. האהאהאהא!...

— זאל נאר הייטיקער שמאגענדרע אין „אדעאן" נישט מאכן די קונץ „קאק סלעדוועט ביט", וועלן מיר אים מיט קארטאפל פארווארפן, מיט פוילע אייער. ווי מיינט איר, גאספאדין? — ווענדט זיך מיין פריזירער צו מיר און שפריצט מיר אין די אויגן מיט עפעס א ביטער וואסער — אפשר א שאמפאן?

— הם... איך מיין — זאָג איך — אין אַזאַ קריזיס איז אַן עבירה קאַרטאָפל.

—נישקשה, צעפוילטע קאַרטאָפל איז נישט קיין עבירה — פאַרריכט דער גאַסט פון לינקס, אויפשטייענדיק פון אָרט — צע־פוילטע קאַרטאָפל איז אין שטעטל פאַראַן גענוג און פוילע אייער און זויערע אוגערקעס... וואָס, וואָס, דער דאָזיקער מין פעלט נישט.

— וו'סאמאם דיעליע — קאָכט זיך מיין פריזירער — איך האָב פיינט, אַז מען זאָל מיר מאַראַטשקענען אַ קאָפּ.. איך האָב גע־קויפט אַ בילעט, געצאָלט געלט — טאָ דערלאַנג אַהער די ריכטיקע סחורה! אַ נישט, טאָ גיי און ברעך אַ פוס.

— דאָס געלט צוריק! העלפט אונטער דער גאַסט פון לינקס.

— פראַווילנאַ! פּאָטאַקעוועט עמיצער פון הינטן.

— אָבער שלאָגן וועט מען דאָך אים נישט? — זאָג איך צו מיין פריזירער מיט אַ רחמנות־קול.

— מ'וועט נישט, ער קאָן נאָך כאַפּן געשלאָגן אויך.

— פאַרוואָס — זאָג איך — קומט אים צו שלאָגן? ער טוט, נעבעך, וואָס ער קאָן.

— איר קענט נישט אונזער שטעטל, גאָספּאָדין. אונזער שטעטל האָט אין זיך אַזאַ כאַראַקטער: געפעלט אים אַ קראַפט, איז „פּאָזשאַלוסטאַ". נאַ דיר „אַפּלויזן", נאַדיר „ביסן" וויפיל דו ווילסט. נאָר אויב דו געפעלסט נישט, איז פעטש! אי באָלשע נימשעוואָ.

— הי־הי־הי! אַזוי ווי מיט יענעם יאָלראַס, וואָס איז געווען ביי אונז פאַר אַ יאָרן פסח, געדענקסט, שלמה? אָט דער, מיט די לאַנגע האָר און מיטן ברייטן קראַוואַט און מיט די ברילן, דאַכט זיך, אַ שרייבער. האָט ער אָנגעהויבן צו נודיענען פון אַ ביכל מיט „פּאָעזיע", האָט ער געכאַפּט די אמתע פּאַרציע. צוויי זשעבערס האָט מען אים צוגעבראָכן, דעם פּאָעטניק. געדענקסט, שלמה?

— איך האָב אים געוואָרפן אַ נאַס האַנטוך.

— און איך האָב אים געקנייפּט אין הינטן... הא, הא, הא!...

— יענער איז נעבעך, אַנטלאָפן אין מיטן נאַכט. הע, הע, הע!..

— הא, הא, הא!

— האַ, האַ, האַ !..

— — — — — — — — — — —

יענעם אָוונט איז דאָס שטעטל געגאַנגען האַראַראַם. מען האָט געזוכט די „קראַפּט“, וואָס דאַרף אַרויסטרעטן אויפן אָוונט. די אָרדנערס זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע, שטאַפּעטן זענען געפלויגן פון שטוב צו שטוב. די „קראַפט“ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, אויסגעטרוקנט — ואיננו.

די „קראַפּט“ פון „קאָנצערט“ איז זיך געזעסן איינגעגנורעט אין אַ קוריער־צוג, וואָס האָט אים געפירט אַוועק ווייט, ווייט פון דעם שרעקלעכן שטעטל, וואָס הייסט זעמזיגאַלע.

ווען וואָלפגאַנג פאָן געטהע וואָלט געווען אַ יידישער שרייבער

געטהע איז געווען אַ בר־מזל. פיר נסים זענען מיט אים געשען: ערשטנס, וואָס ער האָט געלעבט מיט הונדערט יאָר צוריק; צווייטנס, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ דייטש; דריטנס, וואָס ער האָט נישט געשריבן אויף יידיש און, פערטנס, וואָס ער פלעגט נישט אַרויפקומען אין ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13.

וואָרום, וואָלט ער געלעבט היינט און געווען אַ ייד און געשריבן אויף יידיש און געווען אַן איינגייער אין ליטעראַטן־פאַריין, — וואָלט די גאַנצע אַנגעלעגנהייט געטהע געהאַט גאָר אַן אַנדער פנים.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז געטהע איז נישט קיין דייטש, אַ געבוירענער אין ווייטאַר, נאָר אַ יונגערמאַן, וואָס איז געבוירן אין לענטשיץ, און ער קומט קיין וואַרשע, און געבראַכט האָט ער אַ ווערק אויף יידיש, וואָס הייסט „פאַוסט", און ער קומט אין ליטעראַטן - פאַריין און בעט, מען זאָל אים דערלויבן איבערלייענען זיין ווערק פאַר אַ גרופע חברים. און שטעלט זיך שוין פאָר, אַז ער קריגט די דערלויבעניש און עס קלייבן זיך צונויף אַ גרופע חברים און ער גייט אַרויף אויף דער עסטראַדע און נעמט לייענען זיין ווערק „פאַוסט".

וואָס וואָלט געווען?

קודם כל וואָלטן צוויי חברים זיך אַרויסגעגנבעט אין פאָדערצימער און וואָלטן געזאָגט:

— עפּעס אַ לאַנג נודניש.

— ווי געפעלן דיר זיינע געדאַנקענישן ?
— קאָפּ־מלאכה.
— שנײַדט זיך אויף אַ גראַפאָמאַן.
— אַ טאַלענטלאָזיקייט פון זיין ליבן נאָמען.
נאָך זיי וועלן זיך די איבעריקע אַרויסגעשאַרט פון זאַל און יעדער איינער וועט געזאָגט אַ חכמה :
— ווי געפעלט דיר די פילוסופיה ?
— די גרעטכען דאַרף וואַשן גרעט.
— דער מעפיסטאָ איז שוין ביי אורי צבי גרינבערג בעסער.
— און די סצענע אין הימל ?
— דאָס איז שוין געלקחנט פון „גאָט, מענטש און טייוול”.
צולעצט וועט ער אַליין געבליבן אויף דער עסטראַדע, וועט צו־נויפגעליינט די פאַפירלעך און אַראָפּ מיט אַ צעבראָכן געמיט.
נאָכדעם וועט ער זיך דערמיט אַרומגעטראָגן איבער די רע־דאַקציעס.
פון די רעדאַקטאָרן וועט ער געהאַט פאַרשידענע קבלת פנים. איינער וועט געזאָגט :
— יונגערמאַן, פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ און גייט אייך געזונטערהייט. מיר דאַרפן נישט קיין פאָעמעס.
אַ צווייטער וועט אים אויפגענומען דווקא פריינטלעך :
— אַ, וואָלפגאַנג פאָן וויזעל ?
— אַנטשולדיקט, איך בין וואָלפגאַנג פאָן געטהע.
— ווי ? עפּעס נישט געהערט...
אַ דריטער וועט גענומען דעם מאַנוסקריפּט, אָפּגעווויגן אים אין דער האַנט און אַ זאָג געטון :
— קירצן... קירצן... איר האָט דאָ, יונגערמאַן, וואַזשנע אָנ־געפּלוידערט. איר קאָנט עס אַרויסוואַרפן. בלויז די סצענע, ווו פאַוסט שענדעט גרעטכען, קאָנט איר מאַכן לענגער און אַ ביסל בפרוטרוט.
דעמאָלט וועט געטהע געזאָמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און אַרויסגעגעבן זיין ווערק אויף אייגענעם רעכנונג.
נאָכדעם וועט ער דאָס אַריינגעטראָגן צום בוכהענדלער איקס,

צו פאַרקויפן. — דער בוכהענדלער וואָלט די טויזנט אָפּגעדרוקטע ביכלעך אוועקגעלייגט אויף דער פּאָליצע און וואָלט געהייסן קומען דעם מחבר אין צוויי חדשים אַרום; אין צוויי חדשים אַרום וועט מען איבּערציילן, און אויב עס האָט זיך עפּעס פאַרקויפט, וועט ער קריגן 45 פּראָצענט, געדעקט מיט קונדישע וועקסעלעך אויף 8 חדשים. דערווייל זאָל ער זען, וואָס מער זיין בוך צו אַנאָנסירן. זאָל מען געבּן נאָטיצן און רעצענזיעס, און זאָל מען פאַר אייגנעם אַנאָנסירן דעם בּוכהענדלער און זיין פאַרלאַג.

דעמאָלט וואָלט וואָלפגאַנג פאָן געטהע אָנגעהויבּן אַרומלויפן איבּער די רעדאַקציעס, צו ליטעראַטור־קריטיקער און רעצענזענטן נאָך אַ נאָטיץ.

ווער עס האָט נאָר אַ האַנט און אַ פּוס, וויל אַ בּוך און קיין נאָטיץ איז נישטאָ. וועגן אַלץ שרייבּט מען, נאָר וועגן זיין ווערק איז נישטאָ אין ערגעץ קיין האַלבּ וואָרט.

איין רעדאַקציע וויל נישט געבּן קיין נאָטיץ דערפאַר, ווייל דער וואָלפגאַנג פאָן געטהע האָט אַמאָל אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנ־דענץ פון לענטשיץ אין אַ קעגנערישע צייטונג; יענע צייטונג ווי[illegible] ווידער נישט געבּן קיין נאָטיץ, ווייל ער חברט זיך מיט אַ קאָרעק־טאָר פון אַ קאָנקורענץ־צייטונג.

איין נייטראַלע צייטונג האָט יאָ געגעבּן אַ נאָטיץ ערגיץ אין אַ ווינקל, אַזוי און אַזוי: „עס איז אַרויס פון דרוק אַ ביכל „פאַוסט", אַ מאַכערייקע אין גראַמען פון איינעם אַן אָנפאַנגער". האָט אָבּער איינער, זיינס אַ שונא, וואָס אַרבּעט אין יענער צייטונג אַלס קאָרעקטאָר, אויס קנאה געענדערט בשתיקה דעם נאָמען פון מחבר אַזוי, אַז דער נאָמען פון מחבר פון „פאַוסט" איז נישט וואָלפגאַנג פאָן געטהע, נאָר וועלוול גערגל.

אין צוויי חדשים אַרום וואָלט וואָלפגאַנג פאָן געטהע אַריינ־געקומען אין בּוך־געשעפט אָפּצורעכענען זיך וועגן זיינע ביכער. דער בּוכהענדלער וואָלט דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט פּאַקן קאַ־לענדאַרן און „בּענטשערלעך". וואָלפגאַנג פאָן געטהע וואָלט דאַן געשטאַנען בּיי דער טיר און געוואַרט. נאָכדעם, ווען דער מוכר

ספרים וואָלט פאַרטיק געוואָרן מיט די בענטשערלעך און קאַלענ־דאַרן, וואָלט ער זיך געווענדט צו געטהען:

— יונגערמאַן, אייערע ביכלעך זענען אין דער ערד מיט די ביינער. זיי גייען נישט, ס'ליגט ווי אַ שטיין, קיינער וויל נישט נעמען אין האַנט אַריין. אָט, ווען איר קאָנט אָנשרייבן אַזאַ ביכל, ווי למשל, „ווי צו געפינען אַ רייכע כלה אָן נדן", אָדער „ווי קאָן מען זיך פאַרהיטן פון שוואַנגערשאַפט" — וואָלטן מיר ביידע פאַרדינט; אַזאַ יאָר אויף אונז ביידן, וואָס פאַר אַ געשעפט דאָס וואָלט געווען. אָבער, אַז איר האָט אָנגעפּלעטשעט עפּעס אַ ביכל מיט פּאָעזיע אין גראַמען מיט אַ טיוּול, מיט מלכים און שדים און מיט אַזאַ האַרטער עברי — ווער דאַרף עס? איר קאָנט עס אוועק־נעמען און אוועקגעבן עמיצן אָנדערש די מציאה...

דעמאָלט וואָלט וואָלפגאַנג פאָן געטהע גענומען זיינע פּעקלען „פאַוסט" און אוועקגעטראָגן אין פאַרלאַג „ספרים"; דאָרט וואָלט מען אים געהייסן קומען אין פיר חדשים אַרום און דאַן, אויב עס וועט זיך פאַרקויפן, וועט מען אים געבן וועקסלען אויף 19 חדשים.

אין פיר חדשים אַרום וואָלט געטהע געקומען אין ספרים פאַרלאַג נאָך אַ רעכנונג, וואָלט מען אים געענטפערט, אַז עטלעכע ביכלעך האָט מען יאָ פאַרקויפט; נאָר קיין געלט וועט מען אים נישט געבן, מחמת אויף געלט זענען פאַראַן בילכערע בעלנים. מען קאָן אים געבן פּראָטעסטירטע וועקסלען און טשעקן אָן דעקונג.

דעמאָלט וואָלט געטהע געבעטן כאָטש זיינע ביכער צוריק; נאָר ער וואָלט באַקומען אַ גרויסע פייג — — — — — — — — — —

נאָכדעם ווי געטהע וואָלט געבליבן אָן געלט און אָן ביכער, וואָלט ער זיך געווענדט צו דער איבערזעצער־קאָמיסיע ביים ליטע־ראַטן־פאַריין. דער פאָרזיצער, ה' ציקאָריע, וואָלט אים גענומען אויף עקזאַמען:

— צי קענט איר, חבר געטהע, דייטש?

— איך קען אַביסל — וואָלט געטהע געענטפערט.

— מאָלט אייך, אַז איר קענט נישט, איר זענט אַ חמור־קאָפּ.

גייט אַהיים און לערנט זיך צו אַביסל דייטש — וואָלט אים דער פּרעזעס געזאָגט.

העמאָלט וואָלט געטהע ווידער אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די רעדאַקציעס און מיט גרויס מי און פּראָטעקציע זיך אָפּגעפינען אַרבעט אין דער נאָכמיטאָג־אויסגאַבע פון „איבערמאָרגן", נעמלעך: צו פירן די רובריק „דער שידוכים־ווינקל". צוגלייכערצייט וואָלט ער זיך צוגעלערנט אַביסל דייטש און וואָלט געוואָרן אַן איבערזעצער, וואָס זעצט איבער עליזאַ אָרזשעשקאָ פון רוסיש. וואָלט איבערגעזעצט פאַר די פאַרלעגער „לעבערזאַלץ", „הימלקאַליר", „יאַיעטשניצע" א. אַ.

ער וואָלט איבערגעזעצט סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען פאַר די נאָכמיטאָג־בלעטלעך; וואָלט געפאָרן אַמאָל קיין גריצע אויף אַ פאַרלעזונג וועגן לעאָ פינקלשטיין און זיין געניאַלן דענקונגס־אַפּאַראַט; וואָלט געמאַכט אַמאָל אַ רעקלאַמע־לידל, אַמאָל אַ לידל צו אַ חתונה פון אַ גביר. וואָלט געוואָרן אַ גלייכבארעכטיקטער מיטגליד אין ליטעראַטן־פאַריין, געגעסן מיטאָגן מיט גריישל און אונטערגעשנאָרעט סיגאַרעטלעך.

אויפן בוזעם פון ים
אדער דער ייד,
וואס האט מיר פארזיסט מיין רייזע

אויף מיין לוסטרייזע פון איראפע קיין אמעריקע.

איך בין געזעסן אויפן דעק פון שיף און אנגעקוקט גאנץ מאדנע וועלט, וואס איז באשטאנען פון הימל און וואסער און מער גארנישט נישט. און ווי יעדער מענטש מיט אידעלע חושים און פאעטישע געדאנקען, האב איך געקוקט מיט פארחידושטקייט אויף דעם אומענדלעכן ים, וואס איז דיך מיט דיין גאנצער שיף, מיט דיינע פאסאזשירן מבטל בעפרא דארעא; האב זיך געטון פארטיפן אין די סודות פון דער נאטור און פאר איינוועגס זיך געטון אויסרוען מיינע נערוון.

דער ים איז גראד געווען רואיק, כמעט גלאט ווי א שפיגל. די שיף איז זיך געגאנגען בנעימות און איך האב געהאט הנאה.

זעצט זיך צו מיר צו א יידל, א קליין־געוויקסיקער מיט א הויקער — אויסגעבויגענער פלייצע, מיט א פינסטער פנים און א פיני־טטער בערדל. אויפן קאפ א ווארים מרה שחורהדיק היטל מיט אויערן. די אונטערשטע ליפ פעסימיסטיש אראפגעלאזט, ווי אן אראפגעלאזטער זאק. זיך אוועקגעזעצט און אנגעהויבן מיט א פאר זשאווערט קול:

— איר פארט?

— יא, איך פאר.

— קיין אמעריקע?

— געוויס, קיין אמעריקע. ווי דען־זשע קיין איראפע? די שיף גייט דאך קיין אמעריקע.

— מיטן ים, הייסט עס?

— וואָס דען־זשע, מיט דער יבשה?

— הלואי וואָלטן מיר בעסער געקאָנט פאָרן מיט דער יבשה, — האָט ער געסקריפּעט מיט זיין פאַרזשאַווערט קול, — לײדער אָבער מוזן מיר נאָך פאָרן מיטן ים. מיט דעם פאַסקודנעם פאַרשאָלטענעם ים.

— אדרבה, — זאָג איך, — עס איז זייער אָנגענעם.

— אָנגענעם, אָבער דאָך אומהיימלעך. עפּעס איז מען אומבאַהאָלפן. שטענדיק סכּנות נפשות. שטענדיק איינגעשטעלט דאָס לעבן אין קאָן.

— דער ים איז דאָך אָבער רואיק.

— רואיק. אויבן איז ער טאַקע רואיק, אָבער וואָס ווייסט איר, וואָס אונטן טוט זיך. עס איז דאָך „די טויטע פּאַליע". אויבן איז כּלומרשט רואיק, גלאַט, ווי באַגאָסן מיט פעטס, און אונטן שטורעמט אוודאי, ווי אַ קעסל־גרוב, אַ גיהנום. שוין האָבן מורא פאַר אַזאַ „טויטער פּאַליע". יעדע מינוט קאָן דאָרט אונטער זיך איינברעכן די שרויף, דער רודער, און דאַן איז קאַפּוט, און מיר גייען אונטער אין דער טיפעניש. איר ווייסט, ווי טיף דאָ איז? איר האָט דען אַ השגה? אפשר טויזנטער מייל. אַ תהום. אַ שרעקלעכער תהום... און סתם, טאָמער איז ער אפילו רואיק דער ים, קאָן מען זיך אויף אים פאַרלאָזן? אַ ים איז דאָך אַ גנב, אַ פּראָוואָקאַטאָר. איצט איז ער רואיק און אין אַ מינוט אַרום צעשטורעמט ער זיך ווי אַן אכזר אַ רוצח. הויבט אָן וואָרפן, בושעווען און שליידערן. פּאַליעס גייען ווי די בערג, און יעדער באַרג וואָרפט די שיף, ווי אַ שפּענדל. וואָס פאַר אַ ווערדע אונזער שיף האָט דאָ אַקעגן די דאָזיקע בערג־כוואַליעס. איך וויל גאָר פון מיין מויל נישט אַרויסברענגען, וואָס עס קאָן געשען. איך האָב פיינט צו סטראַשען... מנאַ... איר זעט דאָרט אויפן האָריזאָנט? עפּעס געפעלט ער מיר נישט, דער ים. הלואי זאָל די נאַכט כאָטש זיין אַ רואיקע... נו, האָט מיר אַ גוטן. הלואי זאָלן מיר זיך ווידער מאָרגן טרעפן דאָ געזונטערהייט. צום ווידערזען!

ער איז אוועקגעגאַנגען, און איך בין געבליבן זיצן אַ צעדרו־

דערטער פון שרעק. עס האט געדויערט א היבשע ווײַלע ביז איך האב זיך באַרואיקט.

אויף מאָרגן בין איך ווידער געזעסן אויף מײַן פּלאַץ א בלאַסער, א נערוועזער. דאָס יידל איז ווידער צוגעקומען אין זײַן מרה שחורה־דיקן היטל און פאַרזשאַווערט קול.

— גוט־מאָרגן. ווי פילט איר זיך?

— א דאַנק. נישקשה.

— און ווי זענט איר געשלאָפן די נאַכט?

— אַזוי זיך. געשלאָפן.

— און איך בין בײַנאַכט דווקא געווען אומרואיק. וואָרום בײַטאָג איז נאָך א האַלבע צרה. אָבער בײַנאַכט, אַז עס ברעכט אויס א שטורעם און די נאַכט איז נאָך א פינסטערע, אָט א שטיגער, ווי הײַנטיקע נאַכט, איז טאַקע אימת מות. דעמאָלט ליגסטו אין דײַן קאַיוטע און עס וואַרפט דיך א גרויל. דײַן לעבן הענגט אויף א האָר. נישט איינער זאָגט דאָן ודוי אין האַרצן און קוקט צו זײַן רעטונגס־גאַרטל, וואָס ליגט אים צוקאָפּנס. אַך, דער רעטונגס־גאַרטל. דאָס אַליין פאַרסמט דיר דײַן רייזע. צו־וואָס, פרעג איך אײַך, דאַרפט איר האָבן בײַ זיך אַזא זאַך, וואָס זאָל אײַך דערמאָנען אין טויט? און וואָס איז דאָס פאַר א רעטונג, מישטײנס געזאָגט, דער גאַרטל בשעת א שטורעם. און אפילו אָט די רעטונגס־שיפלעך, וואָס איר זעט דאָ. וואָרום זאָל נאָר אויסברעכן, חלילה, א קאַטאַסטראָפע, פאַרגעסן דאָך מענטשן אַן דעם אַלעם און מען הויבט אָן משוגענערהייט טרעטן איינער אויפן אַנדערן ווי ווילדע חיות, רײַסן און בײַסן איינער דעם אַנדערן דעם גרגרת. און אַז דו שפּרינגסט שוין אַרײַן אין שיפל, קערט עס זיך איבער. נישט איינער שטאַרבט דאָן פון האַרץ־שלאַג, פון שרעק, נישט איינער גייט דאָן אַראָפּ פון זינען. זאָלן מיר שוין דאָס בעסער נישט זען. וואָרום איר שטעלט זיך נאָר פאָר די מינוט, ווען די מאַשין שטעלט זיך, די עלעקטריע ווערט אויסגעלאָשן. די פּאַניק, די געשרייען פון מוטערס און קינדער... עך, כע, כע... וואָלט כאָטש די שיף אונטערגעגאַנגען איינס, צוויי און פאַרטיק. האָט אָבער א שיף א טבע, אַז ביז זי גייט אונטער, געדויערט דרײַ שעה און אַמאָל פיר. אָט

די דריי פיר שעה, ווי אזוי קאָן דאָס אַ מענטש אויסהאַלטן? אין אַזעלכע מינוטן ווערן מענטשן גרוי... נו, זייט מיר געזונט. מען דאַרף האָפן. אפשר וועט מען קומען בשלום. אַמאָל גייט דורך אַן אַ קאַטאַסטראָפע אויך. אַדיע. צום ווידערזען, מאָרגן.

די נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן. דעם אַפּעטיט האָב איך פאַרלוירן. אויף מאָרגן בין איך געזעסן אויפן דעק אַ מידער און אַ צעבראָכענער. דער ים האָט אַביסל געשטורעמט. די שיף האָט זיך געוויגט.

דאָס זויערע יידל איז ווידער צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט.

— דער ים איז אַביסל שטורעמדיק — האָב איך געזאָגט מיט אַ געבראָכן קול.

— המ... שטורעמדיק... — האָט ער אַ סקריפּע געטון — דאָס איז גאַרנישט. עס איז דאָס, וואָס מען רופט „הייסי". אַבי מען זאָל נישט דאַרפן אַריינפאָרן אין אַן אייז־שטראָם, ווו עס שווי־מען די אייז־בערג. די אייז־בערג גייען פון צפון־ים, פון „לאַבראַ־דאָר", אָדער פון נאָרד־פּאָל. דאָס איז גאָר אַ שרעק. די גרעסטע קאַפּיטאַנען האָבן מורא פאַר די אייז־בערג. אַקעגן אַן אייז־באַרג קאָן אַפילו די גרעסטע פאַנצער־שיף נישט ביישטיין. מחמת אַ אייז־באַרג איז הונדערט מאָל אַזוי גרויס ווי די גרעסטע שיף, און אַפילו די אייז־בערג, וואָס זעען אויס פון אויבן קליין, זענען אונ־טערן וואַסער מוראדיק גרויס. עס נאָרט אָפּ דאָס אויג און ביי דער קלענסטער באַרירונג מאַכט עס אַ לאָך אין שיף. און אַ שיף מיט אַ לאָך, ווייסט איר דאָך...

— מען קאָן דאָך דאָס אויסמיידן — זאָג איך מיט אַ רח־מנות־קול.

— אויסמיידן. אפשר ביי טאָג, ווען עס איז ליכטיק און די לופט איז קלאָר, קאָן מען דאָס אויסמיידן. ווי אָבער, אַז עס טרעפט אַ טומאַן, אַ נעפּל און ס'איז חושך מצרים, אַז מען זעט נישט די אייגענע נאָז, דעמאָלט איז אַ ביטערע געשיכטע. מער פון אַלץ האָבן קאַפּיטאַנען מורא פאַר אַ נעפּל, ווייל צו אַ נעפּל איז נאָך קיין תרופה נישטאָ. פאַרשטייט איר דאָך, ס'אַר אַ פאַרגעניגן, ווען די

שטייסט אין א נעפל און דו ווייסט, אז ארום דיר שווייבלט און גריבלט מיט אייז־בערג. און דער קוימען פייפט און טראָמבעט און סיגנאַליזירט און דו ביזט הילפלאָז. דעמאָלט טראַכסטו פון דיין היים, פון דיין ווייב און קינד, פון דעם פאַרלוירענעם לעבן. אזא מיאוסער טויט. און וווּ? דאָ. פה תהיה קבורתך — דאָ וועט זיין דיין קבר. וואָרום וואָס איז דען א שיף, אויב נישט קיין לעבעדיקער קבר? טראָגט דיך בלומרשט אויף די וואַסערן, און אין איין מי־נוט — בוך! זיך איבערגעקערט און א גוטן טאָג מיט דיינע עט־לעכע יאָר.

— עט, גאָט וועט געבן, עס וועט רואיק אַראָפּ — זאָג איך און עס טרייסלען מיר פיס און הענט — מיר וועלן קומען בשלום.

— און אז עס גייט גאָר כשורה און קיין שטורעם איז נישטאָ, נישט קיין פאַליעס און נישט קיין אייז־בערג, און נישט קיין טו־מאַן, איז וואָס־זשע מיינט איר? ברעכט דיר פלוצלינג אויס אין מיטן דרינען א שרפה, אַן עקספּלאָזיע פון קעסל, א קורצשלוס פון דער עלעקטריע און עס הייבט אָן ברענען און דו ווערסט אַרומ־געכאַפּט מיט פלאַמען. האָט איר אַמאָל איבערגעלעבט א שרפה אויף א שיף? בלויז די פּאַניק אַליין. עס ברענט און ווו צו לויפן איז נישטאָ. און איר שפּרינגט פון פייער אין וואַסער... לאָמיר שוין וועגן דעם בעסער נישט רעדן. גלייכער אז מען רעדט נישט. אָט, למשל, ליגט מיר אויף דער צונג דאָס וואָרט „טיטאַניק״... גאָר גאָרנישט, איך וויל נישט דערמאָנען. צו וואָס סטראַשען? אפשר וועלן מיר איבערקומען דעם וועג. א סך סכנות ביי גאָט... נו, זייט מיר געזונט. מאָרגן אי״ה, וועלן מיר זיך ווידער טרעפן דאָ און ווידער שמועסן. הלואי זאָלן מיר דערציילן אין פריידן. אדיע...

אז אונזער שיף איז אָנגעקומען בשלום צום ברעג, האָט מען זיך געכאַפּט, אז עס פעלט א פּאַסאַזשיר. טאַקע דאָס דאָזיקע יידל האָט געפעלט. אויב איר וועט קיינעם נישט אויסזאָגן, וועל איך אייך פאַרטרויען א סוד: דאָס האָב איך אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

דער דרוק־פעלער און דער לעזער

א פײנלעכן פרימארגן האב איך הײנט געהאט. װײטאגלעך האט זיך בײ מיר אנגעהױבן דער טאג; װײטאגלעך ביז צום קראַ־פירן.

אזעלכע עגמת־נפשן באפאלן מיך שטענדיק, װען איך באקום אין האנט די צײטונג מיט מײנס א געדרוקט אַרטיקל, װאס איז פול מיט פאטאלע, פאַרדריסלעכע, אומפאַרמײדלעכע דרוק־פעלערן און טעותים.

אך, די דרוק־פעלערן!

איך געדענק נישט, װעלכער שרײבער עס האט אמאל געזאגט: „װער עס װעט שטאַרבן פון א לונגען־פעלער, װער — פון א האַרץ־פעלער; איך װעל שטאַרבן פון א דרוק־פעלער".

און דוכט מיר, אז איך בין אן אומפאַרמײדלעכער קאַנדידאַט אױפן דאָזיקן אכזריותדיקן טױט.

אין דער תוכחה איז אזא קללה נישט דערמאנט... איז טאַקע מיר א חידוש... דאָרט געפינט איר קללות פון מאָרד, פאַרלענדונג, אונטערגאַנג, עלנט, קרענק, שגעון, איר געפינט אָבער דאָרט נישט די קללה:

„דײנע אַרטיקלען און שריפטן זאָלן פול זײן מיט דרוק־פעלערן".

איצט װײס איך פאַרװאָס קין האט געהרגעט הבלען: קין איז געװען א שרײבער און הבל — א זעצער.

אין מיטלאַלטער האט מען געברענט מכשפות, אפיקורסים; מען האט אָבער נישט פאַרברענט קײן אײנאײנציקן בחור הזעצער. קײן אײנציקן קאָרעקטאָר.

היינטיקן פרימאָרגן האָט די צייטונג געבראַכט מיינס אַן אַר־טיקל. אַ נאַציאָנאַל־לירישע פּאָעמע, אַ פּאַטעטיש פרייהייט־ליד אין פּראָזע. איך האָב עס אָנגעשריבן מיט אַזוי פיל פּיעטעט און ליבע, אַריינגעלייגט דערין אַזוי פיל האַרץ און נשמה; געשליפן און פּאָ־לירט יעדעס וואָרט ווי אַ דימענט, יעדן קלאַנג און קאָמאַ, און אַט איצט ליגט עס פאַר מיר אויסגעשפּרייט אין דער דאָזיקער צײ־טונג — ווי איז מיר... און מיין געדרוקטע פּאָעמע קוקט אַרויס פון דאָרט, ווי אַ געליבטע, וואָס איז פון באַנדיטן פאַרפּייניקט, געשענדעט און פאַרקריפּלט געוואָרן.

שוין דאָס קעפּל פון מיין פּאָעמע האָט מיר דערלאַנגט אין קאָפּ אַריין. מיין פּאָעמע האָט געדאַרפט הייסן: „עטאַפּן פון גלות", און דאָ איז געווען געדרוקט: „געקלאַפּטע פּאַסאַליעס".

ווײ, ווײ!

איך מאַך מיר האַרץ און לייען ווייטער:

„אין די בייזע טערקישע פּאַסאַליעס־נעכט האָבן מיר געריי־ניקט פּסחדיקע סאַמאָווארן"... וואָס איז דאָס אַזוינס!? אהא! עס דאַרף זיין: „אין די בייזע היסטאָרישע גלות־נעכט האָבן אונז געפּייניקט חושכדיקע קאָשמאַרן".

מיינע הענט מיט דער צייטונג זענען אַרונטערגעפאַלן אָנמעכ־טיק. אַט־אַט, איך באַקום די נכפה... איך מאַך מיר האַרץ און לייען ווייטער:

„דו ביסט שטענדיק געווען מיין געליבטע, אָ, פרייהייט! ביסט שטענדיק געווען מיין האַרטע פּלוים; (צאַרטער טרוים), האָסט מיך געטרייסט, געזאָדיקט (געמוטיקט) אין דאַמף (קאַמף) און באַפרוכפּערט מיט טצצסק לאַפּיק צישלקפּ טרציקק קרקיפּרם סקררז"...

אַזאַ שורה פאַלט אָפּט אַריין אין אונזערע געדרוקטע ווערק; דאָס פּרוּווט דער זעצער די לינאָטיפּ־מאַשין און פאַרגעסט די שורה אַרויסצוּוואַרפן. און איצט, פּונקט אינם סאַמע לירישן אָרט האָט ער פאַרגעסן און די שורה איבערגעלאָזט.

ווייטער האָט שוין דער מעטראָנפּאַזש געטון דאָס זייניקע: צעדרייט די שורות, צעפּלאָנטערט די ווערטער, פאַרגעסן שורות,

אריינגעשלעפּט פּרעמדע שורות פון אַנדערע אַרטיקלען — פּאָלי־טישע, יורידישע, מעדיציניש עצות, אַנאָנסן, מאַטרימאָניאַלע מודעות און געמאַכט די אמתע קאַשע.

„...האָט די רענעסאַנס אָוועקגעליינט די שוויזשבעס אויף אונ־זער ליידנשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פון געפּאַ'ענעם מיניסטאָרן־קאַ־בינעט און האָט די ברונעטין גרעטאַ גאַרבאָ, וואָס וויל זיך באַקע־נען מיט די ראָסן־טעאַריע פון קק"ל, זענען געפּלאַצט די סטרונעס פון סמאַרשי פעלדשער גוטמאַן און פון דעם אַביסינישן הערינג־טראַנספּאָרט".

אין קאָפּ ביי מיר איז געשטאַנען אַ מישעניניע... פייערדיקע רעדער האָבן זיך געטראָגן פאַר מיינע אויגן... די פויסטן האָבן זיך מיר געביילט... נאָר — איך לייען ווייטער:

איך לייען דעם שלום, דעם פּאַטעטישן שלום, וואָס איך האָב אַזוי שיין אויסגעדיכטעט, מיט פלאַמיקן עקסטאַז און ברויזנדיקן פּאַטאָס.

„...און דאָרט, וווּ די מזרח־זון גייט אויף, ערוואַכט אונזער האָפענונג און באַפרייאונג... ביי עצירות איז דאָס בעסטע מיטל פראַנץ יאָזעף וואַסער, וואָס ערלייכטערט דעם שטול־גאַנג, רייניקט גרינטלעך און פירט צו ערלייזונג פון בויכווייטאָג".

איך האָב אַ שליידער געטון די צייטונג אויף דער ערד, גע־טרעטן זי מיט די פיס און האַסטיק אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס: עס האָט מיך געטראָגן ווי אַ פייערשפּייעדיקע לאַווע. איך וועל לויפן אין רעדאַקציע; איך וועל זיי דאָרטן מאַכן שוואַרץ־שבת! בלוט וועט זיך גיסן!... דעם זעצער וועל איך וואַרפן אַ קאַסטן שריפט אין קאָפּ אַריין! דעם קאָרעקטאָר וועל איך דערוואַרגן! דעם מעט־ראַנפּאַזש וועל איך מאַכן כאַראַקירי! מיר אַ טויט אָדער זיי אַ טויט... וואַנדאַלן! באַרבאַרן! אַזיאַטן! וואָס האָט איר פון מיר געמאַכט? ! אוי־אוי־וי...

* * *

איך בין אַפּגעלאָפן עטלעכע טריט, האָט מיך פאַרהאַלטן

עפּעס אַ פאַרשווין אין אַ האַרטן קאַפּעליוש, אַ מין קורא נכבד; פאַרהאַלטן מיך, ווי מען שטעלט אָפּ אַ צעיושעט פערד:

— אַ—אַ! פאַניע ט. וואָס לויפט איר אַזוי?! לאָזט מיך אייך געבן דעם אמתן ישר־כּוח פאַר אייער היינטיקן מאמר. איי, איי, איי!... שוין דער קאָפּ אַליין „געקלאַפּטע פּאַסאַליעס“, וואָס פאַר אַ גלענצנד וואָרט־שפּיל...

— אַנטשולדיקט — שטאַמל איך — נישט מיין שולד...

— וועמענס דען שולד? מיין שולד?

— דעם זעצערס. וואָס קאָן איך העלפן?

— מאַכט זיך נישט אַזוי קליין. מיט איין וואָרט: יפה דרשתי! איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט מיט אייער היינטיק[ן] אַרטיקל נושא חן געווען לעילה ולעילה... בלויז אָט די שטעל[ט] אַליין: „און אין די טערקישע פּאַסאַליעס־נעכט האָבן מיר געריי־ ניקט פּסחדיקע סאַמאָווארן“... איר זעט! איך האָב עס אַפילו איינגעחזרט אויף אויסנווייניק. מען דאַרף דאָך פאַרשטיין דעב[ן] טיפן רעיון פון אַזאַ געניאַלע פראַזע; איר ווילט דערמיט זאָגן, אַז אין גלות, וואָס איז שוואַרץ, ווי טערקישע פּאַסאַליעס, האָב[ן] מיר געריייניקט די פּסחדיקע סאַמאָווארן. ד. ה. מיר האָבן געזוכט דעם גלאַנץ פון דער פּסחדיקער באַפרייאונג... איאָ איך האָב גע־ כאַפּט דעם תּמצית פון אייער געדאַנק?... יאָ, און זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט איר געמיינט מיט „טשקיף קאַצאַק בציקרצ[ק] קקט?...“ סימבאָליזם? איאָ אַזוי?... איי, איי, איי... איך זאָג אייך, איר זענט אַן אדם גדול. שאַפט, שאַפט פאַניע ט. צום ווידער־ זען!

ער איז פאַרשווונדן. איך האָב געמאַכט אַ פּאָר טריט און עס שטעלט מיך אָפּ אַ דאַמע.

— אַ—אַ! פאַניע ט. ערלויבט מיר צו דריקן אייער האַנט פאַר אייער היינטיק אַרטיקל. מיין מאַן, הערמאַן, האָט מיר איב איבערגעלייענט פון „אַ“ ביז „זעט“. מיין מאַן האַלט פון אייך, נאָר היינט, זאָגט ער, האָט איר זיך אַליין איבערגעשטיגן. וויפיל עספּרי! איבערהויפּט דאָס אָרט, וווּ איר זאָגט, אַז דאָס פאָלק איז געגליכן צו אַ געליבטע, וואָס באַפּרוכפּערט אייך מיט צציקץ טששקי[ן]

פּצקוש טשיק ציק... עס איז דאָך אַזוי פּסיכאָלאָגיש... דאַן, ווען מען איז שטאַרק פאַרליבט, פאַרלירט מען ס'לשון און מען הויבט אָן צו רעדן מיט אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען... און פון וואַנען ווייסט איר אַזוי די פּסיכאָלאָגיע פון ליבע? איר האָט שוין אַוודאי נישט איינמאָל געמוזט ליבן... ע—ע. זאָגט דעם אמת, שעמט זיך נישט... נו, אַדיע. אַ דאַנק אייך אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיין מאַן הערמאַנען...

די דאַמע איז אַנטלאָפן. איך בין געבליבן שטיין אַ צעמישטער און דאָ איז צו מיר צוגעפאַלן אַ דריטער פאַרשוין, אַ באַקאַנטער דאָקטאָר.

— מיין גרעסטע האָכאַכטונג אייך, פאַניע ט. מיין אַנערקענונג. עס איז אייך געלונגען! איר זענט ווערט אַ מעדאַל, זענט איר ווערט. איבערהויפּט דאָרט, וווּ איר פלאָנטערט... עס איז דאָך אַ מאָזאַאיק פון איין שטיק געגאָסן.. אַזוי אָריגינעל! איר ווייסט, איר דערמאָנט מיר דעם דאָקטאָר פּושקין. ער שרייבט אויך אַזוי... הייגט, דער לעצטער אַקאָרד פון אייער אַרטיקל, וווּ איר זאָגט, אַז „די באַפרייאונג פון אַ פאָלק איז ווי פּראָנץ־יאָזעף וואַסער, וואָס העלפט צו עצירות" איז ממש געניאַל. פרעגט ביי אונז מעדיקער; מיר ווייסן עס... צוליב אייך אַליין מוז זיך הויבן דער טיראַזש פון אייער צייטונג... נו, אַדיע. שרייבט, שרייבט! איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז אין זשאַרגאָן קאָן מען זיין אַ גרויסער שרייבער. אַז איר זענט אונזער יידישער לאַווינסקי.

איצט בין איך שוין געשטאַנען, ווי אַ מטושטשער. אין מיין האַרץ איז שוין נישט געווען קיין שפּור פון שנאה און כעס. איך בין געוואָרן פול מיט מחילה און פאַרגעבונג. צו דער גאַנצער וועלט און אפילו צום בחור הזעצער.

איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן און זיך געהייסן געבן אַ שיינעם פרישטיק, געגעסן און זיך אַליין געמוסרט:

— דאַרף מען זיך אָפּעסן האָס האַרץ?

דער חזן מיטן פּאַלצעט

אַ באַגעגעניש אין אַמעריקע

ווען איך מיר אַזוי אין דער שטאָט באַלטימאָר און שטיי זיך מיר איין אַזוי אין האָטעל „לינקאָלן" און זיץ מיר זיך אַזוי אין מיין צימער 1236, און לאַנגווייליק זיך מיט אַ לאַנגווייליקייט פון נומער — צוויי מאָל אַזוי פיל.

עפנט זיך ביי מיר די טיר און עס קומט אַריין אַ ברייטלעך־פּירעקעכדיק יידל אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ שוואַרצן פּירקאַנטיקן פּאַלטאָ און אין אַ הויכן אָפּגעטראָגענעם צילינדער־הוט; אַ פּלאַטשיק געלבלעך פּנים מיט אַ קלעצלדיקער נאָז, מיט אַ גראָ־לעך קמץ־בערדל.

מיט איין וואָרט — אַ פיגור, וואָס מען קאָן מאָלן קוביסטיש.

שטיל־רואיק, ווי פאַר זיך, האָט ער גענומען זיך פאַרען ביי דער טיר, פאַרזיכטיק אַוועקגעשטעלט אין ווינקל זיין שטאָק מיט דער ווייסער אויסגעקרימטער גאַלקע, אַראָפּגענומען זיין מאַנטל מיט דעם געקעסטלטן שאַליק, אַרומגעווישט און אַרומגעגלעט דעם צילינדער־הוט ומיט דער דלאָניע און אויפגעהאָנגען אים אויפן הענגער. בשעת מעשה אונטערגעברומט עפעס אַ געציקלט ניגונדל, געמאַכט „מי־מי", „אי־אי" מיט אַ דין קולכל.

באַלד האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט קעגן מיר אין זיין גאַנ־צער ברייטלעכער געשטאַלט. די געשטאַלט האָט געטראָגן אַן אָפּ־געטראָגענעם פּרינץ־אַלבערט־ראָק, וואָס האָט זיך געבעטן אַ שטאַרקן רעמאָנט. ווי אויך אַ פּיקאָווע וועסט מיט אַ גרויסן גאָרס, וואָס האָט אויף זיין פּלאַטשיקער ברוסט אויפגעדעקט אַ גרויסן שטח איבער־העמד, נישט פון דער ערשטער שניי־ווייסקייט, מיט

צוויי פערלמוטערנע קנעפלעך, פון וועלכע איינס האט געפעלט.

פון וועסטל־קעשענע האט ארויסגעקוקט א גרויסער קאמער־טאן מיט דערזועלבער פראפעסיאנעלער אנצוהערעניש, ווי ביי א פריזירער די קאם, ווי ביי א מוהל דער נאגל, ווי ביי א דאקטאר זיין טרייבל א. א. וו.

ער האט ווידער אמאל אונטערגעברומט א ניגונדל, געמאכט „מי־מי", „אי־אי" מיט א דין קולכל און געקוקט אויף מיר מיט א צעגאסענעם טשעקאווען שמייכל איבער זיין גאנץ פנים, וואס זאגט: אנו, לאמיר זען, וואס דא וועט זיין...

— אנו, ערקענען זי מיך? — האט ער געזאגט אויף א מין חזניש, לשון־קודשדיקן דייטש — איך האבע זי טייקעף ערקענט. אנו, וויזן זי איינע קונץ־שטיק און ערקענען זי מיך אויך.

איך האב געקוקט און נישט דערקענט.

— נו, יא, וואס איזט דער חידוש. שוין לאנגע יארע האבן וויר זיך ניכט געזען. א קיימע־לאן פון דריי און צוואנציק יארע. מיין נאמע איז געציילע צוויבער־פאלצעט.

ער האט מיר ארייגגערוקט א ווארעמע פוכקע האנט.

— מיט דריי און צוואנציק יארע צוריק ווארען זי אין אמע־ריקא. ניכט וואר? ווארען וויר דאן גוט־באפריינדעטע פריינדע וואס וויר נענען: ידידים. וויר האבען געוואנט בשכנות אויף לודלאו־סטריט. איך וואר דאן איין אבער־קאנטאר אין העם טעמ־פעל־זינאגאג פון „גארמענט־מייקערס יוניע נאמבער צוויי און צוואנציק אינדעפענט ארדען בנות צלפחד דאנשי וואלקאווויסק". איך וואר שוין דאן בארימט מיט מיין וועלט־בערימטען און וונ־דער־שיינעם פאלצעט: עראינערן זי זיך?

איך האב זיך שוין טאקע דערמאנט. דאס איז געוועזן א יונ־גערמאן, א חזן, וואס האט פארמאגט א קווייטשיקן פאלצעט, א דין ביי־קולכל אזא, וואס אז מען פלעגט פארמאכן די אויגן, פלעגט מען מיינען, אז עס מיאוקעט א קאץ. קיין אויבערשטע טענער האט ער נישט געהאט, דאס נעמלעכע מיט די אונטערשטע און מיטלע טענער; דערפאר האט ער געהאט א פאלצעט, וואס פלעגט אים שטארק ארויסהעלפן אין זיין טענער־מאנגל און מיט אים פלעגט

ער יוצא זיין... אויף קאָנצערטן פלעגט מען אים איינלאָדן אדאנק זיין פּאַלצעט. די יידישע צייטונגען האָבן שוין אפילו איינמאָל געדרוקט זיין פּאָרטרעט אין אַ הויכער יאַרמולקע מיט אַ קנאָפּ — אונטערגעשריבן: „געצעלע צויבער־פּאַלצעט".

— איז וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס ר' געצל? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס זאָל מען מאַכן — האָט ער פאַרקאַשעט די פּאָלעס פון זיין פרינץ־אַלבערט־ראָק, זיך אוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אויף פּראָסט יידיש. דער שמייכל פון פּנים האָט זיך תיכּף אָפּגע־טון ווי מיט דער האַנט — אַמאָל האָט מען געמאַכט, היינט מאַכט מען גאָרנישט. אַמאָל האָט מען געמאַכט אַ שיין לעבן, היינט מאַכט מען מיט די זייטן. דריי און צוואַנציק יאָר האָבן מיר זיך נישט געזען; פאַר דער צייט אַ סך וואַסערן דורכגעשוווּמען. אוי־אַ! איך בין שוין געווען אַלרייט, געשפּילט אַ ראָלע, אָהאָ, געצעלע פּאַל־צעט! און נישט סתם אַזוי אַ פּאַלצעט, נאָר אַ צויבער־פּאַלצעט.

איר געדענקט, אַז איר זענט נאָך דאָ געווען אין אַמעריקע בין איך שוין געווען באַרימט מיט מיין ביי־קול. אָבער דערנאָך, אַז איר זענט אוועקגעפאָרן, איז מיין ביי־קול גאָר אויסגעוואַקסן געוואָרן. אַוואַנדער־פּאַלצעט, אַ שפּיל־קעסטעלע! אַ קאַנאַרטשיק, אַ נאָדעלע! אַ פּישטשישולקעלע... אַ קווייטשערל. מען האָט מיך שוין טאַקע גערופן „געצעלע וואַנדער־פּאַלצעט", „געצעלע שפּיל־קעסטעלע", „געצעלע קאַנאַרטשיקל", „געצעלע פּישטשישולקעלע", „געצעלע נאָדעלע". צום סוף האָב איך זיך אוועקגעשטעלט אויפן נאָמען „געצעלע צויבער־פּאַלצעט". שולן האָבן זיך איבער מיר גע־שלאָגן. ביז צום סוף בין איך געוואָרן אָבער־קאַנטאָר אין אַ גרוי־סער שול, טעמפּל־סינאַגאָגע פון דער קאָנגרעישאָן בני יענקי־דודעל דחברת לענדלאָרד סוירקען אַסאָסיישאָן, לאָדזש דריי און זיבע־ציק דאַנשי פּינסק.

וואָס ווייסט איר, וואָס מיט מיין פּאַלצעט האָט זיך אָפּגעטון. אָט אַזעלכע אַפּישן! מיט פּאָרטרעטן, מיט אַרטיקלען, געפאָרן אויף טורן. די וועלט האָט געקאַכט מיט מיין קווייטשערל. געהאַט כּבוד אויפן פוּד און טאַקע פאַרדינט גראָב געלט אויך.

איך האָב שוין געהאַט דעם גרעסטן כאָר. נאָר ווער האָט באַדאַרפט דעם כאָר? דער כאָר איז דען דער עיקר? דער עיקר איז דאָך מיין צויבער־פּאַלצעט. דאָקטוירים מיט פּראָפעסאָרן און כירורגאַנטן און אַנדערע געלערנטע, וואָס שטודירן חכמת „אַנאַטאָמיע", האָבן מיר אָנגעבאָטן טויזנטער, איך זאָל זיי פאַרקויפן מיין האַלז מיט מיין געמבע, כדי נאָכן טויט זאָלן זיי מיך פּאַלמעטן און זען, ווו איינגנטלעך, אין וועלכן אבר שטעקט ביי מיר מיין צויבער־פּאַלצעט און ווו עס געפינט זיך די דאָזיקע איידעלע כלי. האָב איך אָבער נישט געוואָלט. צו וואָס זאָל איך מיך לאָזן נאָכן טויט פּאַלמעסן? איך האָב פיינט, אַז מען פּאַלמעסט מיך. איך האַלט נישט דערפון; איך האָב מיר מיין פּאַלצעט און קיינער איז נישט מחויב צו וויסן ווו ער ליגט.

ער האָט געמאַכט „מי־מי", „אי־אי" און ווייטער גערעדט:

— פאַר אייך האָב איך שוין געהאַט אַ ווייב מיט דריי קינדער? יאָ? נאָכדעם זענען נאָך צוגעקומען קינדער, די משפּחה איז אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע, קינדער מיט קאָלעדזש (גימנאַזיום), מיט היי־סקול (אוניווערזיטעט). געוואָרן לייט. איינער אַ לאָיער (אַדוואָקאַט), אַ צווייטער אַ ריעל עסטייטניק (ספּעקולאַנט מיט אומבאַוועגלעך אייגנטום). אַ טאָכטער האָב איך אויסגעגעבן פאַר אַ היטל־מאַנופאַקטשורער (היטל־פאַבריקאַנט). ס'איז קיין עין־הרע, געגאַנגען פון טיר און פענסטער. פּראָספּעריטי! און דאָס אַלץ האָב איך געמאַכט מיט מיין איינאיינציקן ביי־קול.

— נו?

— נו, נו... איצט איז אַלץ אַוועק מיט דער פּוטער אַראָפּ. מיין תּיהקע איז געשטאָרבן פון אַ ראַק, נעבעך. געמאַכט אַן אָפּעראַציע, געשטאָרבן אונטערן מעסער... נאָכדעם האָבן זיך גענומען שלעפּן איין אומגליק נאָכן אַנדערן. אַ העלפט געלט האָט זי פאַרקרענקט. די צווייטע העלפט האָבן ביי מיר צוגענומען די בענק. מיין איידעם האָט באַנקראָטירט און זיצט נעבעך, אין דזשייל (תּפיסה). איין טייל צוגענומען פאַר מאָרטגעדזשעס (היפּאָטעק) מיט טעקסעס (שטייערן) מיט אַלע שלעק. די שטעלע מיינע אין טעמפּל־זינאַגאָגע פון דער קאָנגרייישאָן בני יענקי דודעל דחברת באָסטן־האָל מאיקערס

לאַרזש 73 אנשי פינסק'' האָט מען ביי מיר צוגענומען. די מעמבערס (מיטגלידער) זענען פאַראַרעמט געוואָרן און קאָנען ניט אויסהאַלטן אַזאַ גרויסן חזן ווי איך מיט אַזאַ אידעלען פאַלצעט. דעם כאָר האָב איך צעלאָזן; איצט האָב איך גאָרנישט. אַלץ פאַרלוירן... שלעכט. ד' ירחם... „מי־מי'' — — — —

זיין דערציילונג איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. די שטים זיינע איז געזונקען און זיך אויסגעלאָשן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די אונטערשטע ליפּ, געמאַכט „מי־מי'' און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

פון זיין גאַנץ ווּעזן האָט געאָטעמט מיט צער און טיפן טרויער.

פּלוצים האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיין פּנים האָט זיך צע־שמאָלצן אין גאָלן נחת, זיינע ליפּן האָבן זיך צעשמייכלט מיט ברייטער גליקזעליקייט און זיינע פאַרכמורעטע אויגעלעך האָבן אויפ־געפינקלט מיט אַ גליקלעך פייערל, און ער האָט אַ זאָג געטון;

— אבער ווייסט איר וואָס? דאָס צויבער־פאַלצעטל האָב איך נאָך! געבליבן ביי מיר עד־היום... „מי־מי'' — — — — —

די חנוכה־לאמפּ
אָדער ערלעכקייט באַצאָלט זיך

אַ מעשהלע מיט אַ מוסר־השכל
פאַר אַ קינדער־כרעסטאָמאַטיע

אייערנעכטן האָט צו מיר אַנגעקלונגען אין טיר אַ פּאַרזשאַווערט יידל מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. אַ הענדלער פון אַלטוואַרג. ער קויפט אויף אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך. אפשר האָב איך אים עפּעס צו פאַרקויפן?

איך האָב גראָד געהאַט צו פאַרקויפן אַ פּאָר אַלטע הויזן. ער האָט גענומען די הויזן מיט אַזאַ פייערלעכן ערנסט, ווי כ'וואָלט אים מכבד געווען מיט אַ קוואַטער אויף אַ ברית־מילה. ער האָט די הויזן באַטראַכט פון אַלע זייטן. געקוקט אויף דעם שיין דורך דעם זיץ־פּלאַץ, זיי באַטראַכט ווי מען באַטראַכט אַ גלעזל וויין. נאָכדעם, ווי מיר זענען מושווה געוואָרן און ער האָט די הויזן אַריינגעלייגט אין זעקל אַריין, האָט ער געזאָגט:

—איר וועט מיר מוחל זיין, פּאַניע, ווען איך וועל מיך ביי אייך צוזעצן. עס ברעכן מיר, נישט פאַר אייך געדאַכט, די פיס פון אַרומגיין... און די קעלט נעמט מיר דורך די אַלטע ביינער און אַז איר וועט נאָך זיין אַ גוטער מענטש און הייסן מיר געבן אַ גלעזל וואַרעמס, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מוסר־השכל.

איך האָב אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי. ער האָט זיך דערוואַרעמט און דערציילט:

— דאָס איז געווען מיט אַ יאָר 10 צוריק. שוין דעמאָלט האָב איך געהאַט דאָס גליק צו זיין אַ הענדלער פון אַלטוואַרג. מען איז

ארומגעגאַנגען, ווי דער שטייגער, איבער די הויפן, געשריגן, „האַנדעל!" און געמאַכט אַ צרהדיק לעבן.

געהאַט האָב איך דאַמאָלס אַ שותף, אַ יונגערער פון מיר, אַ פאַרשוין, אַ בריה, אַ פּיפּיקער, אַ פאַרשפּיצטער. אין צווייען זע־נען מיר, הייסט עס, ארומגעגאַנגען איבער די הויפן און געהאַנדלט. געהייסן האָט ער, מיין שותף שלמה־שמחה דער גלעזער. מחמת ער איז געווען אַ גלעזער, איז ער געווען.

שטייען מיר איינמאָל אויף אַ הויף און שרייען, ווי דער שטייגער:

— אַלטוואַרג! אַלטוואַרג קויפן מיר! אַ טיש! אַ קאַפּעלוש! שיך! הויזן! אַלטע קאַלאָשן! בעטן! האַנדעל! האַנדעל!

באַווייזט זיך אין פענסטער אַ בכבודיקע עלטערע פרוי מיט אַ שייטל און מיט אַ סך פּערל און צירונג אויפן דאָפּלטן גוידער און רופט אונז אַרויף. זי האָט צו פאַרקויפן אַן אַלטן קאָמאָד, אַ שברי־כלי, אָבער נאָך גענוג שיין, געפּאָרנירט און מיט שלעסער, וואָס עפענען זיך שוין נישט, פאַרזשאַווערט. זי דאַרף אים נישט האָבן. ער פאַרנעמט בלויז אָן איבעריק אָרט. פאַר אַ קלייניקייט קענען מיר אים האָבן.

מילא, אַ קאָמאָד זאָל זיין אַ קאָמאָד! פאַר אונז איז אַלץ אַ סחורה. און מיר נעמען און מיר קויפן אָפּ דעם קאָמאָד מיט הכל בכל, וואָס אין אים געפינט זיך, און ברענגען אים צו אונז אַהיים.

געבראַכט אים אַהיים, הויבן מיר אָן זיך פּאָרען ביי די שופ־לאָדן. קלויבן שליסלען, שמירן מיט נאַפט. די שלעסער גיבן נאָך; נאָר דער אויבערשטער שופלאָד וויל זיך בשום אופן נישט עפענען. אָנגעפּאַקט מיט פּאַפּיר, מיט אַלטע צייטונגען, מיט שמאַטעס. קוים מיט צרות האָב איך אים געעפנט. ערשט, וואָס מיינט איר, פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי שווער געעפנט? ווייל אינמיטן פון שופלאָד צווישן די פּאַפּירן איז געלעגן אַ בשמים־ביקסל, אַ זילבערנע בשמים־ביקס, פון אינעווייניק באַגילדט און פון דרויסן געקוועטשט מיט די שענסטע קווייטן און קריצערייען. פון אויבן אַ פאָן און פון אונטן אַ פוס פון סאַמע פּאָלירטן מירמל־שטיין. איך זאָג אייך אַ בשמים־ביקס, אַ צאַצקע. מען קאָן זאָגן אַן אַנטיק שבאַנטיקס.

מיין שותּף ווידער פּאַרעט זיך ביים צווייטן שופלאַד. דאָ לאָזט זיך אויך נישט אַזוי לייכט עפענען; ס'האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל זיך נישט עפענען. האָט זיך אָבער מיין שותּף אויך איינגעשפּאַרט און יאָ געעפנט. וואָס־זשע איז דאָ געשען? אויך די זעלבע מעשה. נאָר מיט אַן אַנדער חפץ.

נישט קיין בשמים־ביקס, נאָר אַ חנוכּה־לאָמפּ האָט זיך דאָ צווישן די גרויסע אָנגעשטאָפּטע פּעק פּאַפּירן פאַרוואַלגערט. שוין איינמאָל אַ חנוכּה־לאָמפּ, פון סאַמע בראָנז, געקלאַפּט און געקאָוועט, מעשה מוקשה. אַ מנורה מיט צוויי לייבן, מיט אַ קרוין אינדערמיט, איינגעפּאַסטע אידל־שטיינער און שטיקער העלפאַנט־ביין. און אַ יאָר איז אויסגעקריצט שנת תנ"ז לפּ"ק. דאָס הייסט, האָבן מיר אַ קיימא לן, אַז די לאָמפּ איז שוין אַלט העכער צוויי הונדערט יאָר, אַ יקר־המציאות.

איצט הויבט זיך ביי אונז אָן אַ ישוב־הדעת: וואָס זאָלן מיר טון מיט די געפונענע כּלים. איך זאָג, אַז מען דאַרף עס תּיכּף ומיד אָפּטראָגן דער בעל־הביתטע פון קאָמאָד. מחמת על פּי דין געהערט עס איר. זי האָט דאָך אונז פאַרקויפט דעם קאָמאָד און נישט די כּלים.

האַלט אָבער מיין שותּף פּונקט דעם היפּוך. מיר האָבן — זאָגט ער — געקויפט דעם קאָמאָד צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך, און די מציאות געהערן אויך לכל הדעות צו אונז.

זאָג איך, אַז איך וויל נישט זיין קיין גנב. איך וועל די כּלי אָפּטראָגן צוריק און מקיים זיין די מצווה פון השבת אבידה.

זאָגט ער, אַז איך קאָן טון, וואָס איך וויל. ער וועט זיין חנוכּה־לאָמפּ נ י ש ט אָפּטראָגן.

זאָג איך אים, אַז איך וועל מיין בשמים־ביקס יאָ אָפּטראָגן; און גאָט וועט מיר העלפן כּפל־כּפלים, מחמת ערלעכקייט באַצאָלט זיך.

זאָגט ער:

— טוט איך, וואָס איר ווילט. איך וועל מיר טון, ווי מיין האַרץ זאָגט מיר.

זאָג איך:

— אייער הארץ איז נישט קיין ערלעך הארץ און איר וועט זיך אויסריכטן א ביטערן סוף.

זאגט ער:

— אויב עס געפעלט אייך נישט מיין הארץ מיט מיין יושר, קאנען מיר זיך צעגיין און אויס שותפות.

און אזוי האט זיך אויסגעלאזן. איך האב אפגעטראגן דעם בשמים־ביקס. ער איז געבליבן ביי דער חנוכה־לאמפ און... מיר זענען זיך צעגאנגען.

* * *

אז איך האב אפגעבראכט דעם בשמים־ביקס צו דער בעל־הבית־טע פון קאמאד, איז זי שיעור נישט געפאלן חלשות פון גליק:

— אך, דאס איז דאך די בשמים־ביקס, וואס מיר זוכן שוין דריי יאר. מיר האבן שוין געמיינט, אז זי איז געגנבעט געווארן בשעת דער גרויסער גנבה, וואס איז ביי אונז, נישט היינט געדאכט, געשען מיט דריי יאר צוריק. דעמאלט האט מען ביי אונז אויך אוועקגעגנבעט א חנוכה־לאמפ אן אנטיק, וואס שטאמט פון דמשק. מען האט אים געשאצט אין א מטמון מיט געלט.

איך האב זיך שיעור נישט ארויסגעכאפט וועגן מיין שותף, נאר באלד האב איך זיך געכאפט: צו וואס זאל איך אים פאר־שיטן? וואס בין איך, א מסור? איך האב געשוויגן און די בעל־הביתטע האט אלץ גערעדט מיט שמחה:

— אזא ארנטלעכן מענטש איז היינט גאר שווער צו געפינען. מיט וואס זאל איך אייך אפדאנקען, ליבער ייד, גאט ברוך הוא וועט אייך שוין אפדאנקען; גאט ברוך הוא פארלאזט נישט אזעל־כע ערלעכע יידן. גאט וועט אייך מאכן פאר א גרויסן גביר. זייט מיר געזונט און גאט דער האר זאל אייך אפדאנקען בכפל כפלים, אמן...

האט מיך טאקע גאט ברוך הוא נישט פארלאזט און, ווי איר זעט, בין איך פארבליבן דערזעלבער שמאטע־הענדלער עד־היום הזה.

— און אייער שותף? — האב איך געפרעגט — וואס איז מיט אים געווארן?

— מיין שותף — האָט ער געענטפערט — האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געזען. איך האָב מיך משער געווען, אַז מסתמא האָט מען אים אַ פּאָר מאָל געכאַפּט ביי דער האַנט. אַזאַ מענטש, מיט אַזאַ נישט ריין געוויסן האָט געמוזט אַריינפאַלן און איצט מוז ער אודאי זיצן אין תּפיסה. ערשט דאָ נישט לאַנג האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער איז איצט אַ גרויסער אַנטיקוואַר אין וואַרשע. פאַרמאָגט 20 צימערן מיט אַנטיקן, אפשר אַ מעטער הויך פערסישע דיוואַנעס, די טייערסטע בילדער, פּאָרצעלאַן, מירמעלשטיין, אַלטע צירונג; איז שטיין־דייך און שפּילט אַ גרויסע ראָליע...

ער האָט אַ זופּ געטון דעם לעצטן זופּ טיי, אָפּגעווישט זיין שמאַטע־בערדל מיט דער פּאָלע און פאַרענדיקט:

— יאָ, יאָ, אַז מען שמועסט, ערלעכקייט באַצאָלט זיך!...

א דאָקטאָר מיט איבערציינגונגען

— טשירע־בעמירע און דאָקטאָר לעאָן לעמעל.

לאָמיך ביידע אייך פאָרשטעלן:

דאָס ערשטע איז אַ קור־אָרט, טשירע־בעמירע, פּאָוויאַט קאָזערעקושאַק, גמינע זאַבווירטשעוואַטע. אַ זומער־רעזאָרט און אויך אַ ווינטער־רו־אָרט. זומער, זאָגט מען, אַז דאָרט איז ווינטער בעסער ווי זומער, און ווינטער, זאָגט מען, אַז דאָרט איז זומער בעסער, ווי ווינטער.

בינו לבינו פאָרט מען נישט אהין נישט זומער און נישט ווינטער. שטייען די פּענסיאָנאַטן ליידיק און עס פעלט פּרנסה.

און פּענסיאָנאַטן זענען דאָ פאַראַן פון כּל־המינים. אַזעלכע, וואָס געפונען זיך צווישן געדיכטע ביימער, און אַזעלכע, וואָס געפינען זיך אויף אָפענע פּלעצער; אַזעלכע, וואָס שטייען אין דער נידער אין טאָלן ביי אַ וואַסער, און אַזעלכע, וואָס שטייען אויף העכערע זאַמדיקע בערגלעך, אין אַ געגנט, וועלכער הייסט „טשירע־בעמירער מעראַן".

צו די געסט, וואָס קומען אהער אין דעם דאָזיקן אָרט, געהער אויך דאָקטאָר לעמעל. ער איז איבערגעארבעט. ער קומט אהער אָפּרוען.

אַ דאָקטאָר אין אַזאַ אָרט איז בכלל אַן עולם ומלואה, און די פּענסיאָנאַטן־אייגנטימער שלאָגן זיך פאַר אים, ווי פאַר אַ מציאה. יעדער לייגט אים פאָר די גרעסטע גליקן און פּריווילעגיעס. דער שכל איז אַ פּשוטער: אַ דאָקטאָר קאָן רעקאָמענדירן געסט; אַ דאָקטאָר קאָן שיקן זיינע קראַנקע; אַ דאָקטאָר איז אַ גוטע רעקלאַמע; אַ דאָקטאָר פאַר אַ פּענסיאָנאַט איז אַ גרויס געווינס!

און דעריבער איז דער דאָקטאָר לעמעל, אַט דאָס קורצע פאַר־

שווינדל מיט די פיר־קאנטיקע פיס און גרויסן ברייטן פליך, גלייך עמיצער וואלט אים ארויפגעווארפן א בלאט לאקשן אויפן קאפ; און מיט זיינע צוויי האלבע בערדלעך, וואס צענעמען זיך ווי א ווײדל פון א הערינג — א זייער אנגעלייגטער גאסט דא אין טשי־רע־בעמירע

יעדער פענסיאנאט־אייגנטימער זוכט אים אריינצוכאפן, באַדאי מיט דער גרעסטער הנחה, בפרט נאך, אז דער דאקטאר לע־מעל, ווי ס'איז באוווסט, איז אויך א בלל־טוער און א פרעזעס פון א סך חברות, קאן ער אודאי „נאראיען" געסט און ברענגען גרויסע נוצן דעם פענסיאנאט און מאכן אים א גרויסע רעקלאמע.

פירן זיי, די פענסיאנאט־אייגנטימער, צווישן זיך א גרויסע קאנקורענץ אריינצוכאפן דעם האזיקן העכט.

מיט א האלב יאר צוריק האט דער דאקטאר לעמעל אנגעהויבן צו פארן אהער קיין טשירע־בעמירע און זיך אפשטעלן אינם פענ־סיאנאט „צום גוטן אפעטיט". דער בעל־הבית האט אים געמאכט א גרויסע רעדוקציע, א העלפט פונם אנגענומענעם פרייז. דאס בעסטע זוניקע צימער אים געגעבן מיט דער שענסטער וועראנדע. די בעסטע באהאנדלונג. און די טייערסטע מאכלים.

דער פענסיאנאט איז געשטאנען אויף אן אפענעם פלאץ. אויף א גרויסן שטח ארום איז נישט געווען קיין איין בוימל אויף א רפואה. אפענע ווינטן האבן פריי און הפקרדיק געבלאזן פון אלע זייטן; די זון האט געברענט ווי א קאלך־אויוון און עס איז נישט געווען קיין באהעלטעניש.

דאקטאר לעמעל איז זייער דאנקבאר פאר דער הנחה און ער פלעגט אומגעפער אזוי זאגן:

— איך האט דען א באגריף, מיינע פריינט, וואס פאר א וווּנ־דערבארער פענסיאנאט „צום גוטן אפעטיט" איז? די אפנקייט, די פרייקייט. אזוי פיל זון! אזוי פיל זונען־שטראלן! נישטא די פאסקודנע בוימער, וואס פארשטעלן אייך די וועלט און מאכן אייך ענג און נעמען ביי אייך צו די גאנצע „ספעקטרא אנאליזע" פון

די ,,אולטראַ־פיאָלעטאָווע שטראַלן'' און פאַרסמען אייך מיט זייער קוילן־זויער און אַנדערע שעדלעכע ,,ריצנאייל־קאַטילען'', וואָס די בוימער אָטעמען פון זיך אַרויס... מיר, אַלס דאָקטאָר, מעגט איר גלויבן. נאָר אין אַזאַ אָפענעם פּלאַץ האָט איר די רעכטע רפואה! הייסט, וואָס איז ווערט דער האָריזאָנט?! אין וועלכן פענסיאָנאַט האָט איר אַזוי פיל האָריזאָנט? וואָרום פון ריין מעדיצינישן שטאַנדפונקט איז האָריזאָנט אַ זייער געזונטע זאַך, וואָרום האָריזאָנט אַנטהאַלט אין זיך די ריכטיקע ,,אייוויים־באַצילאָקאָקן'', וואָס ווירקן אויף מילץ און לעבער און אויף אַלע זשעבערעס פון מענטשלעכן אָרגאַניזם...

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער אָנגעהויבן צו פאָרן אינם פענסיאָנאַט ,,קאַרפּ אין סמעטענע''. דאָרט האָט ער באַקומען אַ גרעסערע הנחה, כמעט פּאַר אַ דריטל פּרייז.

דער דאָזיקער פענסיאָנאַט ,,קאַרפּ אין סמעטענע'' איז גראָד געשטאַנען צווישן געדיכטע בוימער, אַרומגערינגלט מיט פאַרשיידענע בלומען־בייטן און פאַרשידענע אַנדערע געוויקסן, וואָס בלויז אַ לערער פון באָטאַניק ווייסט אָנצורופן זייערע נעמען.

דעמאָלט האָט דער דאָקטאָר לעמעל אַריבערגעטראָגן זיין דאַנקבאַרקייט אַהערצוצו און האָט וועגן זיין נייעם פענסיאָנאַט גערעדט אויף אַזאַ אופן:

— ווער מיר גוטס גינט, זאָל וווינען אין פענסיאָנאַט ,,קאַרפּ אין סמעטענע'', וואָס איז אַרומגערינגלט מיט גרינס און בוימער. אַ פענסיאָנאַט אָן בוימער איז ווי אַ קאָפּ אָן האָר. וואָרום בוימער אָטעמען מיט ,,כלאָראָפיל'' און ,,אָזאָן'' און גיבן פון זיך אַרויס די נויטיקע שטאָפן, וואָס אַנטוויקלען די ,,צעלעלאָידאָקאָקן''. און בכלל, פון ריין־מעדיצינישן שטאַנדפונקט, איז גרינס אַזאַ זאַך, וואָס באַרואיקט דאָס אויג און די נערוון... פרעגט ביי מיר, איך בין אַ דאָקטאָר. און ווער רעדט נאָך אין די גרויסע היצן, האָט איר שאָטן און עס פאַרהיט אייך פון ,,היצוס־שוויצוס'', וואָס דאָס פירט ווידער צו אַפּאָפּלעקסיע און זון־שלאַג... הייסט, פון דער פּסי־

כאַ־אַנאַליטישער זייט: וואָס קאָן נאָך זיין פאַר אַ גרעסער פאַרגע־ניגן, ווי אויסציען זיך אין אַ הייסן טאָג אין שאָטן פון אַ בוים און איינאָטעמען די „סעקסועלאָראַציטן״ פון די בוימער און די רי־חות פון די בלומען אַרום, און הערן דאָס געזאַנג פון די פויגל, וואָס וווינען אויף די בוימער, וואָרום אָן בוימער זענען נישטאָ קיין פויגל א. אַ. וו. א. אַ. וו.

צוויי חדשים שפּעטער איז שוין אונזער דאָקטאָר געפאָרן אין אַ דריטן פּענסיאָנאַט „דאָס געזונטע העלזל״, פאַר אַ פערטל פּריון און אַ דאָפּל־צימער מיט אַ וועראַנדע און אַ ליג־שטול און עקסטראַ צוויי קאָמפּאָטן צום מיטאָג.

דער פּענסיאָנאַט איז געשטאַנען אין אַ טאָל, נישט ווייט פונם טייכל „פּליוכעוואַטע״. דעמאָלט האָט דער דאָקטאָר אַזוי גערעדט:

— אַ מענטש מוז האָבן אַביסל פייכטקייט און אַביסעלע „ווילגאָטש״. וואַסער איז די געזונטסטע זאַך אין לעבן: דערפאַר זענען פישער און מאַטראָזן די שטאַרקסטע מענטשן — מחמת זיי האָבן צו טון מיט וואַסער. וואַסער מאַכט מעסיק די טעמפּעראַטור אַרום דרויסן; וואַסער אַנטהאַלט אין זיך וואַסער־שטאָף, שטאָף־וואַסער און אַנדערע שטאָפן. פרעגט ביי מיר. איך בין אַ דאָקטאָר. איך ווייס. פייכטקייט מאַכט געזונט די נערוון. עס שיצט אייך פון „אַסטמאַ בראָנכיאַליס״ און „אַסטמאַ קאַרדינאַליס״; עס רייניקט די אויבערשטע, ווי אויך די אונטערשטע קאַנאַלן. איר זענט זיכער, אַז איר אָטעמט נישט מיט קיין שטויב, וואָרום פון ריין־מעדיצי־נישן שטאַנדפּונקט ליגט זיך שטויב אויפן האַרץ, עס טריקנט אין האַלז און מען קאָן באַקומען „סוכאָטע גערגעריקום״. פון שטויב קריגט מען זאַמד אין די נירן, זאַמד אין די אויגן, זאַמד אין מויל, זאַמד אין די זאָקן... און אַנדערע אַזעלכע זאַמד־האַרילאָידאָקאָקן.

ערשט דאָ גאָר לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן פאָרן אין דעם פּענסיאָנאַט „גן־עדן־פויגל״, אינגאַנצן אָן געצאָלט, פריע באַהוי־

צונג, אומזיסטע באַלייכטונג און אַ פריע דראַזשקע צו פאָרן צום באַן.

דער פענסיאָנאַט געפינט זיך אויף אַ טרוקן זאַמדיק בערג. און פאַר אַזאַ הנחה איז דער דאָקטאָר געווען אַזש גערירט, און ער האָט מיט באַגייסטערונג אַגיטירט:

— אויב עמיצער וויל באמת האָבן פאַרגעניגן, ווערן געזונט און שטאַרק, און עס זאָל אים וויל באַקומען, זאָל ער וווינען נאָר אין אַ פענסיאָנאַט אויף אַ זאַמדיקן פּלאַץ. ווייל זאַמד, פון ריינ־מעדיצינישן שטאַנד־פונקט איז זייער אַ געזונטע זאַך. זאַמד אַנט־האַלט אין זיך פינף גראַד „סיליציום" און דריי מיט אַ האַלבן גראַד קאַרבאָניקום; „ווילגאַטש" איז דער גרעסטער שונא פון מענטשן; „ווילגאַטש" מאַכט אַ תל פון דער מענטשלעכער דיאַג־פראַגמע און פון דעם גאַנצן „נערוווס־מוסקולאַטורום". פון וואַ־נען, מיינט איר, נעמען זיך דאָס וואַסער אין קאָפּ, דאָס וואַסער אין זייט, וואַסער אין נאָז, וואַסער אין די שיך — אויב נישט פון „ווילגאַטש"?... זאַמד, זאַמד זאַפּט אין זיך אַריין אַלע ווייטאָגן פון „פּראָפעלאַקטום ־ האַנצטום" און געשוואָלענעם לעבער... זאַמד אַנטוויקלט אינם מענטשן די ריכטיקע וויטאַמינען און אַנדערע דריזן... און אַזוי ווייטער און ווייטער — — — — — — — —

אַז מען שמועסט, אַ דאָקטאָר מיט ריכטיקע און אָביעקטיווע איבערצייגונגען.

אלט און נײַ

צוויי הייזער האָב איך וואו ן אַרייַנצוגיין, און אין ביידע קאָן מען נישט אַרייַנגיין.

איין הויז געהערט צו מיין פריינט שמעון יפת. ער איז אַ זאַמלער. אַ מענטש מיט אַ גרויסן חוש פאַר היסטאָרישע אַלטערטימלעכקייטן, אַ פאַרברענטער ליבהאָבער פון אַנטיקן.

דאָס צווייטע הויז געהערט צו מיין פריינט לעאָן גאַוווזע. אַ מענטש פון סאַמע נייעסטן סטיל און פון לעצטן מאָדע־קוויטש.

ביי ביידן בין איך זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. זיי נעמען מיך אויף בתשועות־חן. ביידע געפינען אין מיר די אייגנשאַפטן, וואָס שטימען מיט זייער גייסט. איינער געפינט אין מיר די שענקייט פון אַלטערטום, דעם הויך פון דורות (איך בין שוין אַ בחור אין יאָרן). דער אַנדערער ווידער געפינט אין מיר יוגנטלעכן שוווּנג א. אַ. וו. (מסתמא לויט מיין יונגער נשמה, מחמת איך האָב אַ יונגע נשמה, האָב איך).

ביידע האָבן זיי טעכטער, מוידן אויסצוגעבן, און זיי ווילן עס מיך פאַרשלייערן.

קום איך צום ערשטן, צו מיין פריינט, דעם זאַמלער שמעון יפת—גיט מיר אין נאָז אַריין אַ זעץ אַ מאָדנער ריח פון טוכלע אַלטקייט, פון פאַרלעגענע חפצים. ער אַליין גייט אָנגעטון אין אַ טערקישן שלאָף־ראָק מיט אַ זילבערנעם גאַרטל, וואָס, ווי ער זאָגט, שטאַמט ער אָפּ פון אַלט־קאַאיראָ. אויפן קאָפּ — אַ מיצל מיט זילבער־האַפּט פון דמשק, און זען זעט ער אויס ווי די באָבע יאַכנע פון גאָלדפאַדענס „כשוף־מאַכערין".

אין שטוב איז פינסטער ווי אין אַ קעלער, מחמת ער האַלט

נישט פון קיין עלעקטרישן לאמפ. עלעקטריש ליכט — זאָגט ער — שמעקט מיט געשמאַקלאָזיקייט. עס ברענען ביי אים בלויז חלבנע ליכט אין אַן אַלטער פאַרזשאַווערטער מנורה, אין וועלכער עס פעלן שוין דריי רערן.

— די דאָזיקע מנורה — זאָגט ער — שטאַמט פון דער וואָרמסער שול פון רש״ים צייטן. בראָנז, האַנד־געשמידט. זיבן הונדערט יאָר אַלט.

איך בלאָנדזשע אין דער טונקלקייט צווישן אָנגעשטעלטע אַלטפרענקישע קאָמאָדעס און ריזן־שאַפעס, מיט שאַרפע גזימסן, וואָס שטעכן מיר די זייטן און רייסן פון מיר שטיקער. מיינע פיס פּלאָנטערן זיך אין די לעכער פון אַלטע טעפּיכער און פּלאַכטעס.

— פאָרזיכטיק — וואָרנט מיך דער בעל־הבית מיט אַן אַלט־פאַרזשאַווערטער שטים — דאָס זענען פּערסישע דיוואַנען, פון סטמבול, פון 16־טן יאָרהונדערט. אָריענטאַליש פאַרבן־שפּיל, בי־זאַנטיש געוועב.

ער רוקט מיר אונטער עפּעס אַ משונה־ווילדן פאָטעל מיט אויסגעדרייטע פיס, וואָס האַלטן זיך אויף משקולת. דער פאָטעל קרעכצט, סקריפּעט.

בכלל רעדט ער מאָדנע ווערטער: „זעצט זיך צו אויף לוד־וויג דעם 16־טן״; „ליגט זיך צו אויף מאַדאַם רעקאַמיע״, „שפּאַרט זיך אָן אויף מאַריאַ אַנטואַנעט״..

איך ווייס נישט אויף וואָס איך זיץ. איך פיל נאָר, אַז די ספּרענזשינעס שטעכן מיר אַזוי, אַז... עס רייסט מיר אויף דער קאָפּ.

— ס׳איז נישט גאָר באַקוועם צו זיצן אויף דעם פאָטעל, — זאָג איך און וויל וויינען.

— וואָס? — וווּנדערט זיך דער בעל־הבית — ס׳איז דאָך די איינציקע שטול, וואָס מען קאָן נאָך אויף איר זיצן. אויף די איבעריקע שטולן קאָן מען שוין גאָרנישט זיצן. מחמת יענע זענען גאָר־גאָר אַלטע אַנטיקן....

— און איצט וועל איך הייסן עפּעס דערלאַנגען צום טיש. אַזאַ גאַסט!

ער רופט אַריין די טאָכטער. זי הייסט זלפּה־גנענענדל. לויט איר אויסזען איז זי אויך אַן אַנטיק פון עפּעס אַן אַלטן פאַרגעסע־נעם יאָרהונדערט, מחמת זי איז זייער ענלעך צו אַן עגיפּטישער מומיע פון טויטענקאַמענס צייטן און זי פּאַסט זיך זייער אַריין אין דעם דאָזיקן רומל.

— דערלאַנג נאָר עפּעס כּיבוד! — באַפעלט ער דער טאָכ־טער און גיט איר דערביי שעלמיש אַ ווונק מיט אַן אויגל.

די טאָכטער דערלאַנגט צום טיש אַ וואַזע מיט פרוכטן, עפּל. באַנאַנעס, ווייַנטרויבן, באַרנעס.

איך וויל עפּעס פאַרזוכן, אָבער עס לאָזט זיך נישט אַרויס־קריגן פון דער וואַזע, און עס איז שטיין־האַרט.

— כאַ, כאַ, כאַ! — לאַכט דער בעל־הבית מיט אַן אַלט פאַרלעגן געלעכטער — מען האָט אייך אָפּגעפּרייערט. עס איז נישט צום עסן. עס איז אַ בעלגישע טעראַקאָטע. וואַרט, איך וועל אים מכבד זיין מיט בעסער כּיבוד.

ער באַווייזט מיר צוואַנציק חנוכה־לאָמפּן פון דמשק, זיבעצן בשמים־ביקסן פון צפת, צוואַנציק שטערן־טיכלעך פון שכם, אויס־געקראָכענע שייטלען פון אַלט־זאַמאָשטש, נאָז־רינגען פון פּדן־ארם און אַ טאַבאַק־פּושקע, פון וועלכער דער בעל־שם טוב האָט געשמעקט טאַבאַק.

איך וויל וויסן ווי שפּעט עס איז.

אפשר צוועלף זייגערס שטייען ביי די זייטן; אויסטערלישע זייגערס, אָבער מען קאָן נישט וויסן פון זיי ווי שפּעט עס איז.

— אָט דעם דאָזיקן זייגער — ערקלערט דער בעל־הבית — דאַרף מען בלויז איינמאָל אָנדרייען און ער גייט אַ קיילעכיק יאָר. ער ווייזט די צייט, די דאַטע און שפּילט קוראַנטן. לעת־עתּה שטייט ער, עס איז גאָר אַ וווּנדערבאַרער אַנטיק. שוין צוויי הונדערט יאָר, אַז ער גייט נישט...

איך גיי אַרויס אַ הונגעריקער, אַ פאַרשמאַכטער, אַ פאַרשטויב־טער, מיט אַ געפיל, ווי איך וואָלט שוין אַלט געוואָרן אפשר אַ דריי הונדערט יאָר. איך גיי אַרויס ווי פון אַ פינסטערער קאַטאַקאָמבע און דאַנק גאָט: ענדלעך אויף דער ליכטיקער וועלט!...

דאָס צווייטע הויז, פון מיין פריינט, לעאָן גאַוווזע, איז, ווי געזאָגט, איינגעאָרדנט העכסט מאָדערן. ער רופט עס קאָנסטרוקטיוו־פוטוריסטיש־קוביסטיש...

קודם־כּל, ווען איר קומט צו צום הויז און איר ווילט זיך אויפהייבן אויף די טרעפּ, מוזט איר זיין זייער פאָרזיכטיק, מחמת די טרעפּ זענען דאָ געבויט אין אַן אויסערגעוויינלעכן סטיל, קוביסטיש־להכעיסדיק, אַנטיסימעטריש. געדרייט און געבראָכן, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש, און ווען איר זאָלט נישט זיין געוווינט פאָרזיכטיק, קאָנט איר נאָך, חלילה אַראָפּפאַלן און קריגן רסוק־אברים.

נאָכדעם, אַז איר קומט שוין מיט מזל אַרויף אויף די טרעפּ, און איר קומט אַריין אין פאָדער־צימער, בעדאַרפט איר, נאַטירלעך, אויפהענגען אייער מאַנטל און הוט. און דאָ שטייט טאַקע עפּעס אַ שטיק מעבל, וואָס דאַרף על־פּי שׂכל זיין אַ הענגער. נאָר עס וועט אייך קאָסטן געוווינט מי און קאָפּ־ברעכעניש, ביז איר וועט אויסגעפונען דאָס האַרבע פּראָבלעם, ווי אַזוי אַרום מען הענגט אויף אויף דעם דאָזיקן קונציקן הענגער אַ בגד...

איר גייט ווייטער. די גאַנצע וווינונג איז צעמאָלט אין פאַרשידענע שרייענדיקע קאָלירן. געל־גרין־שוואַרץ. רויטע פּאַסן, דרייעקן, קוואַדראַטן, רעדער און שפּיצן, וואָס דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט ווי ווילדע געשפּענסטער און שיסן צום סופיט.

עס הויבט אייך אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן און דרייען אין קאָפּ און איר האָט מורא צו שטעלן אַ פוס.

צו דעם אַלעמען איז דאָ נישט ליכטיק גענוג, מחמת דער עלעקטרישער לאָמפּ איז דאָ אַזוי געמאַכט, אַז פון אונטן איז ער אינגאַנצן איינגעהילט אין אַ טונקעלען וויטראַזש און אַנשטאָט צו לייכטן אַראָפּ, לייכט ער אַרויף צום סופיט־צו.

דער בעל־הבית אַליין גייט אַרום אין אַ פּיזשאַמע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע שטיקלעך בונטע קאָלירן אינם גייסט פון די צעמאָלטע ווענט.

אויך דאָ בעט מען מיך גאַסטפריינטלעך זיצן.

— זיצט, זיצט — זאָגט צו מיר דער בעל־הבית מיט אַ געלן טענאָרל און רוקט מיך אונטער אַזאַ משונה־מאָדנע שטול, וואָס—

ווי ער זאָגט — איז ער געבויט אין קאָנסטרוקטיוון סטיל. פאַרשי־דענע פלעקלעך, וואָס קרייצן זיך אַהין און אַהער און סטאַרטשען קידער־ווידער פון אַלע זייטן; די אָנלענס פאַר די אָרעמס זענען נישט גלייך; איינער העכער, דער צווייטער נידעריקער, יוצא־דופנדיק; און עס שנײַדט אין די עלנבויגנס, און זיצן דאַרף מען אויך קאָנען אויף אַזאַ שטול. ווּאָרום אָט האָב איך צום ערשטן מאָל זיך געפּרוווט זעצן, ווי געוויינטלעך אַ מענטש זעצט זיך, אויף אַ געוויינטלעכן שטול, האָב איך זיך אומגעדרייט מיטן שטול צו־זאַמען און בין צוויי וואָכן, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, געלעגן אין בעט מיט איינגעגיפּסעוועטע פיס און מיט קאָמפּרעסן אויף דעם אָרט, וווּ די פּלייצע פאַרלירט איר נאָמען.

זיץ איך אַזוי אויף דעם משוגעדיקן סדום־שטול, בײַ אַ משוגענעם טיש און ס'איז מיר קאַלט, ווײַל אין שטוב איז נישט געהייצט.

— וואַרעמקייט — זאָגט דער בעל־הבית — שמעקט מיט אַלטן זיסלעכן ראָמאַנטיזם, פּיליסטערס, פּשוטע בעל־הביתלעך האָבן ליב וואַרעם...

דערזעט דער בעל־הבית, אַז איך ציטער פאַר קעלט, איז ער זיך מרחם און הייסט דערלאַנגען טיי.

ער רופט אַרײַן די טאָכטער.

די טאָכטער הייסט גאַלאַרעטאַ טעראַגאָלאַ, און איז אויך גע־בויט ווי אַ מאָדערנע קאָנסטרוקציע, דאַר און לאַנג מיט דאַרע פּלייצעס, לאַנגע הענט און פיס. דאָס פּנים איז אַ סימפאָניע פון בונטע פאַרבן.

זי טראָגט מיר אונטער אַ גלאָז טיי אין אַזאַ כּלי, וואָס אַז מען וויל איז עס ענלעך צו אַן אַש־בעכער, צו אַ טאַבאַק־פּושקע אָדער צו אַ ליולקע, אָבער נישט צו אַ גלאָז. מען דאַרף האָבן אַ קינסט־לערישע פאַנטאַזיע צו טרעפן, פון וועלכער זייט מען טראָגט עס צו צו די ליפּן, און ווי אַזוי מען זופּט דערפון...

ווער איך זייער פּעסימיסטיש געשטימט און טראַכט וועגן גיין אַהיים.

— ווי שפּעט איז?

אנטקעגן מיר שטייט א דריי־עקעכדיקער זייגער מיט א ציפער־בלאט, וואס איז צעמאָלט מיט פאַרשידענע געמעלעכצן.

— א נו, זייט א בריה און טרעפט, ווי שפעט עס איז אט אויף דעם דאָזיקן זייגער? איר וועט נישט טרעפן — רייצט זיך מיט מיר דער בעל־הבית.

א רעבוס נישט קיין זייגער. ערשט יענע וואָך געבראַכט פון מינכען.

ענדלעך שטיי איך אויף זייער פאַרזיכטיק און איך לאָז זיך גיין. מיר שטייט פאַר נאָך א געפערלעכע עקספעדיציע: אראָפּצו־גיין פון די טרעפּ. איבערקומענדיק דאָס אַלץ, גיי איך בשלום אַרויס אויף דער גאַס און איך דאַנק גאָט, וואס איך בין שוין אויף דעם אַלט־מאָדישן דרויסן אונטער דעם באַנאַלן הימל און דער קליינבירגערלעכער לבנה.

מיינע ליבע פריינט, אפשר ווייסט איר פאַר מיר עפּעס א שטוב אריינצוגיין, א געוויינטלעך בעל־הביתישע שטוב, ווו א שטול איז א שטול און א בענקל איז א בענקל, ווו ס'איז ליכטיק און אויף א פעסטן דעמבענעם טיש ליגט א ריין פשוט טישטוך, און מען גיט אייך א בעל־הביתיש גלעזל טיי מיט איינגעמאַכטס, און אין שטוב דרייט זיך אַרום א טאָכטער, א יונגע, א געזונטע באַחנטע מויד מיט א געדיכטן אַלט־מאָדישן קאָפּ האָר און ראָזע באַקן...

אפשר ווייסט איר?....

רחמנות און נקמה

אויף איינעם פון די גאסן־ראָגן צווישן וועגעלעך מיט אַלערליי סחורות, איז געשטאַנען א וועגעלע מיט קוישלעך ווייַנטרויבן. ביי דעם וועגעלע איז געשטאַנען א גאסן־הענדלער, א ברייט־פּלייציקער פּארשוין מיט א גראָב פלאַטשיק פּנים, און עפּענענדיק א גרוים ברייט מויל, ווי א טויער, האָט ער מיט א הייזעריק קול געשריגן אַזעלכע געוואַלטן, פּונקט ווי מען וואָלט אים געקוילעט:

— טרויבן! טרויבן! צוויי זלאָטעס א קילאָ טרויבן! זיסע, גרויסע, זאַפטיקע ווייַנטרויבן!

שבתאי האָניגשטאָק, א געפּאַקטער איידעלער יונגערמאַנטשיק מיט א זיידן פּנימל, מיט א בכבודן יונגן בייכל, איז צוגעגאַנגען און געבעטן אָפּוועגן א קילאָ ווייַנטרויבן.

גיך, רירעוודיק, ווי מען וואָלט אים געיאָגט מיט א בייטש, האָט דער טרויבן־הענדלער געכאַפּט א פּאַפּירן בייטל, אָנגעלייגט מיט טרויבן, אָפּגעוווויגן, און מיט גרוים אייַלעניש, ווי ער יואָלט וואַרטן אויף עפּעס אַן אָנפאַל, אַריינגעשטופּט דעם קונה אין האַנט אַריין.

און כך הוה: נאָך איידער דער קונה האָט באַוויזן צו באַצאָלן, האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן א גרויסע מהומה:

— א פּאָליציאַנט! א פּאָליציאַנט גייט!

דער טרויבן־הענדלער איז געוואָרן נאָך מער צעטומלט. א צעמישטער און א צעשראָקענער, האָט ער זיך גענומען פּאַרען ארום די קוישלעך ווייַנטרויבן, ארום דעם שאַל־און־וואָג, ארום די פּאַפּירענע בייטלען, האָט ראַפּטום א שטופּ געטון דאָס וועגעלע און געמאַכט ויברח.

נאָך אים האָבן זיך געלאָזן די איבעריקע גאַסן־הענדלער מיט זייערע װעגעלעך סחורה. יידענעס מיט בייגל, קינדער מיט צוקער־לעך, בחורים מיט סקאַרפּעטן. מען איז געקראָכן איינע אויף די אַנדערע, זיך געוויקלט אין אַ קנויל, זיך געשטויסן און געפּלאָנ־טערט, ווי אין אַן ערד־ציטערניש.

מאַנכע סחורות האָבן זיך אין סומאַטאָכע צעשאָטן אויפן גאַסן ברוק, נאָר עס איז נישט געווען קיין צייט די סחורה צונויפ־צוקלייבן צוליב דער שרעק פונם אָנקומענדיקן פּאָליציאַנט, וועל־כער איז ממונה, לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, צו רודפן און צו באַקעמפן דעם גאַסן־הענדלער.

אין דער מהומה האָט זיך דערוויייל אונזער שבתאי האָניג־שטאָק אויסגעדרייט פון צו באַצאָלן פאַר די טרויבן. ער האָט גע־האַלטן די צוויי זלאָטעס אַזוי לאַנג אין האַנט, ביז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מען קאָן זיי דרייסט אַריינלייגן צוריק אין קעשענע אַריין.

האָט ער זיי אַריינגעלייגט צוריק אין קעשענע און זיך געלאָזט גיין.

געגאַנגען און געטראַכט:

„איך וויים נישט פאַרוואָס, נאָר שטענדיק, ווען איך דערזע אַזאַ העסלעכע „אַבלאַווע" איבער די גאַסן־הענדלער, ווערט מיר דאָס האַרץ צעריסן אויף שטיקלעך. אפנים, אַז איך מוז טאַקע האָבן אַ ווייך האַרץ — האָט ער גערעדט פאַר זיך, לייגנדיק די זאַפטיקע טרויבן אין מויל אַריין—וואָס פאַר אַ ברוטאַלער, העסלעכער געיעג אויף אָרעמע, הונגעריקע, אומשולדיקע הענדלער! איך דערמאָן זיך זיינע צעשראָקענע, אויסגעלאָשענע אויגן, און דאָס האַרץ פאַר־לויפט מיר מיט בלוט... אַזאַ רחמנות, אַזאַ צער!"

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטאָט־פּאַרק.

דאָס הערבסט־וועטער איז געווען אַזוי שיין, ווי אין אַ שונד־ראָמאַן. די הערבסט־ביימער פון דער הויפּט־אַליע האָבן זיך אויס־געשטעלט ווי פּרעמירטע שיינהייטן מיט זייערע בלאָנד־ און געל־

דוים געפּאַרבטע טשופּרינעס. די לופט איז געווען פריש און קוויקנד, ווי אַ קאַלטער טרונק „אָראַנזשאַדע״.

שבתאי האָניגשטאָק איז זיך געגאַנגען בנעימות, געשעפּט פרישע לופט, געצופּט טרויבן פון זעקל און געהאַט שטאַרק רחמנות אויף די גאַסן־הענדלער.

„אַזאַ רחמנות, אַזאַ רחמנות!...״

דאָס ערשטע צווייגל ווייַנטרויבן איז נאָך געווען צום עסן: שטייף, זאַפטיק און געגוג גרויס. דאָס צווייטע הענגל איז שוין געווען קליין, ווייך, זויערלעך און אַביסל אָנגעפּוילט.

די מילדע, זעלבסט־צופרידענע רחמנות־שטימונג פון אונזער העלד איז צוביסלעך צערונען.

דאָס דריטע הענגל טרויבן איז שוין געווען אינגאַנצן צעפּוילט, צעפּלעשטשעט און נאַס. אויפן סאַמע דעק פון זעקל האָט ער שוין געפונען אַ הויפן מיסט.

ער האָט אַרייַנגעכאַפּט אַ זייער ביטערן טרויב אין מויל, האַסטיק אויסגעשפּיגן און געוואָרטשעט:

„סם־המות! טפו! אַ מצוה אויף זיי! אַזעלכע גנבים! פון אויבן לייגן זיי אַרויף אַביסל גוטע, גרויסע, געקליבענע ווייַנטרויבן, און אונטן — מיסט, סם המות. וואָס מען טוט מיט זיי, זענען זיי ווערט. אויסראָטן דאַרף מען זיי, די גאַסן־הענדלער! ווי די הינט דאַרף מען זיי יאָגן!... אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳זאָל אים די צוויי זלאָטעס נישט באַצאָלן... אַזעלכע גנבים! אַזעלכע שווינדלער! אַ מצוה אויף זיי! טפו! צו אַלדע רוחות!...

מ'פירט אויף מיינע א פיעסע

עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַביסל אומשטערבלעכקייט. איך האָב זיך מתקנא געווען אָן שעקספיר, מאָליער, גאָגאָל און נאָזשיק און האָב פאַרפאַסט א טעאַטער־שטיק.

ווי פיל איך זיך? אודאי פיל איך זיך יום־טובדיק, חתנדיק און יובילעאומדיק. איך ווייס נישט, וואָס שפּעטער וועט זיין. דער־ווייל אָבער בין איך די פּאָפּולערסטע פּערזאָן. און אויב די וועלט רעדט וועגן עמיצן — איז עס וועגן מיר, מוסאָליני, דעם נעגוס און דאָס גלייכן. דאָס אויספירן פון מיין שטיק איז נישט קיין קלענערע געשעעניש, ווי דער סאָציאַליסטישער זיג ביי די לעצטע פראַנצויזישע וואַלן.

עס איז נאָר נישט גוט, וואָס שוין א לענגערע צייט, אַז איך דאַרף זיין פריינטלעך צו מיינע קאָלעגן שרייבער. איך דאַרף צו זיי שמייכלען, קאָקעטירן, זיין צו זיי זיס, ווי פאַסטערנאַק־צימעס. און דאָס איז דאָך אַזוי שווער. יעדן איינעם מוז איך זאָגן קאָמ־פּלימענטן און מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק מיטן וואָרט „גראַ־פאָמאַן". יעדער איינער ווערט ביי מיר יעצט געקרוינט מיטן נאָ־מען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי געניאַל־קאָלאָסאַלער ריזי־קער טיטאַן.

ווער שמועסט נאָך מיט די טעאַטער־רעצענזענטן — דאַרף איך זיין חלה מיט האָניק.

דערזע איך אַזא איינעם, לויף איך אים אַנטקעגן. האָב שטענ־דיק גרייט א סיגאַרעט, שטענדיק גרייט א שוועבעלע. אין די קע־שענעס טראָג איך מיט בלערליי פּאַפּיראָסן, ווי יעדער פאַרגינט

זיך. איך האָב אפילו ביי זיך ליולקע־טאַבאַק, מחמת אפשר רווי־כערט ווער א ליולקע.

ביז וואַנען מען וועט שטעלן מיין פּיעסע, מוז איך דער־ווײַלע שטעלן בראַנפן. נאָך קיינמאָל איז נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען פון מיר א גמילות חסד, ווי לעצטנס. און חברה האָבן עס דערשמעקט. א פּאַהיבעל אויף זיי.

פאַר חבר שעפּנערן צאָל איך שוין צוויי חדשים דירה־געלט. די חברים נייִמאַן און ציטלין שיקן מיר אַריין זייערע גאַז־רע־כענונגען, קיפּניסן האָב איך שוין געקויפט א פּאָר קאַלאָשן, און ער וויל נאָך א קלייניקייט, איך זאָל צאָלן זיינע וועקסלען. הײַנט שנעפּסלעך, קראַוואַטן, טאַקסוווקעס און צוקערניעס, און קאָמפּאָטן און פּאַנטשקעס און געלויבט דער אויבערשטער, א סוף. מאָרגן איז די פּרעמיערע, אַנדערש וואָלט איך רואינירט געוואָרן.

אַמערגסטן דערקוטשעט מיך דירעקטאָר מאַזאַ. אַלע טאָג זאָל איך אים געבן מיטאָג מיט גענזנס. ער פּאָרדינט, זאָגט ער, עס כשר. אַז ער גייט, זאָגט ער, אויספירן אַזאַ שמאַטע, זאָגט ער, איז ער ווערט מען זאָל אים אָפּגילטן.

און וואָס נאָך וויל ער: איך זאָל זיך לייגן אונטער א טראַמ־ווײַ און זאָל מיך לאָזן איבערפאָרן. מחמת פאַר א פּרעמיערע, אויב דער אויטאָר באַגייט זעלבסטמאָרד, איז דער ערפאָלג געזו־כערט.

איך ווייס ? אפשר איז ער גערעכט.

דער רעזשיסער איז דוקא א פּרייַנטלעכער מענטש און א גרוי־סער אָפּטימיסט. ער האַלט אונטער מיין מוט.

— נישקשה — זאָגט ער. — פון אַזא טאַלאַנטלאָזער מאַכע־רייקע (אַזוי הייסט ביי אים מיין שטיק) זאָגט ער, וועט ער שוין עפּעס מאַכן. הלוואי.

א מאָדנע טבע האָט מיין רעזשיסער. ער האַלט אין איין קירצן, אויסשנייַדן און אַרויסוואַרפן גאַנצע שטיקער. ס׳איז געזונ־טער, זאָגט ער, פאַר מיר און פאַר מיין קאָמעדיע. אַרויסגעוואָר־פענע שטעלן, זאָגט ער, האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפייפט.

און ווען איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז די פּיעסע מיינע איז

דאכט זיך געוואָרן צו קליין און אַז עס וועט דויערן צו קורץ, ענטפערט ער, אַז די פּיעסע וועט דויערן פונקט, וויפיל אַ פאָרשטע־לונג דאַרף דויערן.

און ער מאַכט אַזאַ חשבון. נאָך יעדן אַקט, זאָגט ער, וועט מען זיכער 10 מינוט פייפן, 10 מינוט וועט דויערן דאָס באַ־וואַרפן אייך מיט קאַרטאָפל און אייער אויף דער בינע, 15 מי־נוט וועט מען אייך שלאָגן. 10 מינוט וועט דויערן דאָס ברענגען די פּאַגאַטאָוויע און דאָס מאַכן אייך אַן „אַפּאַטרונעק". נמצא, אַז עס וועט פאַרנעמען פונקט אַזוי פיל צייט, וויפיל אַ פּיעסע דאַרף פאַרנעמען.

על כל פנים ראַט ער מיר, צו האָבן אין קעשענע אַן אויסלענ־דישן פּאַס. הלואי זאָל מען נישט דאַרפן, זאָל זיין...

דעם דריטן אַקט האָט ער אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן, מחמת ער גלויבט נישט, אַז עס וועט זיך נאָך אויפן זאָל געפינען אַ לע־בעדיקער מענטש, וואָס וועט זיצן און וואַרטן אויפן דריטן אַקט...

מיט דעם ערשטן אַקט איז נאָך אַ האַלבע צרה: אין יידישן טעאַטער — ביז וואַנען דאָס פּובליקום קומט אַריין אין טעאַטער, ביז מען צעזעצט זיך און ביז עס ענדיקט זיך דאָס אַמפּערניש אי־בער די פּלעצער, — גייט דורך דער ערשטער אַקט.

דאָס שווערסטע פּראָבלעם איז: וואָס טוט מען מיט דעם צווייטן אַקט, דאָס הייסט, מיט דעם מיטלסטן? נישט צו שפּילן און נישט אַרויסצוואַרפן.

גרויסע שוועריקייטן האָב איך מיט דער טרופּע. קיין איינער פון דער טרופּע וויל נישט שפּילן די ראָלע, וואָס מען גיט אים.

וואָס זענען דאָס פאַר אַ ראָלן, פרעגן זיי. מען קאָן דען שפּילן אַזעלכע ראָלן?... זיי וועלן זיך דאָך בלאַמירן...

אַ נס, וואָס אין אַרטיסטן־פאַראיין איז דאָ אַ שטאַרקע דיס־ציפּלין און די אַרטיסטן מוזן נעבעך שפּילן.

וואָס זשע טוען זיי? זיי זאָגן נישט, וואָס איך האָב געשריבן, נאָר זאָגן דאָס, וואָס זיי אַליין פאַלט איין.

איינמאָל, אַז איך בין געקומען צו אַ פּראָבע, האָבן מיך די

אקטיאָרן באַגעגנט מיט אַ גרויסע אָוואַציע און אָנגעזאָגט מיר אַ גרויסע בשורה טובה.

— ס'אסברא, אַז היינט האָט איינער פון די ארטיסטן ארויסגעזאָגט אַ פּראַזע, וואָס שטייט בפירוש געשריבן אין מיין קאָמעדיע. איך זאָל טאַקע שטעלן בראָנפן צוליב דער געשעעניש.

איבעריקנס — איך, אַלס גרויסער מענטשן־פריינט און הומאַניסט, וועל גאָרנישט האָבן דאַקעגן, אויב מיין שטיק וועט דורכפאַלן. וואָרום אַז מיין שטיק וועט האָבן דערפאָלג, וועל איך בלויז איינער אליין זיין צופרידן, אָבער אַז איך וועל האָבן די אמתע פיאַסקאָ, וועלן זיך פרייען גוטע פריינט, שונאים, באַקאַנטע און קאָלעגן און עס וועט אַלעמען הנאה טון.

דאָס טעאַטער וועט זיין באַהייצט.

דער „קאָמוניסט"

דער בעל־הבית שמערל קרופניק איז נישט לאַנג נאָך דער חתונה. פאַר די פיר הונדערט זלאָטעס נדן, וואָס דער שווער האָט אים געגעבן, האָט ער געעפנט אַ קרעמל אין שטעטל פּאָקראָקע אויף דער שמאָלער־הערינג־גאַס. אין קרעמל געפינען זיך כלערליי סחורות: גאַלאַנטעריע, שרייב־מאַטעריאַלן, שפּילצייג, צוקערוואַרג. צייטונגען, סאָדע־וואַסער מיט סאָק, גומי־וואַרן, אַ וואַג־שאַל צום וועגן זיך, וכדומה...

דאָס דאָזיקע קרעמל איז טיילמאָל אויך אַ קלוב פאַר דער שטעטלדיקער פּאָקראָקער אינטעליגענץ, וועלכע קלייבט זיך צונויף כאַפּן אַ טרונק סאָדע־וואַסער, כאַפּן אַ קוק אין די צייטונגען און כאַפּן אַ שמועס וועגן אַלערליי פּאָליטישע פּראָבלעמען, פּראָגראַמען און אַנדערע „אידעאָלאָגיעס".

שמערל קרופּניק אַליין איז מסוכן קאָמוניסטיש געשטימט, אויף וויפיל עס לאָזט זיך אין די ראַמען פון דער אומבאַרירלעכקייט פון זיין פּערזאָן... און ער איז טאַקע שטאָלץ אויף דעם, ווייל ער באַזיצט אַזעלכע שטימונגען וואָס פאַר זיין שטעטל און פאַר דער אינטעליגענץ זענען זיי אַ וואָרער סורפּריז.

בשעת אין געוועלבל אַנטשטייט אַ דיסקוסיע פון פאַרשידענע יונגע־לייט וועגן פּאַרטייען און אַנדערע פּאָליטישע פראַגן, זיצט זיך שמערל און שמייכלט אונטער פאַר זיך מיט אַ ביטול־שמייכעלע, ווי איינער זאָגט:

— איר זענט אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. אַלע אייערע אידעאַלן מעגן ביי מיין אידעאַל די פּעטשערעס הייצן.

ווען אין דער נאָנטער שטאָט ריכט מען זיך אויף קאָמוניסטי־

שע דעמאָנסטראַציעס, נעמט ער אָנטון דעם מאַנטל. שרה קײלע, דאָס װײַב זײַנס דערשרעקט זיך:

— שמערל, װוּהין?

— אויף באַריקאַדן!

— שמערל, גײ נישט. האָב רחמנות. זעט נאָר מענטשן, ער װיל דאָך גײן אויף באַריקאַדן. אויף װעמען לאָזטו איבער דאָס קרעמל?... ס'איז דאָך הײַנט אַ מאַרק־טאָג.

לאָזט ער זיך איבערבעטן, טוט־אויס דעם מאַנטל און בלײַבט זיצן.

עס טרעפט אין געשעפט קומען זיך צונױפֿ... צוזאַמען די פּאַרטײיִשע יונגע־לײַט, צוזאַמען מיט אַנדערע קונים און עס צופֿלאַקערט זיך אַ דיסקוסיע איבער פּאַרטײ־ענינים. אין געשעפט שטײט אַ גערע־דערײ און האַמפּערײ װי געװז; דעמאָלט איז שמערל שטאַרק אויפֿ־געלײגט פֿון דעם גרויסן לײזונג און ער צעלאָזט זיך מיט זײַן צו־נויפֿגעמישט מענה־לשון. ער באַהאַנדלט גלײַכצײַטיק די קונים און דיסקוטירט מיט די חברים.

— אַז איך פֿאַרשטײ נישט, צװואָס איך זאָל מײַן גײַסט צושפּליטערן אויף קלײנע אידעלעך, אַז איך קאָן פֿאַר אײן קלאַפּ... אָפּװעגן 2 לויט ריצנאַיל? גוט; פּאַק־אײַן... שרה־קײלע... פֿאַרװירק־לעכן די גרויסע אוניװערסאַלע אידעע—פֿאַר 15 גראָשן, נישט װײַ־ציקער אַ פּעניק... און אויב אַ רעװאָלוציע האָב איך ליב אײן גרויסע סאָציאַלע רעװאָלוציע... מיט סאָק? צי רײַן — סאָדע־װאַסער? שרה־קײלע, גיס־אָן!... אַ רעװאָלוציע מיט... מאַלינע־סאָק... מיט האָריזאָנטן, פּערספּעקטיװן און... צװײ טוץ הױזן־קנעפּלעך... דינגט זיך נישט, איך בעט אײַך... „סמאַלע" פּרײַזן... איבעריקנס, 10 גראָשן און יוצא... שרה־קײלע, קריך אַרויף אויף די באַרי־קאַדן, מײַן איך, פּאָליצע, און נעם אַראָפּ די שנוראָװאַדלעס. שװאַרצע? ברױנע?... 20 גראָשן, נישט װײניקער. זײַט מוחל, פּרײַלין, אַז מען רעדט דורכן טעלעפֿאָן, דאַרף מען צאָלן; און גיט מיר נישט קײן פֿאַלשע 20 גראָשן־שטיק, װי נעכטן... אויב קאַמף,

זאָל זיין קאַמף! 30 גראָשן אַ ראָלקע. יונגעלע קויפסט די בלייפעדער, אָדער נישט? פינף גראָשן, נישט ווייניקער און הער אויף צו באַלאַמוטשען... איינס, צוויי, דריי, פיר.. זאָל די וועלט אונטערגיין... יונגעלע, ס'פעלט אַ גראָשן!.. אַ וועלט־שרפה! אָט־וואָס!... וואָס? זאָגט מיר אויפן אויער... וועלכע מאַרקע?... גוט... שטאַרקע. איך זאָל אַזוי דערלעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, עס וועט נישט פּלאַצן, פּלאַצן זאָל די קאַפּיטאַליסטישע וועלט און אַ נייע מענטשהייט זאָל אויפשטיין... מיט אַ ניי לעבן, מיט אַ נייער אָרדנונג, מיט נייע... זאָקנבענדלעך... פאַר דאַמען, צי פאַר מענער? בעסטע קוואַליטעט... אויפּבּרוויז... מיר דאַרפן אויסראָטן די בורזשויעס מיט — פליגן־פּאַפּיר... בעסערער סאָרט... איר וועט מיר דאַנקען...: שרה, פּאַקן־איין.

א ברודער, וואָס ווערט פון קיין זאַך נישט נתפּעל

דערציילט מיר דאָ, אין ניו־יאָרק, אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען היימי גרינסטאָן אַזאַ געשיכטע:

— צוויי ברידער זענען מיר געווען אין אַ קליין שטעטל אין ליטע, ראַזעניאַיע. איך האָב געהייסן חיים, און מיין ברודער—נאַכע. איך בין געווען אַן אויפגעקלערטער, און אַ פאָרגעשריטע־נער, האָב שטאַרק געהאַלטן פון קולטור און ציוויליזאַציע. דאַקעגן מיין ברודער איז געווען אַ לערנער, אַ פרומער, אַן אָפּגעשטאַנע־נער און נישט געהאַלטן — נישט פון קולטור און נישט פון צי־וויליזאַציע.

האָב איך פון אים געהאַט גרויס פאַרדרוס און עגמת־נפש, מחמת פון קיין זאַך איז ער נישט געוואָרן נתפּעל, וואָס פאַר אַ נייע אויפטועכצן און ערפינדונגען עס האָבן זיך נישט באַוויזן אויף דער וועלט, און פון וואָס פאַר אַ חידושים און המצאות פון דער טעכניק איך האָב אים נישט דערציילט, האָט ער אַלץ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און מיט גרויס בטול געזאָגט: ,,פכע״.

אָט דער ,,פכע״ זיינער פלעגט מיר דערגיין די יאָרן.

— וואָס איז דער ,,פכע״, וואָס דו פויעכעסט? — פלעג איך פרעגן.

פלעגט ער אויף דער שאלה ווידער ענטפערן מיט אַ ,,פכע״.

מילא, פון ליטעראַטור, ביכער און פּאָעזיע האָט ער אוודאי נישט געהאַלטן.

איך פלעג אויף טשיקאַוועס אויסקלויבן די בעסטע ביכער:

טאָלסטאָי, טורגעניעוו, פושקין, פלעג זיי פּאָר זיינעטוועגן אי־איבערזעצן און בשעתן עסן (בשעתן לערנען וועל איך דאָך אים נישט שטערן) אים איבערלייענען די בעסטע שטעלן, און פלעג דאָס לייענען מיט אַזאַ געפיל און מיט אַזאַ התלהבות. פלעגט ער אויסהערן, אויסהערן, אַ מאַך טון מיט דער האַנט, אַ קוועטש טון מיט אַ האַלבער נאָז, אַ זאָג טון זיין געוויינלעכן „פּכע" און נעמען בענטשן.

אפילו פון אַ באַן און אַ לאָקאָמאָטיוו האָט ער נישט גע־האַלטן.

— עס איז פאַרע און ווייטער גאָרנישט. און וויבאַלד פאַרע, איז דאָך נישט שייך. פּכע!

וואָס דאַרפט איר מער, אַזוי ווי עס האָט זיך באַוויזן דער גראַמאָפאָן אויף דער וועלט, בין איך ספּעציעל געפאָרן קיין ווילנע און דער ערשטער אַראָפּגעבראַכט אַ גראַמאָפאָן. אָנגע־שטעלט איין זאַך, אַ צווייטע זאַך. עס האָט גערעדט, עס האָט געזונגען, עס האָט געשפּילט. און ער, ער האָט אויסגעהערט, אויס־געהערט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געזאָגט:

— מילא־מאַ, מען רעדט אַריין אין קעסטל, רעדט עס אַרויס. פּכע.

— זאָלסט מיר אויפהערן צו „פּכעקען", דו הערסט?!

האָט ער ווידער געמאַכט „פּכע" מיר אויף צו־להכעיס, און מיר זענען געוואָרן דם־שונאים. כ'ווייס נישט, צי איז ער געווען מיר אַ דם־שונא, נאָר איך אים האָב נישט געקאָנט מוחל זיין. אַ מענטש זאָל פון קיין זאַך נישט נתפּעל ווערן.

און נאָכדעם, אַז עס זענען געקומען די הונדערטער דערפינ־דונגען: אַעראָפּלאַנען, קינעמאַטאָגראַף, באַצילן, ראַדיאָ, אויטאָ־מאָבילן — דערפינדונגען, וואָס קאָנען, דאַכט זיך, רירן אַ שטיין. און ער — „פּכע" און „פּכע". אַ ספּרענזשינע און ווייטער גאָר־נישט.

שפּעטער בין איך אָוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווייל פּאָ־

א מענטשן, ווי איך,איז אמעריקע, ווי געבוירן. אין אמעריקע איז דאָך די אמתע אינזשיניעריע: הענגנדיקע בריקן, די טונעלן אונ־טערן וואַסער, הימל־קראַצער, הויך־באַנען, אונטער־ערד־באַנען אויף יעדער טריט. מאָדנע חדושים: דאָ נייט זיך אַ פּאָר שטיוול גאָר אָן הענט; דאָ פּרעסן זיך קאַפּעליושן פון זיך אַליין און דאָ שטייט אַ מאַשין, וואָס מאַכט אייז, און דאָ שטייט אַ מאַשין, וואָס באַקט לאַטקעס, ממש — הייסע, זודיקע לאַטקעס אַליין פון זיך, גאָר אָן מענטשן. הכּלל, עס באַקט, און עס קאָכט, און עס נייט, און עס פּאָרט, און עס וואַשט געפעס, און עס פרעסט הויזן און אַלץ מיט מאַשינען. מען דאַרף נור געבן אַ קוועטש אַ קנעפּל און עס טוט זיך.

גיי איך אַרום און טראַכט אַלץ, ווו נעמט מען אַהער מיין ברודער נאַכען, זאָל ער דאָס אַלץ זען. אָהאָ! דאָ וואָלט ער שוין נישט געמאַכט „פּכע”, דאָ וואָלט ער שוין געמאַכט: „אָווא”!

און איך האָב באַשלאָסן אַראָפּברענגען אים קיין אַמעריקע. איר וועט לאַכן, נאָר אַז צוליב אַמביציע, וואָס עסט זיך איין אין מענטשן, איז דער מענטש עלול צו טון די גרעסטע טאַטן.

האָב איך אים אַראָפּגעברענגט קיין אַמעריקע.

איך האָב אים אַראָפּגענומען פון שיף, אים אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי און כּדי אים צו פּריטשמעליען, אָט דעם בטלן פון ראַזעניאַיע, האָב איך אים תּיכּף כּדי דבור געגעבן אַ פיר אַוועק אין סאַמע האַרץ פון ניו־יאָרק, צווישן די סאַמע הימל־קראַצער אויף בראָדוויי. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך. מיליאָנען פייערן האָבן זיך אָנגעצונדן, געטאַנצט און געשפּרונגען אין אַלערליי קאָלירן. נאָ — האָב איך געטראַכט — זאָל ער, מיין ברודער, דער־זען אָט דעם אָנגעלויף פון מיליאָנען מענטשן; זאָל ער זען די ריזיקע רעסטאָראַנען, האָטעלן, טעאַטערס, מיט די ריזיקע ליכטי־קע רעקלאַמעס, וואָס שרייען קולות, מיט דעם גאַנצן הו־האַ, מיט דעם טראָמבען פון די אויטאָס, און בראַזשג פון די הענג־באַנען. מיר וועלן שוין זען, וואָס ער וועט דערויף זאָגן.

ערשט — מיין ברודער, ער זאָל עס אפילו אַ קוק טון פון פענסטער פון אויטאָ. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פּאָרען,

טאַפּן זיך אין די בּוזעם־קעשענעס און איין נאָכפרעגן בּיי מיר:

— זע נור, חיים, אַלע פּעקלעך זענען דאָ? האָבּ איך עפּעס נישט פאַרגעסן אויפן שיף? און גיבּ אַ קוק, האָבּ איך בּיידע קאַלאָשן אויף די פיס? און דאָס טלית־זעקל איז דאָ?

טראַכט איך — אַזאַ עקשן בּיזטו, וועל איך דיר באַלד באַווייזן. און היים דעם אויטאָ זיך אָפּשטעלן בּיים סאַמע עמפּייר־סטייט־געבּיידע. דאָ, בּרודער, וועל איך דיר אַרויפשלעפּן אין דער הויך. איך וועל דיר אַריינזעצן אין אַ הויבּ־מאַשין און מיר וועלן זיך געבּן אַ הויבּ אַרויף הונדערט און צוויי שטאָק. אויפן סאַמע שפּיץ פון טורעם. דאָרט, פון דער הויך וועסטו געבּן אַ קוק אויף ניו־יאָרק, און אויבּ אויך דאָ וועסטו נישט פּריטשמעליעט ווערן איז די וועלט קיין וועלט נישט.

אויפגעהויבּן זיך מיט אים אויפן סאַמע שפּיץ פון עמפּייר־סטייט־געבּיידע און מיינט איר — וואָס איז געווען? איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין בּרודער. מיין בּרודער שטייט אין אַ זייט און שאָקלט זיך. ער — דאַוונט מנחה. איר פאַרשטייט? אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ הונדערט־און־צוויי־שטאָקיקע געבּיידע שטייט ער און דאַוונט מנחה. אַזאַ חלול השם.

הכלל, אויף מאָרגן האָבּ איך אַוועקגעפירט מיין בּרודער צוריק צום שיף.

זאָל ער פאָרן אַהיים קיין ראָזענאָיע און פּטור.

זי'איז א סימפאטעקערין פון סאוויעט־רוסלאנד

די שיינע מאדאם פעליציע פיינשטיין, די פרוי פון באנק־דירעקטאר באאז פיינשטיין, מיט איר גרויסן קאפ בלאנדע האר, איז א דאמע פון דער הויכער געזעלשאפט, אבער פון מאדערנעם שניט. אן אנהענגערין פון קאמוניזם און א סימפאטעקערין פון סאוויעט־רוסלאנד.

איר בודואר איז מער ווייניקער אויסגעשטאט אין רוסיש־קאמוניסטישן סטיל. דער הויפט קאליר איז רויט. אויף די ווענט, צווישן די אלע בורזשואזע בילדער לאזן זיך מערקן שארפע, פאר־ביקע סאוויעטישע פלאקאטן. איבערן בעט הענגען די בילדער פון קארל מארקס און מאנא ליזא, וועגנוס און קאלינין. אויף דעם מאר־מארנעם קאמין שטייען פארשידענע אויסארבעטונגען פון סא־וויעטישער היימישער קונסט, ווי אויך א פינף־זעקס סאמאראדנע סאמאווארן פון סאמע טולע.

פון די איטאליענישגעשניצטע רויט־האלץ - שאפעס ווארפן זיך דורך צווישן אלערליי ראמאנען, מאדע און קינא־זשורנאלן, אויך סאוויעטישע ביכער אין לעדערנעם איינבאנד און גאלדענעם שניט.

אליין גייט זי ארום אין א רויטע קימאנע מיט זיידענע אר־בעטער־הויזן, פארשפילעט מיט א בראש פון רוסישער ארבעט.

זי רויכערט, די מאדאם פיינשטיין, נאר רוסישע סיגארעט־לעך, סאוויעטישע רוסישע פאפיראסן, וואס זי באקומט פון דעם הער גארעליק, וועלכער איז אן ארייננגייער אין סאוויעטישן „טאר־פרעד".

זי רויכערט מיט א פיין־געשניצטן עלפנביינערנעם ציגארן־שפיץ. קליידער לאָזט זי זיך מאַכן, מערסטנטייל אין רוסישן פאָלקסטימלעכן סטיל און רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.

פון צייט צו צייט לאָזט זי ביי זיך מאַכן פאַרשידענע אויפנאַמעס, „ביבעס" פון זעלבן כאַראַקטער. אַמאָל „אַ קאָמוניסטישן ברידזש", „אַ סאָוויעטישן פּאַאוקערל", אַ רוסישן באַרשטש, אַ „טראַקטאָמענט". מען שמועסט וועגן קליידער, מציאות, וועגן קינאָ, פּליאַטקעס און וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע.

צו די דאָזיקע אויפנאַמעס ווערט אויך איינגעלאַדן דער „סאַלאָן־ליוב", דער ליבלינג פון די דאַמען, פעליקס רובין, אַ גרויסער דזשענטלמען מיט שיינע מאַניערן, וועלכער איז אַ גרויסער קענער אין די סאָוויעטישע ענינים, מחמת ער טראָגט אַ געדיכטע טשופרינע אויפן קאָפּ און איז פאַרליבט אין איינער פון די מאַשינים פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע.

ווען עס איז געקומען די מאָדע פון די אינטוריסטישע לוסט־רייזעס קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט מאַדאַם פּעליציע באַשלאָסן צו נעמען ביי איר מאַן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר צו פאַרברויכן אויף דער דאָזיקער רייזע (וואָס טוט מען נישט צוליב אַן אידעע).

זי האָט זיך געלאָזט מאַכן די נויטיקע צאָל זיידענע קליידער, רייזע־מאַנטלען און קאַפּעליושן, האָט אָנגעקויפט פאַרשידענע טראַנקס, רייזע טאַשן, ענגלישע זעפיר וועש, 12 פּאָר שיך, 20 פּאָר זאָקן־נבראַנד זאָקן. האָט זיך אויך פאַרזאָרגט מיט אַ קאָדאַק און מיט אַ לאָרנעט צו קאָנען גוט באַטראַכטן דאָס נייע רוסלאַנד...

און זי איז אַוועק מיט דעם דיפּלאָמאַטישן קוריער־צוג פּאָר אויסלענדער, ערשטער קלאַס, לוקסוס־קופּע.

פאַרן אָפּפאָר האָבן פאַר איר כבוד וועגן, נאַטירלעך, אירע פריינדינס געגעבן אַ גרויסאַרטיקן אָפּשיידס־מיטאָג, אויסגעהאַלטן אין סאָוויעטישן כאַראַקטער. די ווענט זענען געווען דעקאָרירט מיט רויטע פענער, רויטע לאָמפּ־קלאָשן און רויטן באַטיק. אין מיטן טיש האָט זיך געהויבן אַ דריי־גאָרנדי־

קער טאָרט מיט אַ שאָקאָלאַד־פיגור פון לענין. ביי די זייטן פאַר־שידענע געבעקס, באַפוצט מיט צוקער־אויפשריפטן און עמבלעמען, ווי „סערפּ און האַמער", „רויטער שטערן" א. ד. גל.

דאָ איז אויך געשטאַנען אַ גרויסע הילצערנע שיסל מיט שוואַרצן קאַוויאַר, פון וואַנען אַלע האָבן געגעסן מיט הילצערנע לעפל, געמאַכט אין סטיל פון רוסישע - קוסטאַר־אַרבעט.

דער דזשענטלמען, פעליקס רובין, וועלכער האָט פון סטיל וועגן זיך אַרומגעטראָגן די גאַנצע צייט מיט אַ סאַמאָוואַר אונטער איין פאַכווע און אַ האַרמאָניקע אונטער דער אַנדערער פאַכווע און מכבד געווען די דאַמען מיט סעמעטשקעס, האָט געהאַלטן אַ טאָ־אַסט.

מען האָט געזונגען „עי אוכניעם", „בובליטשקי", געטרונ־קען רוסישן שנאַפּס און אַלע האָבן איר געווונטשן „באָן וואָיאַזש".

אין צוויי חדשים אַרום איז מאַדאַם פעליציע געקומען צוריק פון איר באַזוך איבער סאָוויעט רוסלאַנד. געבראַכט עטלעכע פעלצן פאַר זיך, צוויי פאָרטסיגאַרן פון קאַווקאַזער אויסאַרבעטונג, 20 פונט „ביאַלאָ־ריביצע", דריי קילאָ קאַוויאַר, און — אַ גרויסע ענטוישונג.

ביי אַ טישל אין „קאַפע איראָפּעיסקי" האָט זי זיך פאַר אירע פריינדינס געקלאָגט:

— דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד איז מיר נישט געפעלן. דאָס פאָלק טוט דאָרט בלויז און איז באַשעפטיקט מיט אַרבעט. מען טוט, מען מאַכט, מען בויט, און קיין געזעלשאַפטלעך לעבן זעט מען נישט. מען זעט עפּעס נישט, אַז עמיצער זאָל מאַכן אַ קער־מישל אָדער אַ באַל און עמיצער זאָל ברענגען אַ טאָרט מיט אַ שאָקאָלאַד פיגור פון לענין אָדער סטאַלין, אָדער דאָס פאָלק זאָל עסן קאַוויאַר מיט הילצערנע לעפל. אַז דאָס פאָלק איז פאַרנומען בלויז מיט „שלאָגלעריי", „סטאַכאַנאָוטשינע" און ווידער אַמאָל „שלאָגלעריי" און „סטאַכאַנאָוטשינע" און איבער אַמאָל „שלאָג־לעריי" און „סטאַכאַנאָוטשינע". אויף קיין ברידזש בין איך דאָרט נישט געווען איינגעלאַדן.

איך האָב איבערהויפּט נישט געזען דאָרט קיין איין אריסטאָ־קראַטישן דאַמען־קרייז. נישט קיין „רעדוטע״, נישט קיין „טאַמ־באַלע״, איך ווייס גאָרנישט, וווּ איז אהינגעקומען די עליטע.

זאָל דאָס ביי איין קאָמוניסטקע דאָס שלאָפצימער זיין אויס־געשטאַט אין רוסיש־סאָוויעטישן סטיל, מיט רויטן זייד און מעבל פון פּראָלעטארישן כאַראַקטער.

אפילו קיין איין קאָמוניסטישן מאָדע־זשורנאַל פון דאַמען־קליידער האָב איך דאָרטן נישט געפונען.

קיין איין מאָדע־באַל, קיין איין מאָדע־קאָנקורס.

פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך נישט געפונען קיין געלעגנ־הייט אָנצוטאָן מיינע קליידער, וואָס איך האָב זיך געמאַכט אויף מיין רייזע.

מיט איין וואָרט, פאַר אַזאַ קאָמוניסטישע פיין־שמעקערין ווי איך, איז דער רוסישער קאָמוניזם ממש שאָקינג.

קיין פּיצל אריסטאָקראַטיזם, קיין ברעקל סימן פון שיינע מאַ־ניערן און געפּוצטע נעגל. קיין מאָל מאַכן זיי נישט קיין קינדער־פאַרוויילונג, אָדער עפּעס אַ קינדער־באַלעט, אין סאָוויעטישן־סטיל.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס מיט דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד פאַר־נעמען זיך נישט אונזערע דאַמען. מיר וואָלטן פון דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד געמאַכט אַ צאַצקע, אַ חלום, אַ „בייקע״.

אַ שאָד, וואָס די רוסישע קאָמוניסטן קומען נישט צו אונז. זיי וואָלטן זיך אויסגעלערנט צו מאַכן דעם קאָמוניזם אָנציִענד און אריסטאָקראַטיש, עס זאָל זיין אַן אַטראַקציע.

דערפאַר בין איך טאַקע געקומען אַזוי שנעל צוריק. מיר געפעלט נישט דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד. דער קאָמוניזם ביי אונ־זערע סאַלאָן־דאַמען איז פיל שענער און דעליקאַטער.

קויטקע קאַלאַשן

ראובן מאיר האָט ער געהייסן און גערופן האָט מען אים: „ראובן מאיר דער אַריסטאָקראַט".

גערופן האָט מען אים אַזוי דערפאַר, ווייל זיין גאַנץ אויסזען איז געווען העכסט אַריסטאָקראַטיש. דהיינו:

זיין רעקל, וואָס איז, וואַרשיינלעך, אַמאָל געווען טונקל־גראַנאַט, איז היינט געלבלעך־גרוי, זיינע הויזן, וואָס זענען וואַרשיינלעך אַמאָל געווען טונקל־ברוין, זעען היינט אויס פּאָפּיעלאַט־פּיאָלעט מיט אַ גלאַנץ.

זיין אויסזען איז אייגנטלעך געווען פון אַ ברונעט, נאָר מען שמועסט, אַז ווען ער וואַשט זיך אַרום, וואָלט ער געווען אַ בלאָנדער.

זיין האַרטער קאַפּעליוש איז געווען אַזוי אַלט, צעלעכערט, אָפּגעשאָסן און צעקנייטשט, אַז אויב ער וואָלט געקאָנט שרייבן, וואָלט ער זיכער אויפגעשריבן עטלעכע בעסערע זכרונות.

אויף דעם סאַמע אויבערדעק פון קאַפּעליוש, ווי אויך אויף זיינע ראַנדן האָט זיך אויסגעבעט פון אייביק־אָן אַ דיקער שיכט פון גרויען שטויב, פּונקט ווי די אייביקע שנייען אויף דעם עווערעסט אין די הימאַלאַיען.

דאָס בענדל פון זיין קרומען האַלז־טיכל, ווי אויך דאָס אויערל פון זיין קאַמאַש, האָבן ביידע געהאַט די טראַדיציע אַרויסצושטעקן קאַפּויר. דאָס ערשטע פון זיין קאָלנער פון אויבן, ווי אַ העננער, און דאָס צווייטע פון אונטן פון דעם פאַרשאַרצטן הויז, ווי אַ פּענדל.

דאָס נעמלעכע קאָן מען אויך זאָגן וועגן זיינע וועש.

צוליב זיין העמר, וואס איז געווען נישט נאר פון דער ער־שטער שני־קלאַרקייט, האָבן אים מאַנכע גערופן פּאַשיסט....

און דער הארטער ווייסער קאָלנער — זיין קאָלנער איז גע־ווען א שם־דבר.

ווען זיין הארטן קאָלנער האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע לעגענדעס, אפאָריזמען, פּאַראַדאָקסן און אַנדערע שלאָג־ווערטער.

„זיינס אַ קאָלנער — האָט איינער געזאָגט — איז נאָר שווער ביז וואַנען ער ווערט שוואַרץ. דערנאָך אָבער קאָן מען אים שוין טראָגן און טראָגן".

זיינע באַקאַנטע פלעגן אָפט ברעכן דעם קאָפּ איבער דעם פאָלגנדן פּראָבלעם:

„ווער איינגנטלעך טראָגט זיינע קאָלנערס בשעת זיי זענען נאָך ווייס"?

און נאָך אַ פּראָבלעם האָט געמאַטערט די אַרומיקע: ווו נעמט ער אויף זיינע קאַלאָשן אַזוי פיל קויט און בלאָטע אין דעם סאַמע שענסטן און טרוקנסטן וועטער?

וואָרום אויב אַ וועלכער - נישט איז טייל פון זיין אַנטוועכין, וואָלט געדאַרפט באַקומען אַ פּרעמיע פאַר דעם גרעסטן אוצר בלאָטע, וואָלטן זיינע קאַלאָשן געשלאָגן דעם רעקאָרד.

און דאָך איז דער ראובן־מאיר געווען אַן אָפטער אַריינגייער דווקא אין דעם רייכן, זויבערן אַריסטאָקראַטישן הויז פון דעם געוועזענעם בערזן־מעקלער און הייזנטיקן יורד, דעם אָפּגעטאָקט־זויבערן און אויסגעפּוצטן אַדאָלף צערקעס.

פאַרוואָס.

ווייל אונזער ראובן מאיר איז געווען אַ גלענצנדער שאָך־שפּילער. כמעט אַ מייסטער. אַ מאָל איז ער געווען אַן אינקאַסענט אין אַ גמילות־חסדים־קאַסע. נאָר זינט ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שאָך־שפּיל, האָט ער פאַרלוירן זיין שטעלע, זיינע צוויי ווייבער, די קינדער, די דירה און איז געוואָרן פּראָפעסיאָנעלער שאָך־שפּילער אין אַ קנייפּע.

און אַזוי ווי דער געפאַלענער עושר, דער פּינקטלעך־זויבערער־

און אָפּגעטאָקטער פֿיינער אַדאָלף צערקעס איז אויך אַ פּאַרקאָכטער שאָך־שפּילער, האָט זיך צווישן די צוויי פֿאַרשיידנאַרטיקע יורדים פֿאַרקניפּט אַ פֿריינטשאַפֿט און ראובן מאיר פֿלעגט אָפֿט אַרויפֿקומען צו צערקעסן שפּילן אַ שאָך און איז געווען דאָרט גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען ראובן מאיר איז געזעסן מיט דעם בעל־הבית אין דעם נגידיש־זויבערן און רייכן סאַלאָן פֿאַרטיפֿט אין אַ פֿאַרטיע שאָך, אונטערזינגענדיק אַ פֿאַקסטראָט־לידל מיט אַ ניגון פֿון דער גמרא, איז די דינסט אַדורכגעגאַנגען די פּאָדער־שטוב ביים קאָרידאָר.

פּלוצלונג איז איר בליק געפֿאַלן אויף אַ פּאָר אויסטערלישע האַלב־טיפֿע קאַלאָשן, מיט אַ גרויסן גרויען שיכט פֿאַרטריקנטע בלאָטע פֿון אויבן, וואָס האָט זיך אויף זיי אויסגעלייגט מיט אַ רחבות און זיכערקייט אי פֿון דרויסן אי פֿון אינעווייניק, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

פּסיכאָלאָגיש איז נאָך נישט פֿעסטגעשטעלט: צי אויס רחמנות צו אַן עלנטן מענטשן, וואָס דאַרף נעבעך טראָגן אַזעלכע פֿאַרבלאָטיקטע קאַלאָשן, צי זי האָט געמיינט, אַז די קאַלאָשן געהערן צו איינעם פֿון די מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע, צי אפֿשר, ווייל זי איז געווען אַ גרויסע עסטעטין און נישט געקאָנט פֿאַרליידן, וואָס אַזאַ פּאָר קאַלאָשן טראָגן אַריין אַ דיסאָנאַנס אין דער גאַנצער רייע פֿון גלאַנציקע ריינע קאַלאָשן — האָט זי זיי אַריינגענומען אין קיך און דורכגעפֿירט איבער זיי אַ גרויסע רייניגונג.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע רייניגונג איז געווען אַ לייכט שטיקל אַרבעט. אָ, ניין. עס איז געווען כמעט אַ גרויסע אַרכעאָלאָגישע אונטערנעמונג, אַ מין עקספּעדיציע אויסצוגראָבן און דערגרונטעווען זיך צו אַ פּאָר קאַלאָשן, וואָס ליגן פֿאַרשאָטן און באַגראָבן טיף אונטער גרויסע שיכטן ערד און קויט.

נאָך אַ סך מי און ערב־פסחדיקע האָרעוואַניע איז דאָך גע־לונגען דער דינסט צו ברענגען איר אונטערנעמונג צו גיינסטיקע רעזולטאַטן. זי האָט געבראַכט די קאַלאָשן צו אַ מענטשלעכן אויס־זען און אָוועקגעשטעלט זיי צוריק אין פּאָדער־צימער, אויף דעם זעלבן פּלאַץ אין איין ריי מיט זייער גליכן.

אַז ראובן מאיר, דער אַריסטאָקראַט, האָט געענדיקט די פּאַרטיעס שאָך מיט זיין פּאַרטנער, דעם בעל־הבית אַדאָלף צערקעס, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין פּאָדערצימער, האָט אַראָפּ־גענומען פון הענגער זיין קאַפּעליוש, אָנגעטון זיין מאַנטל, גענומען דעם בריטן ביז העלפט פּאַרקוויטיקטן שירעם — דאָס אַלץ האָט ער צוליב זייער אויסערגעוויינלעכן אויסזען לייכט געקאָנט אויס־געפינען פון צווישן די פיל בגדים און חפצים, וואָס זענען געווען אין פּאָדערצימער אויף די הענגערס, נאָר בלויז זיינע קאַלאָשן האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. ס׳הייסט קאַלאָשן שטייען דאָ אַ סך, נאָר ז י י נ ע קאַלאָשן זענען פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אריין.

ווו האָבן דאָס געקאָנט אַהינקומען זיינע קאַלאָשן?

אַלע העלפן אים זוכן די קאַלאָשן, דער בעל־הבית, די בעל־הביתטע, די קינדער — נישטאָ זיינע קאַלאָשן.

ענדלעך, נאָך אַ גאַנצער בדיקה און אונטערזוכונג און אַ חקירה ודרישה ביי דער דינסט, דערוויסט מען זיך, אַז אָט די פריש אויסגעצוואָגענע קאַלאָשן זענען נישט קיין אַנדערע, ווי זיינע, ראובן־מאירס.

אַ שאָטן פון פאַראיבל און ברוגז האָט זיך פאַרצויגן איבער ראובן־מאירס גרויען פּנים. ווי איינער, וואָס האָט קיין ברירה נישט, שטופּט ער אריין זיינע פיס אין די דאָזיקע פשיקרע ריינע קאַלאָשן, וואָס איז אים שטאַרק דערווידער און פאַרלאָזט דאָס הויז אָנגעדראָדלט, אָן אַ זיי געזונט.

ראובן מאיר איז בייז, אויפגעבראכט און באליידיקט ביז גאר.

— אזא בלוטיקע גרינגשעצונג! אזא גיפטיקער חוזק פון א מענטשן! אזא פאטש אין פנים! — האט ער געסקריפעט מיט די ציין און געווארטשעט אראפגייענדיק פון די טרעפ — אוים!... מער גיי איך נישט אהער!... מער זאל דא מיין פוס נישט זיין!..

סצענקעס און
סקעטשן

אויף א זיצונג פון געוועזענע פיינע בריות

(באריכט פון א ספעציעלן מאראוויבער)

פ ר ע ז ע ס (געוועזענער געזעלשאַפטלעכער טוער, מיטגליד פון פיל אינסטיטוציעס שטייט מיט די דעלעגאַטן ביים איינגאַנג פון זיצונגס־זאַל): מיינע חשובע געוועזענע און יעצט אויסגעגליטשטע קאָלעגן. איך האָב דעם כבוד צו עפענען דעם זיצונגס־זאַל מיט... א נאָכשליסל. ווער האָט דעם נאָכשליסל?

ד י נ ע ר (געוועזענער באַנק־דירעקטאָר): נאַ, אָט האָט איר דעם נאָכשליסל (גיט אים איבער דעם נאָכשליסל).

פ ר ע ז ע ס (עפנט דעם זיצונגס־זאַל).

ד ע ל ע ג א ט ן (קומען אַריין, זעצן זיך אויף די ערטער; יעדער לייגט דעם מאַנטל אונטערן געזעס; די קאַפעליושן האַלט מען אין די הענט.)

(אויף דער וואַנט איבערן פרעזעס הענגען פאָרטרעטן פון געוועזענע פאַרדינסטפולע ערן־מיטגלידער, מאַנכע מיט האַלב־געגאָלטע קעפּ און אין אַרעסטאַנטסקע קליידער. אויף די איבעריקע ווענט — פאָטאָגראַפיעס פון אויספאָרשונגס־אַמט מיט פינגער־דרוקן, איבער זיי אַלעמען — אַן אויפשריפט: „היט זיך פאַר גנבים!“)

פ ר ע ז ע ס: און ווו איז דאָס גלעקל? עפעס זע איך נישט דאָס גלעקל?

ו י צ ע ־ פ ר ע ז ע ס (געוועזענער פאָרזיצער פון אַ פילאַנטראָפּישן פאַריין): דאָס גלעקל ליגט אין טיש־קעסטל. ווער האָט אַ וויטריך?

סעקרעטאר (געוועזענער באַאַמטער אין אַ סאָציאַלער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט): אַט דאָ האָט איר אַ וויטריך.

פּרעזעס (עפנט אויף דאָס טיש־קעסטל): איך האָב די עהרע צו מעלדן, אַז דאָס גלעקל איז אַ וועקגעלקחנט.

איינער פון פּרעזידיום (געוועזענער גבאי פון תלמוד תורה): איך ליינ פאָר, אַז אַזוי ווי מיר האָבן אַ ליידיקע צדקה־פּישקע פון וואַנען דאָס געלט איז סיי ווי אַרויסגעגנבעט, זאָל מען די פּושקע האַלטן אויפן טיש און קלאַפּן אָן איר מיטן נאָכשליסל, וועט מען יוצא זיין פאַר אַ גלאָק.

שטימען פון די דעלעגאַטן: אָנגענומען!

פּרעזעס: איך ליינ פאָר מיר זאָלן שיקן אַ טריסט־טע־לעגראַמע צו אונזערע חברים אין פּאַוויאַק.

שטימען: אָנגענומען.

וויצע־פּרעזעס: און איך ליינ פאָר מען זאָל אָפּסויפּן אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פון די „ערלעכע גנבים” און די סומע זאָל גיין צו שטיצן די ערן־מיטגלידער וואָס זיצן אין מאָקאָטאָוו.

שטימען: אָנגענומען.

פּרעזעס: און איך וואָלט בעטן דעם סעקרעטאר לייענען די פּראָטאָקאָלן פון דער פאָריגער זיצונג.

סעקרעטאר: צו אַלדע רוחות!... נאָר וואָס האָב איך נעהאַלטן די טעקע מיט די פּראָטאָקאָלן, און איך ווייס נישט, ווו זי איז מיר אַהינגעקומען.

איינער פון דעלעגאַטן־ראַט (אַ געוועזענער פּי־נאַנץ־דירעקטאָר פון אַ פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע): אין וואָס פאַר אַ טעקע איז עס געווען?

סעקרעטאר: אַ לעדערנע טעקע.

איינער פון פּרעזידיום (געוועזענער לייטער פון אַ האַנטווערקער פאַריין): אַהאַ!... דאָס האָט מען זיך געקוואַפּעט אויף דער טעקע. זענען אויף דער טעקע געווען בוכשטאַבן אָ איניציאַלן?

סעקרעטאר: געווען צוויי זילבערנע בוכשטאַבן „ג. ט.”

ראָס זאָלן זיין די איניציאַלן פון אונזער געזעלשאַפט: „געוועזענע טוער״.

וויצע - פרעזעס: פאַרשטיי איך שוין. דאָס האָט מסתמא אוועקגעגנבעט אונזער מיטגליד פון רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד, וואָס זיין נאָמען איז „געצל טוואָרעק״.

פרעזעס: אויב ער איז פון רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, טאָ זאָל ער מאַכן א רעוויזיע און באַזוכן די דעלעגאַטן.

געצל טוואָרעק: (רעווידירט די אָנוועזנדע, אָבער ער געפינט נישט די טעקע).

איינער פון די דעלעגאַטן: אַבער, א סוף! זאָל מען שוין אָנהויבן די זיצונג. איז אָן פּראָטאָקאָלן. ס׳איז דאָך שוין שפּעט (כאַפּט זיך צום וועסטל־טאַש). ס׳איז שוין... זע נאָר, ווו איז מיין זייגער? מיין זייגער איז נישטאָ!...

א מיטגליד פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע (געוועזענער בורמישטש פון מאַגיסטראַט): ס׳איז דיין זייגער? א וואַזשנער זייגער. נאַדיר אים צוריק. ער גייט דען? א שיינעם זייגער האָסטו געפּאַקט...

איינער פון די דעלעגאַטן (אַ געוועזענער פרנס): מען קאָן א פּנים וויסן, וואָס פאַר א זייגער מען שלעפּט אַרוים?

ערן - מיטגליד: און איך האָב נעכטן אַרויסגעשלעפּט ביי איינעם א זייגער, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער זייגער גייט נישט. האָב איך אים גלייך צוריק אַריינגעלייגט יענעם אין קעשענע. זאָל ער אים פריער פאַררעכטן... איך האָב צייט. ווי מיינט איר, מיינע געערטע געסט?

אַלע: בראַוואָ! בראַוואָ! זייער ריכטיק!

פרעזעס (קלאַפּט אין פושקע): א סוף, זאָל מען לייענען דעם באַריכט פון אונזער קאַסע - צושטאַנד.

סעקרעטאַר: דער באַריכט ליגט אין קאַסע.

פרעזעס: טאָ זאָל מען עפענען די קאַסע. ווו איז דער חבר קאַנאַרטשיק?

חבר קאַנאַרטשיק (געוועזענער פירער פון א רעטונגס־

אַקציע) : לאָזט מיך. (ער נעמט די אינסטרומענטן, שניידט אויף די קאַסע און נעמט אַרויס דעם באַריכט.)

פּ ר ע ז ע ס : חבר סעקרעטאַר, איר זענט געבעטן צו לייענען די פּראָטאָקאָלן.

ס ע ק ר ע ט אַ ר : לייענען, ס'איז אייך גרינג צו זאָגן, לייענען. און די ברילן? (נעמט זוכן אין די קעשענעס), ווו זענען די ברילן? ווער האָט מיר געקאָנט אַרויסגנבענען מײַנע 14־קאַראַט גאָלדענע ברילן? ווער דאַרף עס קורצזיכטיקע ברילן?

אײ נ ע ר פ ו ן ד י א ו נ ט ע ר ש ט ע ד ע ל ע ג אַ ט ן : דאָס איז זיכער אונזער פּרעזעס. ער איז אויך אַ קורצזיכטיקער.

אַ צ ו ו י י ט ע ר ד ע ל ע ג אַ ט (געוועזענער פּירער פון אַ קינדער ־ אינטערנאַט) : יאָ, אָבער אויף פּרעמדס איז ער גענוי ווייטזיכטיק...

פּ ר ע ז ע ס : און איך וועל מיך נישט לאָזן רעווידירן.

ש ט י מ ע ן : וועט מען דיך נויטן פון קהל! חברה נעמט אים! ווו זענען די מיטגלידער פון רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד?!

(עטלעכע חברה וואַרפן זיך אויפן פּרעזעס, רעווידירן אים די קעשענעס און שלעפּן אַרויס אַ פּאַק לעפל, גאָפּל, עטלעכע צינד־מאַשינקעס און אַ פּאָר גאָלדענע ברילן).

פּ ר ע ז ע ס (פאַרנעמט צוריק זײַן ערן־פּלאַץ) : נו, איצט אַ סוף! זאָל דער סעקרעטאַר לייענען דעם באַריכט.

ס ע ק ר ע ט אַ ר (מעסט אָן די ברילן) : ווי קאָן איך לייענען, אַז ס'איז אַזוי פינסטער!

פּ ר ע ז ע ס : טאָ זאָל מען מאַכן ליכטיק, אָנצינדן די עלעק־טריע. דינער! גיב דאָרט אַ דריק בײַם קנעפּל.

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י פאַרזאַמלטע : מוחל, מוחל! מיר דאַרפן נישט קיין ליכט... מיר קאָנען דווקא אַרבעטן אין דער פינסטער...

ד י נ ע ר : וואָס וועט העלפן דאָס דריקן בײַם קנעפּל, אַז די לעמפּלעך זענען נישטאָ. נאָך דער פאַריקער באַראַטונג האָבן די מיט־גלידער פון פאַרוואַלטונגס־ראַט אַרויסגעדרייט און צעשלעפּט די לעמפּלעך.

פּ ר ע ז ע ס : מען דאַרף דאָך אָבער לייענען דעם באַריכט.

וויצע־פרעזעס: טאָ זאָל מען באַלייכטן מיט אַ טאַשן־לעמפּל? ווער פון אייך האָט אַ טאַשן־לעמפּל?

שטימען: חבר זייטשיק האָט אַ טאַשן־לעמפּל. ער אַרבעט ביינאַכט...

פּרעזעס: חבר זייטשיק, לייכט אַביסל צו מיט אייער לעמפּל.

(חבר זייטשיק לייכט צו מיט זיין לעמפל און דער סעקרעטאַר לייענט).

סעקרעטאַר: איך האָב דעם כּבוד צו לייענען דעם באַריכט פון אונזער גלענצנדן קאַסע־צושטאַנד פאַרן לעצטן יאָר. דער צושטאַנד איז פאָלגנדער: די איינגעפלאָסענע סומען פון די אונטערנעמונג זענען אוועקגעלקחנט געוואָרן, די סומען פון מיטגליד־אָפּצאָל זענען אויסגעטריקנט געוואָרן, די נדבות און מתנות זענען צעקראָכן געוואָרן צווישן די „קלעפּיקע פינגער", די סומען פון די זאַמל־פּושקעס זענען אויסגערונען געוואָרן און דאָס איבעריקע איז סתם שווער צו וויסן וווּ ס'איז אַהינגעקומען.

פּרעזעס: איך לייג פאָר אויסדריקן אָנערקענונג און צוטרוי אונזער עקזעקוטיוו פאַרן באַריכט. ווער ס'איז דערפאַר, זאָל אויפהויבן די האַנט.

איינער פון עולם (געוועזענער דירעקטאָר פון אַ קאָאָפּעראַטיוו): איך בעט אַ וואָרט צו דער אָפּשטימונג (באַקומט דאָס וואָרט.) איך לייג פאָר, אַז מען זאָל אָפּשטימען נישט מיטן אויפהויבן די האַנט; נאָר מינדלעך מיט „יאָ" צי „ניין", ווייל אויפהויבן די האַנט איז נישט שייך... מען קאָן דאָך נישט אויפהויבן די האַנט, בעת מען דאַרף צוהאַלטן די קעשענע!...

אַלע (צופרידן): בראַוואָ! בראַוואָ!! (אַפּלאָדיסמענטן.)

פּרעזעס: אַלזאָ ווער איז פאַר שליסן די זיצונג זאָל זאָגן.

שטימען: שליסן, שליסן!

פּרעזעס: איך דערקלער די זיצונג פאַר געשלאָסן.

(אַלע דעלעגאַטן לאָזן זיך גיין, יעדער איינער לקחנט עפּעס צו פון טיש. ווער — אַ טינטער, ווער — אַ לעשער, ווער — דעם אַשבעכער, ווער — די פלאַש פון וואַסער א.ד.גל. איינער שלעפּט מיט

דעם וואַנד־זייגער, אַ צווייטער דעם הענגער, אַ דריטער די צדקה־פושקע, אַ פערטער אַ זשיראַנדעל. אַנדערע גנבענען בענקלעך. מען באַהאַלט די געגנבעטע חפצים אונטער דער פּאָלע און מען גייט אַרויס. דער ד י נ ע ר קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן; וואַרפט אַ בליק אויף דעם וויסטן זאַל — ער כאַפּט דעם טיש אויף די פּלייצעס און גייט אַרויס דורכן פענסטער.

(פאָרהאַנג)

צוליב א שרייבערישע לויה

אדער

א „דין־טוירע" ביי די קעשענע־גנבים

די „פאטשאפע" (חברה) פון בוזעם־גראבלער" (קעשענע־גנבים) האבן היינט א דין־תורה. די דין־תורה קומט פאר ביי קלמן ביק אין שענק. עס ווערט באשולדיקט דער סבאנץ (חבר) יעקל דאשעק, וועלכער איז לעצטנס אנגעשטעלט אין דער חברה אלס „א קוקו" (אויסשפירער און אויסגעפינער פון די ריכטיקע מקומות און דעם פאסיקן מאמענט, ווו חברה זאל קאנען דורכפירן א שטיקל ראיעלע „צאפ־פינגער־מלאכטע").

עס זענען דא: דער „רבי", א פראקוראר, א פארטיידיקער, עדות און סתם חברים.

דער פראקוראר האט א פייף געטון דורך די צוויי אויסגעשלאגענע ציין און אויסגעשאסן מיט א באשולדיגונג.

— צו וועלכע וויסטע כאליערעס — האט ער נישט אויפגעהערט צו פייפן — מען דארף דאך דיך „שניפסעווען" (אויפהענגען) אויף „א שלאנג" (תליה). האסט גענומען און ארייגגעפירט א גאנצע פאטשאפע פון בוזים־סבאנצן אין א בלאטע. אויף א שרייבערישע לויה האסטו אונז געפירט. א פאהיבעל אויף דיין קירבעס (קאפ)! איך וואלט דאך פון דיר געמאכט אט אט דא א א פליאנדרע, וואלט איך געמאכט!

ער דערלאנגט אים א הינטער־שטורך אין קארק. דער באשולדיקטער פארשטעלט זיך מיט אן עלענבויגן.

— אבער לאז אים אפ — זאגט דער „רבי" — א קוילעכדיקער פארשוין מיט א געלן פנים, דער אינטעליגענט פון דער חברה,

מחמת ער האָט אינטעליגענטע זומער־שפּרינקעלעך און אַ קליינעם האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ — ער הייסט מיטן נאָמען יונה „דעליקאַטני" — זאָל רעדן דער אָנגעקלאָגטער אַליין. זאָג, יעקל, וואָס איז געשען!

— וואָס בין איך שולדיק — האָט יעקל זיך פאַרענטפערט מיט אַ כריפּקע — וואָס בין איך אַ נביא? ווער זאָל וויסן! יאָך שטײ אַזוי אויף אינדערפרי. יאָך גיב אַ קוק אויפן בלאַט־ציײטונג. ערשט אויפן סאַמע אויבן־אָן — אַ שוואַרץ קעסטל, און אינמיטן אַ פּאָרטרעט. און מיט גרויסע „ליטערעס": „געשטאָרבן זכריה טינטפּולווער". און מען בעט עס זאָל קומען אַ גרויס פּובליקום אויף דער לויה, חברים מיט דעלעגאַציעס, מיט דעפּוטאַציעס, מיט קראַנצן... בין יאָך דאָך זיכער, אַז עס איז געשטאָרבן אַ וואַזשנע פּ'שוין און עס וועט זײַן אַ לויה פּיד הלעמעך. און מיר וועלן מאַכן די אמתע „פינגערשטעך". ערשט ווער זאָל זיך ריכטן, אַז דאָס איז אַ שרײַבאַרניק. און עס וועלן קומען בלויז „טינטערוקעס" (שרײַבער) — די ערשטע כאַליערע זאָל זיי טרעפן.

— און דאָס איז דאָך בײַ דיר נישט דאָס ערשטע מאָל, אַ קאַלטע בראַנד דיר אין די קישקעס, שרײַט ווידער דער פּראָקוראָר מיט אַ פּייף און אַ סיק דורך די אויסגעשלאָגענע ציין — איינ־מאָל האָסטו אײַנז געפירט אין זשאַרגאָנאָווען טעאַטער אויף אַ פּרעסע „פּשערסטאַוויעניע", און מיר זענען אַרויס מיט לידיקע ידים. אַ מהומה אויף זיי, די „טערפיכודרעס"! (אַ זידל וואָרט).

— זאָל מען אויסהערן די עדות — באַפעלט דער „רבי".

— וואָס וועסטו זאָגן, פּוריק?

עס שטעלט זיך אויף אַ שוואַרצער בחור און רעדט מיט אַ ביסן אין מויל.

— אַזוי ווי כ'האָב נאָר דערהערט פון דער לויה, האָב איך זיך גלייך געשטעלט צו דער „פינגער־מלאכטע" און געוואָלט זשע־ברעווען איבער די „קאַרמאַניאַרעס" (קעשענעס), געטרעטנט און געשניטן און גאַרנישט... ערשט צום סוף האָב איך אַרויסגעפּאַ־טשאַפּעט אַ... שער.

— א שער גאר? — שטעלט אריין איינער פון די שופטים, קענטיק א נייער חבר.

— נו, יאָ, א שער. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז א שניידערישע לויה. האָב איך זיך דערפרייט. ערשט ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז דאָס איז א לויה פון טינטערדרוקעס!

— און ווי קומט אהין א שער? — פרעגט א צווייטער פון די ריכטער.

— נו, דאָס איז אַלע מאָל אַזוי — דערקלערט זאַנוויל עקס־פערט, א יונג מיט שטאַרקע הענט, און וואָס איז באַשטימט צו מאַכן די ענגשאַפט — אויף א שרייבערישע לויה שלעפט מען אָפט ארויס שערן, און „אייביקע בעזעמס" (פעדערס).

— דיר איז נאָך גוט — בייזערט זיך א צווייטער עדות פון באַשולדיגונגס צד, א נידעריקער יונג מיט א פּלאַטשיקע נאָז און א געשפּאַלטענע ליפּ — דיר איז נאָך גוט, דו האָסט כאַטש געפּאַקט א שער, אָבער איך וואָס? איך האָב ארויסגעשלעפּט אָט דאָס פּעקל אַלטע צייטונגען. געמיינט, ווער ווייס וואָס פאַר א אָבליגאַ־ציעס מיט „סטראַכאַוויצעס", ערשט אָט האָסטו די „מעציאָציע" (מציאה), דו „שטופּעראַרלע" דו! (אַזא זידל וואָרט). און דאָס פּעקל צייטונגען, אַלס קאָרפּוס דעליקטי פליט אין קאָפּ אריין דעם באַשולדיקער.

— און אַז איך האָב אָפּגעמלאָכעט א שעה צייט מיט מיין דשילעט־מעסער און אויפגעטרענט א צענדליק בוזעם־קעשענעס, וואָס האָב איך ארויסגעשלעפּט? „פּיעשניעס", לידלעך, א פייער זוכט זיי! וואָס דאַרף איך לידלעך? וואָס בין איך אַן אַקטיאָר־טשיק? וואָס איך וועל זינגען אין טרעאַטער! און ר' לייבוש פּאַ־סער וועט זיי אויך נישט קויפן.

— חברה! ווייסט איר וואָס איך האָב ארויסגעטשובעט (ארויסגעשלעפּט)? — האָט זיך אריינגעמישט א בערדלדיקער פּאַרשוין, וואָס האָט געפּאַנפּעט מיט א גרויסער פּאַנפּע — איך האָב ביי איינעם ארויסגעשלעפּט אַן אַלטן קאַלענדאַר און א פּעקל וויצן. געפעלט אייך אַזא „סקאַרבאָוניעץ" (אוצר)?

— דאָס איז א וויצן־שרייבאַרניק א מאַמזערוק — כאַפּט

אונטער א דאַר, פלינק בחורל, וואָס זיין עבודה איז צו מאַכן די „קאָנפעדעראַציע" (בהלה).

— ער האָט געקוקט אויף מיר פון דער זייט מיט א שמייכעלע. ווי איינער זאָגט: שלעפ, שלעפ! קיין בעסערע גליקן זאָלן דיר נישט טרעפן... אזא לאַכודרע! אז איך וועל אים כאַפּן וועל איך אים צעטאַפּן דעם „ציפערבלאַט" (פּנים) און אונטערהאַקן די מילץ.

— טטמשעפע אים נגנישט. ער איז אַן־אונזער א יאַט. א נגנאַש בבראַט — וואַרפט אריין א נייער חבר, א שטאַמלער.

— דיר איז נאָך גוט — רופט זיך אָפּ א פּאַרשוין מיט א פּנים פון א לימענע — וויצן איז נאָך א פריילעכע זאַך, מען קאָן אמאָל געפינען א גוטן קאַוואַל. איך האָב ביי איינעם ארויסגעשלעפּט א טראָוועריקע זאַך, א־א — איך ווייס נישט ווי הייסט עס... אָט דאָס וואָס מען זאָגט אויף „א באַרמינע".

— קדיש — כאַפּט מען אונטער פון אַלע זייטן.

— ניין, נישט קדיש... נאָר וואָס מען האַלט אזא „מאָוועט".

— העספּעד — זאָגט דער „רבי".

— יאָ. האָב איך דאָס ארויסגעשלעפּט. א פּנים, אז דער פּ'שוין האָט געדאַרפט דאָס האַלטן אויפן קבר. אודאי איז געווען א גע־לעבטער צו זען, ווי דער פּ'שוין איז געשטאַנען אויפן קבר און געטאַפּט זיך איבער די קעשענעס און געזוכט די „מאָוועט" (רעדע). כאַ, כאַ, כאַ! געווען א „פּאַטיעכע"! אָבער, וואָס האָב איך דערפון? א פּגירה אויף דיין באָבען. מען דאַרף דאָך דיר!... עי חברה! לאָ־מיר אים מיסאַקען־פּאַס־זיין (מקים פסק זיין).

חברה לאָזן זיך מיט די פויסטן צום באַשולדיקטן.

אָבער לאָזט אים אָפּ, שאַ! פישקושאַטאַ (שטיל זאָל זיין) — מישט זיך אריין איינער פון פּאַרטיידיגונגס־צד — וואָס האָט איר זיך אָן אים אָנגעטשעפּעט? עס טרעפן אַזעלכע מייסעס. אָט האָט ברוך ליפּ אַנונסטן געפירט אויף א סוחרישע לויה, האָבן מיר געמאַכט בעסערע געשעפטן. ארויסגעזשעבעט א פּאָר פּראָטעס־טירטע וועקסלען מיט א „נאַקאַז פּלאַטניטשי". דאָ האָבן מיר באַטש ארויסגעשלעפּט א שער.

— און א „וויעטשנא פּוראַ" אויך — קלינגט דער אַנגע־
קלאָגטער. נאָך גאָר א נייע פּען, אן אמתער פּארקער. איך קאָן
דאָס אוועקשענקען פאַר הברה.

— און אז ליבל האָבערגריץ — ציט וויטער דער פּארטיידי־
קער — האָט אונז געפירט צו באַארבעטן אַן אָנגאָנעק פון גבירים
און פאַבריקאַנטן, און מיר האָבן געמיינט, אז עס איז א געלדע",
און מען מאַכט דאָ גרויסע געשעפטן און מיר ווילן אויך דאָ דער־
טאַפּן די אמתע פּינוסע. האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דאָס שטייען
זיי, די גבירים, אין אָנגאָנעק ביי דער אינטעליגענטער קיך... מען
קאָן היינט וויסן? און די ברידער „קאַסיאַזשעס", נעבעך, זיי איז
בעסער? האָרעווען זיך אַן ביי א קאַסע א גאַנצע נאַכט און צום
סוף געפינט מען דאָרט א פּארשימלטן קנעפּל מיט א מייזל... ניין,
חברים! אונזער חבר יעקל איז אפשר אַריינגעפאַלן, אָבער ער
איז נישט שולדיק. איך ליג פאַר, מען זאָל אים אונטערשלאָגן
אַן אויג און אויסדריקן צוטרוי.

די שטימונג האָט זיך געענדערט. דער פּסק דין איז געווען
א מילדער. חברה האָט ארויסגעטראָגן א באַפרייאונגס־אורטייל—
מיט א תנאי, אז ער זאָל זיין וויטער „שיפּשיפּפּאָטער" (פּאָרזיכ־
טיקער). א נישט וועט מען אים צוברעכן צוויי זשעברעס און
ארויסלאָזן די „שנוראָוואַדלעס" (קישקעס).

באמערקונג פון אויטאָר: די אַלע גנבישע ווערטער זענען
אויסגעטראַכט פון מיין אייגענעם קאָפּ.

א טעאַטער פֿון קבצנים

איך האָב שוין אַ נייע פּיעסע. זי הייסט: „די רוסישע רעוואָ־לוציע אין קייזערליכן הויף". עס גייען שוין די פּראָבן. מאָרגן איז די פּרעמיערע. איך בין טשעקאַווע צו זען, וואָס עס וועט אַרויסקומען.

איך בין זייער טשיקאַווע; מחמת פֿון דער מינוט, וואָס איך האָב דאָס ווערק אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט און פֿאַר דער צייט, וואָס עס זענען אָנגעגאַנגען די הכנות און פּראָבן, זענען אין מיין שטיק געמאַכט געוואָרן עטלעכע קליינע ענדערונגען. לויט די אָנ־ווייזונגען פֿון דעם טעאַטער־דירעקטאָר, רעזשיסער, סופֿליאָר, פֿון אַלע אַרטיסטן, זייערע קרובים און סתם זייטיקע מענטשן, מבֿינים און פֿיינשמעקער.

יעדער איינער האָט ביינעטראָגן זיינע אויסבעסערונגען.

איין שבֿח מוז מען אָבער זאָגן, אַז די אַלע ענדערונגען זענען געמאַכט געוואָרן מיט מיין הסכּמה.

און איך בין נישט ווי אַנדערע דראַמען־שרייבער, וואָס לאָזן מאַכן פֿון זייערע ווערק, וואָס מען וויל; איך לאָז מיר נישט שפּייען אין דער קאַשע. מיין ערשטער באַדינג איז געווען, אַז עס זאָל נישט געמינערט ווערן און נישט געענדערט ווערן אַפֿילו אַ קוצו של יוד. אַזאַ מענטש בין איך. צוליב אַ בוכשטאַב אָדער אַ קאָמאַ בין איך גרייט צו גיין אויף מסירת־נפֿש... סיידן ס'געשעט מיט מיין הסכּמה.

און אַ מענטש בין איך אַ האַרטער, אַ פּרינציפּיעלער, בפֿרט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קונסט...

נישט מער, אַמאָל מוז מען גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט גאָר אַן אומשולדיקער „פֿאַפּראַווקע". דהיינו? איינער פֿון די אַקטיאָרן, וואָס האָט באַדאַרפֿט שפּילן

די ראַליע פון ענגלישן אמבאַסאַדאָר ביים קייזערלעכן הויף האָט געזאָלט רויכערן אַ ציגאַר. אַזוי איז געווען אָנגעוויזן אין מיין פּיעסע.

איינמאָל אויף אַ פּראָבע רופט מיך אָפּ דער דאָזיקער אַקטיאָר אָן אַ זייט און רוימט מיר איין אין אויער מיט אַ קול פול מיט תחנונים:

— פאַניע פּאַרפּאַסער, איך, ווי איר קוקט מיך אָן האָב דעם כבוד צו שפּילן אין אייער שטיק די ראַליע פון ענגלישן לאָרד; ווי עס איז אָנגעוויזן אין דעם שטיק, דאַרף איך רויכערן ציגאַרן. האָבן מיר דען אויף ציגאַרן? איך האָב זיך געווענדט צום טעאַטער־דירעקטאָר. זאָגט ער, אַז אונזער טרופּע קאָן מיר נישט דערלויבן צו רויכערן ציגאַרן. העכסטנס, אויף וואָס איך קאָן זיך דערלויבן, איז צו רויכערן פּאַפּיראָסן. און דאָס — פון דער פירמע „אוואַנטי", דריי גראָשן אַ שטיק.

האָב איך נאָכגעטראַכט, נאָכגעטראַכט און צוגעגעבן, אַז מען קאָן ווירקלעך אויסקומען אָן ציגאַרן. אַן ענגלישער אַמבאַסאַדאָר איז נישט חולה צו רויכערן פּאַפּיראָסן „אוואַנטי".

אַ צווייט מאָל ווענדט זיך צו מיר אַ צווייטער אַקטיאָר; דער זעלבער, וואָס שפּילט די ראַליע פון פינאַנץ־מיניסטער וויטע, און ער האָט צו מיר אויך אַ בקשה:

— אין איין אַקט — זאָגט ער — ווערט אין אייער שטיק אָנגעוויזן, אַז איך באַדאַרף זיך ווייזן אָן אַ ראָק, בלויז אין הוילע אַרבל... פּאַרשטייט איר מיך... ביי מיינע קאַפּיטאַלן און די גאָזשע, וואָס איך קריג, מישטיינס געזאָגט, בין איך נישט אימשטאַנד זיך אַלע אָוונט צו באַווייזן אין אַ ווייס העמד. ווער קאָן זיך עס אָננעמען צו וואַשן אַלע חודש אַ העמד? און ווייזן זיך מיט ברודיקע אַרבל איז עפּעס נאַרישט פּאַסיק פאַר אַ פינאַנץ־מיניסטער... וויל איך טאַקע, איר זאָלט מיר דערלויבן צו טראָגן דעם ראָק... יאָ, און וואָס נאָך וויל איך אייך בעטן. איר זאָלט מאַכן אַזוי, אַז איך זאָל מיין גאַנצע ראַליע דאַרפן שפּילן נאָר מיטן פּאַרנט און נישט חלילה מיטן פּלייצע, ווייל אויף די אַקסלען זענען ביי מיר אויסגעריבן גאַנצע לעכער. איבעריקנס, דאָס געהערט שוין צום רעזשיסער.

איך אויף דעם בין איך איינגעגאַנגען; פשוט, צוליב הומאַ־ניטאַרע מאָטיוון.

די פּרימאַדאָנע פון דער דאָזיקער טרופּע האָט מיר אָפּגע־שטאַט אַ וויזיט אין מיין היים און זיך משתדל געווען ביי מיר וועגן אַט וואָס:

די דאָזיקע פּרימאַדאָנע שפּילט אין מיין שטיק די געליבטע פון ראַספּוטינען, די הויף־דאַמע ווירובאָווע; שילדער איך אין מיין שטיק אַ סצענע אין קייזערלעכן פּאַרק, בשעת אַן אָרגיע, ווי ראַספּוטין הוידעט די ווירובאָווע אויף אַ הוידעלקע. בשעתן הוידען זיך פאַרוואַרפן זיך אירע פיס אַרויף אין דער הייך און עס זעען זיך די זוילן, און זיי, די זוילן, זענען נעבעך געלאַטעט.

— איר פאַרשטייט דאָך — זאָגט זי — פּאַניע פּראָפעסער, אַז עס פּאַסט נישט, דאָס פּובליקום זאָל זען, אַז ביי דער גרעסטער הויף־דאַמע פון קייזערלעכן הויף זענען די זוילן מיט לאַטעס, און די פּיעסע אייערע איז דאָך אַ קינסטלעריש ווערק און נישט קיין שונד.

— בכן?

— בכן, צו קאָן מען נישט די גאַנצע סצענע אַרויסוואַרפן?

איך האָב נאָכגעטראַכט, איבערגעלייגט זיך און איינגעשטימט. מילא, וועט זיין אָן דער אָרגיע.

— אַ דאַנק.

עס גייט נישט דורך קיין וואָך און עס קומט צו מיר אַריין דער סטאַר פון דער טרופּע, בעניע סאָלאָוויטשיק, דער כאַראַקטער־ראַליסט, וואָס שפּילט אין מיין שטיק די ראָליע פון מיניסטער פּלעווע.

— איך האָב — זאָגט ער — הער שרייבער, צו איך אַ וויכ־טיקן ענין.

— דהיינו?

— איך האָב — זאָגט ער — אַ וווּנדערבאַרן מאָנאָלאָג, וואָס מיט אים ענדיק איך יעדער ראָליע, וואָס איך שפּיל. עס איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער זיכערער „אַפּלויז". נאָך אַזאַ מאָנאָלאָג מוז מען אַפּלאָדירן.

— לאָמיך הערן.

ער שטעלט זיך אַוועק אין אַ דראַמאַטישער פּאָזע און דעקלאַמירט:

— אָ - אָ! דו יודעלע! דאָס קינד פון פאָלק ישראל! אָה. מיין עוויגעס נאַציאָן! דו האָסט אימער געלעבט און וועסט נימאַנד אונטערגיין און וויפיל דיינע פיינדע זאָלן דיך נישט דריקען און שטיקען, וועסטו בלייבן שטאָלץ, ווי אַ פעלז אין דער וויסטע. זאָלען זיי דיך דערקוטשען, די המנס מיט די גראָס־אינקוויזיטאָרען. דו לאַכסט פון זיי כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!... ווי געפעלט אייך?

— אויסגעצייכנט — האָב איך געזאָגט — אָבער, פּלעווע איז געווען אַ יודאָפאָב, ווי אַזוי זשע קאָן ער זאָגן אַ זעלכע ווערטער...

— אַנטשולדיקט — האָט ער געפרעגט — וואָס איז אַזוינס אַ „יודאָפאָב"?

— אַ שונא ישראל.

דער אַרטיסט האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם זיך אָפּגערופן:

— פאָב - שמאָב; אָבער איך בין דאָך אַ סטאַר און באַדאַרף האָבן אַפּלאָדיסמענטן און קיין גאָרנישט נעם איך נישט. איך שפּיל בלויז צוליב קונסט און האָנאָר, באַדאַרף איך אַפּלאָדיסמענטן, צי ניין?

— אָבער, אום גאָטעס ווילן — בעט איך מיך — פּלעווע איז אַ באַרימטער אַנטיסעמיט, האָט געמאַכט דעם קעשענעווער פּאָגראָם. ווי אַזוי קאָן ער האַלטן אַזאַ מאָנאָלאָג?

— ווען מיר אים מגיר זיין. מיר וועלן אים לאָזן זאָגן דעם מאָנאָלאָג פאַרן טויט. ער האָט חרטה און ווערט אַ ייד. נעבן מיר וועט שטיין ד"ר הערצל און איך וועל האַלטן מיין מאָנאָלאָג מיט ליכט־עפעקטן. צום סוף וועל איך ענדיקן מיט מיין באַרימט לידל, וואָס איז מיין „קאָניאָק".

יודעלע, מיין קרוין, מיין געשעצטעס נאַציאָן!
דו טראָגסט הויך דיין יודישען פאָן,
דו עקזיסטירסט פון אייביק אָן,

צו זיין אַ יוד איז גאָר אַן אַנטיק,
אַ גרויסעס, וואָרעס גליק,
טאָמער גיט מען דיר אַ דרוק,
און ווערסט פאַרשוואַרצט, ווי אַ טאָטער,
שוויצט דיך דיין הימעל־פאָטער,
און הערסט דיינע שונאים ווי דעם קאָטער!

איך האָב מיך איבערגעלעגט און מסכים געווען.

— גוט, גוט. מילא, אַ סוף זאָל עס נעמען. זאָל מען שוין שפּילן מיין שטיק.

אַוועק אַ חודש צייט פון פּראָבן, נאָכדעם ווער איך פּלוצלינג איינגעלאַדן צום טעאַטער־דירעקטאָר אויף אַ קאָנפערענץ. ער האָט עפּעס צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען:

— דהיינו, וואָס?

— די אַקציע פון דעם שטיק — זאָגט ער — די „פעווראַל־סקע ־ רעוואָלוציע" שפּילט זיך אָפּ אין „זשימנע דוואָרעץ" אים ווינטער־צייט. און דאָס איז אוממעגלעך, מחמת די אַרטיסטן האָבן נישט קיין ווינטערדיקע בגדים.

— איז וואָס־זשע טוט מען דערצו?

— מען מוז זען, אַז די „פעווראַלסקע־רעוואָלוציע" זאָל פאַרקומען אין תמוז.

פרעג איך דאָך אים:

— היתכן? עס וועט דאָך נישט שטימען מיטן קינסטלערישן אמת?

זאָגט ער:

— אמת, שמעמעס... מען קאָן איבערטראָגן די רעוואָלוציע קיין שפּאַניען. בשעת הדחק קאָן מען די גאַנצע אַקציע איבערפירן קיין טערקיי, קיין גריכנלאַנד, קיין מעקסיקע, דאָרטן קומען אויך פאָר רעוואָלוציעס, אָבי נאָר אין אַ וואַרימער געגנט.

האָב איך זיך ווידער באַטראַכט און איבערגעלייגט זיך און איינגעשטימט.

— אַ סוף, זאָל מען מאַכן די קליינע ענדערונג, אָבי מען זאָל

שוין שפּילן און לאָמיך שוין זען די פּרוכט פון מיין שאַפן אויף די ברעטער פון קונסט־טעמפּל.

ס'איז געקומען דער גרויסער טאָג פון דער פּרעמיערע. איך זיץ אין טעאַטער. מיין האַרץ פּלאַטערט... וואָס איז געשען? עפּעס דערקען איך נישט מיין ווערק. איך רוף אָפּ דעם טעאַטער־דירעק־טאָר אָן א זייט און פרעג, וואָס שפּילט מען עס אַזוינס?

ענטפערט ער מיר: — איך ווייס נישט וואָס מען שפּילט? „כאַסיע די יתומה".

מאַך איך דאָך זייער א פאַרוואונדערט פּנים. דערקלערט ער מיר:

— פאַרשטייט איר מיך — זאָגט ער — „כאַסיע די יתומה" איז שוין אַן איינגעשפּילטע זאַך און אייער שטיק איז א נייעס און מען מוז מאַכן פּראָבן, אָבער דאָס טעאַטער איז נישט געהייצט און ס'איז קאַלט, כאָטש וועלף פאַרטרייב... א מער האָבן מיר גע־נומען און געשטעלט „כאַסיע די יתומה".

דער דאַמען־קאָמיטעט

א סצענקע

אַן אויפנאַם־זאַל. אַרום אַ קיילעכדיקן טיש זיצן פיר
דאַמען און באַראַטן זיך וועגן דעם קומענדיקן קונסט־
באַזאַר, וואָס זיי אָרדנען איין.

פערזאָנען:

מאַדאַם קאַראָלינע, די ווירטן פון הויז, פּאָרזיצערין פון א
דאַמען קונסט־אָרגאַניזאַציע.

מאַדאַם אַרבעס, א הויכע, א טויבלעכע מיט א הער־רערל צום
אויער אין האַנט.

מאַדאַם פעפערגריץ, אַ קליינטשיקע, אַ שוואַרצע.

מאַדאַם וואָראָבייטשיק, אַ געלע, אַ גרויסע ווי אַ מאַנסביל.

קאַראָלינע (אַלס פאָרזיצערין קלינגט): מיינע געערטע
דאַמען! אין נאָמען פון אונזער פרויען־אָרגאַניזאַציע צו שטיצן
די יידישע קונסט, האָב איך דעם כבוד צו עפענען די היינטיקע
באַראַטונג. אויפן טאָג־אָרדנונג: דאָס אָרגאַניזירן דעם וווילטעטיקן באַזאַר. דערביי וויל איך אייך מעלדן א פריילעכע בשורה:
צו דעם דאָזיקן באַזאַר האָט אונז געשענקט א בילד דער קונסט־
מאַלער פּעליקס פינזעלשטאַק. איך בעט עס באַערן מיט אויפשטיין.

אַלע: (שטעלן זיך אויף).

קאַראָלינע: אָט איז דאָס בילד (הייבט אויף דעם צודעק).
א העכסט מאָדערן בילד; דאָס בילד איז מיין פּאָרטרעט. איך
שענק עס אויפן קונסט־באַזאַר.

וואָראָבייטשיק: אָבער, ליבע קאַראָלינע, ווו איז דאָ
אייער נאָז?

קאראָלינע: פוי, מאַדאַם וואָראָביטשיק, אין אַ מאָדערן בילד זוכט מען נישט די נאָז. איר זענט אַזוי אָפּגעשטאַנען.

אַלע: אַ־אַ־אַ! (קוקן דורך די פויסטן און באַוווּנדערן דאָס בילד).

קאראָלינע: און דאָס בילד וועלן מיר אויספּלעטן אין אַ לאָטעריע, און די איינקונפטן וועלן גיין פאַר אונזער קונסט־געזעלשאַפט. אָנגענומען?

אַלע: אָנגענומען.

קאראָלינע: קיינער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן?

אַלע: אָנגענומען! אָנגענומען!

קאראָלינע: און איצט קומען אויפן טאָג־אָרדנונג די טואַלעטן. מיר, די דאַמען פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, באַדאַרפן זיין אָנגעטאָן אָריגינעל־קינסטלעריש, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קונסט־געזעלשאַפט. אונזערע קליידער דאַרפן זיין העכסט מאָדערן.

וואָראָביטשיק: הערסטו, האָב איך דאָך טאַקע „אַ פּאָמפּאַדור פאַסאָן דע לאַ קאָמבינאַציאָן!"...

אַלע: ווי זעט עס אויס, מאַדאַם וואָראָביטשיק?

וואָראָביטשיק: אַ קלייד אַזאַ פון עטלעכע פאַסאָנען מיט אַמאָל: נעמט איר אַראָפּ די פעלערינקע און איר בלייבט אין די קרינאָלינקע — האָט איר אַ נייעם פאַסאָן; נעמט איר אַראָפּ די קרינאָלינקע און בלייבט אין דעם לייכטן אונטערקלייד — האָט איר ווידער אַ נייעם פאַסאָן. נעמט איר אַראָפּ דאָס לייכטע אונטערקלייד...

פעפערגריץ: וואַרטס! אין וואָסער קאָליר, מאַדאַם וואָראָביטשיק?

וואָראָביטשיק: קאַווע מיט מילך!

פעפערגריץ: מיט אַ סך מילך?

וואָראָביטשיק: מיט אַ ביסעלע מילך דווקא; אַזוי פּאַפּוליאַטע...

אַלע: וווּנדערבאַר!

פעפערגריץ: און ווו האָט איר עס געקויפט דעם שטאָף?

וואָראָביטשיק: דווקא אויף די אָרעמע גאַסן. דאָרט

קאַן מען דוקא כאַפּן די אמתע מציאה מיט די רעשטלעך. הערט איר, איז דאָרט נעבעך, אַן אָרעמקייט...

אַרבעס: הא?

קאַראָלינע: און איך קאָן נישט גיין אויף די אָרעמע גאַסן. עס פאַרקוועטשט מיר דאָס האַרץ.

וואַראַביטשיק: און איך, אַז איך דערזע אַן אָרים קינד, באַקום איך מיגרענע. מיין אַדװאָקאַט זאָגט מיר, איך זאָל אויפהערן צו טראַכטן פון די אָרעמע. דאָס איינענע געזונט איז טייערער. אָבער, איך קאָן נישט, אַזאַ נאַטור האָב איך. די עסטעטיק לאָזט נישט.

אַרבעס: הא?

פעפערגריץ: האָט איר שוין געהערט די נייעס? מאַדאַם קלעפּל האָט זיך שוין פריש איינגעליבט...

אַרבעס: הא, וואָס?

פעפערגריץ: אַ שפּאָגל נייעם ליובאָווניק...

אַלע (רעדן צוזאַמען):

— ווער, וואָס?

— ווו, ווען?

— ווער, ווּעמען?

וואַראַביטשיק: זי זאָגט, ער איז אַ באַראָן!

קאַראָלינע: ער מוז זיין אַ באַראָן, ווי איך אַ גובערנאַטאָר...

פעפערגריץ: סך הכל לעבט זי מיט... (שושקען זיך אין די אויערן).

אַרבעס: הא? וואָס? קרוינעלעך, זאָגט מיר אויך!

קאַראָלינע: אַ ליובאָווניק!

אַרבעס: אַ ליובאָוו...

פעפערגריץ: וואָס אַ ליובאָווניק? ווער אַ ליובאָווניק?

אַרבעס: קרוינדעלעך מיינע, וואָס זאָגט איר? עפּעס אַ למד־וואָוניק...

וואַראַביטשיק: גוט שבת, רעטאַך טראָג איך...

אַלע: (האָלדערן ווי די גענז).

ק א ר א ל י נ ע: אָבער מיר באראטן זיך דאָך מיינע דאמען, וועגן אונזער קונסט־באזאר.

א ל ע: יאָ, יאָ, טאקע. ביטע, ביטע — —

ק א ר א ל י נ ע: מיר גייען איבער צום בופעט.

פ ע פ ע ר ג ר י ץ: וועל איך אויסבאקן, קינדערלעך, א האָניק־לעקעך, וועט עס זיין א צאצקע.

א ר ב ע ס: וואָס זאָגט איר עפּעס א רעטאך?

וו א ר א ב י י ט ש י ק: נישט קיין רעטאך, נאָר א לעקאך.

ארבעס: זאָגט־זשע, ליבנקע, ווי מאכט מען א האָניק־לעקאך?

וו א ר א ב י י ט ש י ק: איר ווייסט נישט, ווי מען מאכט א האָניק לעקאך? שעמט זיך בנאמנות. מען נעמט צוויי פונט קאָרן־מעל, מען קוועטשט אויס צוויי ציטרין און מען צעקלאפּט דריי געלעכלעך פון אייער און מען באשיט עס מיט מאָן און צעשטויסע־נע ניס.

א ר ב ע ס: וואָסערע פיס? האָ? מיין איזידאָר וואָלט, כ'לעבן, אוועקגעגעבן די גאנצע וועלט פאר א שטיקל פיסנאָגע...

וו א ר א ב י י ט ש י ק: וואָס פאלט איך איין עפּעס פיסנאָגע? פיסנאָגע איז מיין לעבן...

פ ע פ ע ר ג ר י ץ: איר אויך? זעט נאָר, איין גוסט, איין נשמה! (קושן זיך).

ק א ר א ל י נ ע: קינדערלעך, איך האָב נעכטן באגעגנט מאדאם ליבערמאן. זי איז ארויס פון שיינהייטס־סאלאָן.

וו א ר א ב י י ט ש י ק: ווי זעט זי אויס?

ק א ר א ל י נ ע: אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן.

פ ע פ ע ר ג ר י ץ: אזא אלט פארזעעניש...

ק א ר א ל י נ ע: זי זאָגט, איר איז ערשט 25 יאָר.

פ ע פ ע ר ג ר י ץ: אזוי פיל שמיץ גיט מען איר וויפיל מער ווי 57.

וו א ר א ב י י ט ש י ק: איר טאָכטער ברענטשעט דאָך שוין אויף א פּיאנאָ. געקויפט א פּיאנאָ.

ק א ר א ל י נ ע: נישט געקויפט, נאָר גענומען אויף נוץ־

געלט — כּדי צו האַלטן אַ מוזיק־לערער, טאָמער וועט זיך יע־נער אין איר איינליבן.

קאַראָלינע: און ווי אַלט איז איר נייער געליבטער?

וואָראַבייטשיק: י זאָגט, אַז ער האָט — —

אַרבעס: דריי צעקלאַפּטע געלעכלעך און פינף אויסגע־קוועטשטע ציטרינען...

אַלע: (לאַכן און רעדן צוזאַמען און הערן נישט איינע די צווייטע).

וואָראַבייטשיק: נעם איך אַראָפּ די פּעלערינע און בלייב אין די קרינאָלינקע, נעם איך אַראָפּ —

אַרבעס: די סמעטענע און באַשיט....

וואָראַבייטשיק: מיט פּיסנאָגע — — —

אַרבעס: און מיינער האָט ליב געפּרעגלטע לעבערלעך.

קאַראָלינע: מיט אַ ציטרינקע.

וואָראַבייטשיק: און מיט קנאָבל.

פּעפּערגריץ: קנאָבל גאָר? טאָ ווי קושט איר זיך?

קאַראָלינע: מיך דאַרף מען נישט קושן; איך בין נישט ווי די מאַדאַם פּיזשיק...

וואָראַבייטשיק: מײַנע דאַמען, אַז מען רעדט וועגן קושן, האָב איך אַ גאַלדענעם פּלאַן: איך וועל אויספּלעטן מײַנע קושן. יעדער קאַוואַליער, וואָס וועט מיך וועלן געבן אַ קוש, וועט אויסקויפן אַ לאָס פאַר 100 זלאָטעס. אויף אַ באַל אין האָליוווד האָט גרעטאַ גאַרבאָ אויסגעפּלעט אירע קושן און געמאַכט אַ פאַר־מעגן. איך האָב אַליין געלייענט. וועל איך דאָס אויך מאַכן. איך האָב דאָך דעם אמתן „סעקס־אַפּיל".

פּעפּערגריץ: זע נאָר די מציאה! פאַרוואָס זאָל איך נישט אויסלאָסעווען מײַנע קושן? איך בין אויך אַזאַ ווענערישע שיינהייט. איך האָב אויך דעם סאַקסאָפאָן.

קאַראָלינע: סעקס־אַפּיל מיינט איר.

וואָראַבייטשיק: זעט נאָר דעם סעקס־אַפּיל!

פּעפּערגריץ: ניין, איר זענט אַ סעקס־אַפּיל.

אַלע: (קריגן זיך. אַ גרויסער האַרמידער).

ק א ר אָ ל י נ ע: מײַנע דאַמען, מײַנע דאַמען, איך מײן, אַז מיר האָבן זיך שוין גענוג בּאַראַטן װעגן אונזער קונסט־בּאַזאַר. איך לײג פֿאָר, מיר זאָלן אַרײַן אינם עס־צימער אױף אַ טאַסע קאַװע און שפּילן אַ בּרידזש. אָנגענומען?

אַ ל ע: אָנגענומען! אָנגענומען! (לאָזן זיך גײן).

איך האָב איס געהאַרגעט

אַ סצענקע

ה ע ל ד ן :

א י ך

ע ר (אַ זאַמלער פון שפּריכווערטער).

צ יי ט :

אומגעפער אייערנעכטן נאָכמיטאָג.

אָ ר ט :

בײַ מיר אין קאַבינעט.

א י ך (אַ פּאַרקילטער, טאָר פון שטוב נישט אַרויס. זיץ און נודיע זיך מיט דער גרעסטער נודיעניש. גענעץ מיט אַזעלכע געניצן, וואָס מעגן אײַנשטיין בײַ דעם גרעסטן ליידיקגייער. דריי זיך אַהין, דריי זיך אַהער, און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפונען...) אוה־הו־מו!... אַזאַ לאַנגווייליקייט, אַז מען קאָן פון זינען אַראָפּ! זאָל דאָס עמיצער אָנקלאַפּן אין טיר, צו אַלדע רוחות!.. דער טייוול זאָל כאָטש עמיצן אָנטראָגן אויף אַ מינוט. (איך גענעץ נישטאָ מיט וועמען זיך אַ וואָרט דורכצוווארפן... אַ שמועס כאַפּן... הערן אַ שטיקל נייעס... מניאַ... הו־האָ־ה!..

(מען קלאַפּט אין טיר.)

א י ך (דערפרייט) : אַריין!

ע ר (קומט אַרײַן מיט אַ גרויסן פּאַק ביכער אונטערן אָרעם, מיט גרויסע ברילן אויף דער קרומער נאָז. טראָגט אַ געשפּאָלטענעם סורדוט, זעט אויס ווי אַ קליינשטעטלדיקער מיידל־לערער).

א י ך (מיט גדולה): אָ, פּאַניע זאַלצמעסטל! גאָט האָט אייך געבראַכט! אַ גוט מאָרגן אייך!

ע ר : גוט מאָרגן, גוט מאָרגן... פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן...

אָבער היינט האָב איך שוין אַט דאָ אַ (קלאַפּט אָן דער טעקע) פינף הונדערט און זיבן און דרייסיק שפּריכווערטער. איינס אין איינס! קיין עין־הרע, אַן עשירות! אָבער קיינער ווייסט נישט וועמען דער שיך קוועטשט. מיך, למשל, קוועטשט דאָס וואָס מיר פעלט נאָך ניין און צוואַנציק שפּריכווערטער צו מיין קאָלעקציע „לאָקשן". ס'הייסט אַ ביסל האָב איך שוין געפּאַקט! הערט זיך נאָר איין: „אַ סימן אַ לאָקש אויפן באָרד", „ער שלינגט ווי קאַלטע לאָקשן". „לאָקשן איז נישט קיין פאַרפל און פאַרפל איז נישט קיין לאָקשן", „איין לאָקש שלעפּט די אַנדערע לאָקש".

איך: אָבער — —

ער: „כאַפּט נישט, עס איז נישט קיין לאָקשן". „פאַר שבת עסט מען נישט קיין לאָקשן". „ער האָט אַ פול מויל מיט לאָקשן" — — —

איך: אָבער לאָזט געמאַך מיט אייערע לאָקשן! „לאָקשן"! „לאָקשן"!... זאָגט בעסער, וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט איר?

ער: וואָס זאָל זיך הערן? עס הערט זיך, וואָס מען רעדט „אַז עס איז דאָ פּאַרוואָס, מאַכט מען אַ הערינג", און „אַז עס איז דאָ אַ שנאַפּס, מאַכט מען אַ שהכל", „און אַז עס איז נישטאָ קיין פלייש, גריזשעט מען ביינער", און „אַז מען מאַכט גאָרנישט מאַכט מען מיט די זייטן"...

איך: אַהאַ - האָ! ווי איר האָט זיך דאָס צעלאָזן! זאָגט בעסער, וואָס מאַכט אייער יונג ווייבל, רייזל?

ער: מיין ווייבל רייזל? „נישטאָ קיין רויז אָן דערנער", „נישטאָ קיין פיש אָן ביינער", „נישטאָ קיין ראָד אָן פלעקלעך, „נישטאָ קיין בייגל אָן אַ לאָך"...

איך: גוט, גוט!... אָבער ענטפערט מיר צו דער זאַך: האָט איר פאַר איר אַ גוט לעבן?

ער: כ'מיין, ווי זאָגט מען: „אַז דאָס ווייב איז אַ זויגערין, איז דער מאַן אַ זייגער", „אַז דאָס ווייב איז אַ יולדות איז דער מאַן אַ יאָלד", און „אַז דאָס ווייב טראָגט דעם ספּאָדיק, טראָגט דער מאַן די פּאַנטאָפל" און „ממון בקעשענע. איז שלום־בית"

און „אַז געלט, מאַכט רש"י — שלים". „ליגט מען אין דער ערד און מען באַקט בייגל".

איך: איך האָב געהערט אַז זי איז אַ חכמת.

ער: עט, „חכמת נשים — קעלבערנע בצים".

איך: און אייערע קינדער?

ער: „קינדער קייען, וואָס גרויסע שפּייען"; „גרויסע קינדער — גרויסע זאָרגן", קליינע קינדער, קליינע זאָרגן".

איך: און וואָס הערט זיך ביי אייך מבח פּרנסה?

ער: נישט צו פאַרזינדיקן. „די קישקע פילט זיך, דער מאָגן גרילט זיך, די מילך בריט זיך, די קאַשע פריעט זיך. (מיט אַ נגון פון גמרא) „און איך בין אַליין און אין מאַרק מוז מען גיין, איז טאַקע ביטער, אַזוי ווי כריין"...

איך: זעט נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס צעזונגען. וואָס פאַר אַ זינגעניש אויף אייער קאָפּ?... זאָגט בעסער, וואָס האָט איר היינט געלייענט אין די צייטונגען? וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה? מען שיסט זיך, האַ?

ער: „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים, און „סטופּיי איז דוחה שבת", „אַז מען וועט הייסן גיין, וועט מען מוזן גיין", „אַבי אַ פערד — אַ בייטש וועט זיין".

איך: און ווער מיינט איר וועט זיגן?

ער: אויף דעם איז דאָך דאָ אַ ווערטל: „דער איטאַליענער איז ווייס און דער אַביסיניער איז שוואַרץ", מאַכט רש"י: „אַז אַ מילנער שלאָגט זיך מיט אַ קוימענקערער, ווערט דער קוימענקערער ווייס און דער מילנער שוואַרץ".

איך: און דער פעלקער־בונד?

ער: „ווי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי". און „ווי די כלי־זמר שפּילן, אַזאַ חתונה איז עס". און „ווי מען קלינגט, אַזוי צימבלט מען".

איך: און וואָס זאָגט איר וועגן אונזער אייגענע פּאָליטיק?

ער: וואָס זאָל איך זאָגן? „עס איז לייכט צו זאָגן און שווער צו טראָגן"; „אַז אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין

שופר נישט בלאָזן'' ; „ניע דאָברע ריידעלע, אַבי דאָברע מיינעלע''.

איך: אָבער, וואָס טראַכט איר?

ער: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט'' ; דער מענטש פאָרט און גאָט האַלט די לייצעס''.

איך: און ווי האַלט איר פון אונזערע מנהיגים און טוער?

ער: וואָס זאָל איך פון זיי האַלטן? „פאַר אַ היימישן גנב איז זיך שווער איינצוהיטן''; „ניע גנביי אי ניע פּאָסטיי''; „סוף גנב לתליה''.

איך: אָבער אום גאָטס ווילן, הערט אויף מיט אייערע ווערטלעך!

ער: „איטליכעס ווערטל האָט זיין ערטל''; „יעדער וואָרעם האָט זיין דאָרעם''; „יעדע מויז האָט איר לאָך'', „יעדעס פּורל האָט זיין גלעקל'', יעדע...

איך (גערייצט): אַ סוף! אַן עק! שאַ! רוט אָפּ אַ ביסל!... שוין?... (פּויזע) איצט וועלן מיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן. גייט איר אין טעאַטער? וואָס זאָגט איר צו אונזער יידישן טעאַטער?

ער: „ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען'' און „אַז עס איז נישטאָ קיין אתרוג, באַדאַרף מען נישט קיין פּושקע'' און „אַז מען האָט נישט אין טעפּל, איז ליידיק דער טעלער'' און „אַז עס איז פּוסט אין — —

איך (אין כעס): גוט, גוט!... עס שיט זיך דאָך ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק. זאָגט בעסער, לייענט איר ביכער? האָט איר געלייענט דאָס נייע בוך פון שרייבער מענדל?

ער: „אַז מען רופט אים מענדל, מעג מען עסן פון זיין פענדל'', און „אַז זיין ווייב הייסט ברכה, איז אין שטוב אַ מערכה'' און „אַז מען שלאָגט „על־חטא'', עסט מען קרעפּלעך'' און „אַז ציבעלע איז ציבוליע, איז קנאָבל קנאָבוליאַ'' און אַז — —

איך (מיט פאַרביסענע ציין): איר זענט אַ טשודאַק פון אַ מענטש!... איר קלייבט שפּריכווערטער — גוט. אָבער רעדן קאָנט איר דאָך ווי אַ מענטש.

ע ר: „אדם א מענטש, קאטשקע רוק זיך".

א י ך: האסט געהערט א ביסל? איך רעד דאס, ענטפערט איר מיר בוידעם. טענו בחיטים והודו בלאקשן.

ע ר: איי איי איי!... געלד מיט זילבער! אויסגעצייכנט!

איך: וואס געלד מיט זילבער? וואס אויסגעצייכנט?

ע ר: אט דאס וואס איר זאגט.

א י ך: וואס זאג איך?

ע ר: אט דאס ווערטל „טענו בחיטים והודו בלאקשן". א געלדן ווערטל, אקוראט פאר מיין קאלעקציע „לאקשן". (פאר־שרייבט אין א ביכעלע)

א י ך: איך וועל פון אים ווערן דול!

ע ר (מאלט ווי א מיל): „דער קאפ איז דול, דער מאגן איז פיל, אז דער פעטער שמואל קומט פון שול, נעמט ער דאס פלעשל און מאכט בול־בול... הא־כא־כא!..."

א י ך: גע־וואלד! איך וועל עס נישט אויסהאלטן! איך וועל קראפירן ווי א בלאטער!

ע ר: איי איי איי, נאך א ווערטל! ווי האט איר געזאגט? „איך וועל קראפירן ווי א בלאטער". האב איך זיך טאקע דערמאנט אויף נאך א שפריכווארט: „יעדער טאטער האט זיין בלאטער". מען דארף עס פארשרייבן.

א י ך: (כאפ אים אן פארן קאלנער) האדיע! א סוף! גייט איך צו אלדע שווארץ יאר.

ע ר: עהע! הלך תרח בדרך!

א י ך (ווארף אים ארויס פון שטוב): פאשאל!

ע ר: (ער קריכט צוריק דורכן פענצטער): „ווארף מיך פון טיר, גיי איך דורכן פענצטער", „קוק מיך אן און גיב מיר וויע־טשערע"; „רוף מיך לעמל און גיב מיר זעמל".

א י ך (מיט דער גרעסטער רציחה): דו באנדיט! דו ממזר! איך וועל דיך דערווערגן (כאפ אים אן פארן האלז און דערווערג אים).

ער (צאַפּלט זיך אונטער מיינע הענט): געוואַלט יידן! מען שלאָגט שופר און מען בלאָזט המנען (כאָרכלט און שטאַרבט).

איך (רייב צופרידן די הענט): ביזט שוין א נפטר.

ער (שפרינגט אויף): ניפטער פּיפטער, פּרנסה האָט איר?

איך (פאַל אין חלשות).

(פ אָ ר ה א נ ג)

א מעשה מיט א דראמאטורג

איז געווען אמאל א דראמאטורג, האט ער געהייסן שמעון כאוואקוק און ער האט אנגעשריבן א קאמעדיע אין 5 אקטן, 6 בילדער און 2 פראלאגן.

אנגעשריבן די קאמעדיע, האט ער זיך מישב געווען:

— מען דארף געבן נאטיצן אין די צייטונגען, מען דארף מאכן א ביסל רעקלאמע, כדי די וועלט זאל וויסן. זאלן טעאטער־דירעקטארן הערן, וועלן זיי קומען פון דער גאנצער וועלט, וועלן זיי פירן אונטערהאנדלונגען, וועלן זיי אפקויפן די קאמעדיע, זי אויפפירן א. א. וו., א. א. וו.

האט דער דראמאטורג גענומען קלינגען אין די רעדאקציעס.

— האללא! רעדאקציע „ארבעטער־בלאזאק"? דאס רעדט איך, דער דראמאטורג שמעון כאוואקוק. איך האב די ערע צו מעלדן: איך האב אנגעשריבן א קאמעדיע אין 5 אקטן, 6 בילדער און 2 פראלאגן, טאקע נאר־וואס פארטיק געמאכט; וויל איך אייך בעטן, איר זאלט אזוי גוט זיין און געבן א נאטיץ, אזוי און אזוי, אז איך, כאוואקוק, האב אנגעשריבן א קאמעדיע א. א. וו.

— פירט איר דארט ארוים פארשידענע טיפן? — פרעגט א שטים פון יענער זייט טעלעפאן.

— געוויס. אלערהאנטיקע טיפן.

— וועלכע?

— אינטעליגענטן, קאבלעפל, קינסטלער, ארבעטער...

— ארבעטער אויך?

— געוויס, ארבעטער אויך.

— איר לאכט זיי אויס?

— א ביסעלע, ווי דער שטייגער איז, הומאריסטיש־פריינט־

לעך, אָבער, חלילה... סתם אזוי... געהאַלטן אין לאַכעדיקן טאָן... ס'איז דאָך אַ קאָמעדיע.

— טויג נישט.

— ווי דען זאָל זיין?

— די אַרבעטער - טיפּן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן ערנסט... באַדאַרפן אַלע זיין פּאָזיטיווע טיפּן, ליכטיקע טיפּן; קיין ברעקל שאָטן... נישט קיין לעכערליכע, נאָר געזונטע, אידעאַלע... מוסטער־טיפּן... יעדער טיפּ אַ לאַסאַל, אַ גרשוני... גייט און פאַרריכט די אַרבעטער־טיפּן, וועלן מיר אייך געבן אַ נאָטיץ.

דער דראַמאַטורג איז אַוועק אַהיים און זיך גענומען צו דער „פּאָפּראַווקע”, האָט פאַרריכט די אַרבעטער־טיפּן, געמאַכט פון זיי די שענסטע, ערהאַבנסטע אידעאַלסטע פיגורן. יעדער טיפּ — אַ צאַצקע. די פּאָלקאָמענקייט אַליין!

אויף מאָרגן האָט דער דראַמאַטורג געקלינגען אין אַ צווייטער רעדאַקציע:

— האַללאָ! רעדאַקציע „מגן דוד”? דאָס רעד איך, דראַמאַטורג שמעון כּאַוואַקוק. איך האָב אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטן, 6 בילדער און 2 פּראָלאָגן. איך האָב אייך געוואָלט געפּעליקס בעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און געבן אַ נאָטיץ אין אייער חשובער צייטונג.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָרט ביי אייך אין אייער קאָמעדיע, מישטיינס געזאָגט?

— אָט, איך פיר אַרוים פאַרשידענע יידישע טיפּן.

— ציוניסטן אויך?

— ציוניסטן אויך, געוויס.

— אין וועלכן ליכט? אין נעגאַטיוון?..

אַ ביסעלע, ווי דער שטייגער אין אַ קאָמעדיע, הי, הי, הי...

— טויג נישט. ציוניסטישע טיפּן דאַרפן זיין געמאָלט מיט וואַרימע ווייס־בלויע פאַרבן, לויטערע, סימפּאַטישע... קיין סימן פון קיין פלעק נישט... גייט און מאַכט זיי איבער, מאַכט פון זיי זויבערע געשטאַלטן, ליכטיקע קאָלירן... יעדער ציוניסט — אַ הערצל, אַ בר־כוכבא, אַ יהודה הלוי, יעדער ציוניסט — אַ

שטאַלץ אַלס מענטש און ציוניסט... וועלן מיר אייך געבן אַ נאָטיץ. און — אַז מען וועט אייער קאָמעדיע אויפפירן, קאָנט איר נאָך כאַפּן פון אונז אַ גינסטיקע רעצענזיע אויך. מיר קאָנען אָפּשאַצן טאַלאַנט און קונסט...

דער דראַמאַטורג איז אַוועק אַהיים און זיך ווידער אַנידער־געזעצט פאַרריכטן; איבערגעמאַכט די ציוניסטישע העלדן, יעדער ציוניסט אַ ליכטיקער העלד, אַ גלאָריפיצירטע היסטאָרישע פיגור.

אויפן דריטן טאָג האָט דער דראַמאַטורג ווידער געקלינגען אין אַ דריטער רעדאַקציע, אין דער אָרטאָדאָקסישער:

— האַללאָ! איז דאָס די רעדאַקציע „דער סויבעל־ספּאָדעק"?

דאָס רעדט איך, דער דראַמאַטורג שמעון כאַוואַקוק. איך האָב אייך געוואָלט בעטן אַ טובה: איך האָב אויפגעשריבן אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטן, 6 בילדער און 2 פּראָלאָגן. ווייל איך אייך בעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און געבן אַ נאָטיץ וועגן דעם אין אייער שטאַרק געשעצטן אָרטאָדאָקסישן אָרגאַן.

— ווען מען שטעלט איר דאָרט פאָר, נעמט נישט פאַר אומגוט, אין אייער, אַזוי צו זאָגן, קאָמעדיע?

— פאַרשידענע טיפּן און כאַראַקטערן.

—אָרטאָדאָקסן פאַראַן?

— פאַראַן.

— איר מאַכט פון זיי אַ קאָמעדיע, וואָס? אַזויאַן? פינס־טערע ברואים?

— זולילה.

— וואָס דען? לצנות, וואָס?

— כ'מיין, אַ האַרעלע... שייך צו זאָגן... אַ קאָמעדיע.

— טויג נישט. גייט און מאַכט זיי איבער, די טיפּן. וואָס פאַר אַ חוזק עפּעס, וואָס? אָרטאָדאָקסן דאַרפן זיין פון הויכער מדרגה, אנשים מכובדים, לומדי תורה און יראי שמים, איר זאָלט, חלילה, קיינעם נישט פוגע בכבוד זיין. אפילו נישט מיט קיין רמז, חלילה. איר הערט? גייט, מאַכט זיי צו רעכט און מיר וועלן אייך געבן אַ לייטישע נאָטיץ.

דער דראַמאַטורג האָט נאָך געקלונגען אין פאַרשידענע צייַ־

טוטנגען, אין דער סוחרישער צייטונג, אין דער אַסימילאַטאָרישער, אין דער ווייבערישער, אין די ספּאָרט־צייטונגען, און אומעטום האָט מען געפּאָדערט איבערמאַכן די טיפּן.

די „ספּאָרט־צייטונג" האָט זיך מתחייב געווען צו אַנאָנסירן די קאָמעדיע אויפן ברייטסטן אופן, ווען ער וועט פונם הויפּט־העלד מאַכן אַ פוטבאָליסט, פון דער מדרגה „אַ", וואָס האָט גע־שלאָגן דעם רעקאָרד אויף דער לעצטער אָלימפּיאַדע.

אויך דער אָרגאַן פון דעם זייגערמאַכער־פאַריין, „דער ציפער־בלאַט", האָט פאַרלאַנגט, אַז דער ערשטער ליבהאָבער פון דער קאָמעדיע זאָל זיין אַ זייגער־מאַכער, אַ בעל־מלאכה, וואָס אַז ער פאַרריכט אַ זייגער, גייט ער אויף אַ האָר און וויל זיך שוין מער נישט אָפּשטעלן.

דער בעקער־אָרגאַן האָט געפּאָדערט, אַז דער פּאַטער־ראַליסט זאָל זיין אַ בעקער — אַ ספּעציאַליסט, וואָס אַז ער באַקט אוים אַ געבעקס, האָט עס טויזנט־טעם און עס מאַכט כבוד דעם גאַנצן בעקער־פאַך. —

דער דראַמאַטורג האָט איבערגעמאַכט אַלע טיפּן, ווידער אַמאָל אומגעאַרבעט און פאַריכט: ציוניסטן, אַרבעטער, סוחרים, ווייבער, בעלי־מלאכות, אָרטאָדאָקסן, גנבים, אַסימילאַטאָרן, ספּאָ־דיק־דרייער, קאָכלעפל; דער גאַנצער פערסאָנאַזש איז אַרויסגעקו־מען פּאָזיטיוו, גימנסטיק, קרישטאָל־ריין, סימפּאַטיש און —

דער דראַמאַטורג האָט איבערגעלייענט זיין קאָמעדיע און זי אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן אויוון.

גראָטעסקעס
און סאַטירעס

א וואַסערדיקער פּעליטאָן

אַ פּייכט יידל מיט וואַסערדיקע אויגן, מיט אַ נאַס ליילעך אויפן אָרעם איז אַרויס פון באָד־צימער אין רו־זאַל, האָט זיך אויסגעבעט אויפן וויג־שטול נעבן מיר, אַרויפגעקראָכן קרעכצנדיק און געזאָגט:

— מניא.

נאָכדעם האָט ער צעגויפגעלעגט די קאַפּאָטע, געמאַכט פון איר אַ קישעלע, אונטערגעלעגט אונטערן קאָפּ און ווייטער געזאָגט:

— נאַ דיר אַן איוואָניטש אויף דיין קאָפּ... דער דאָקטאָר אין באַליכאָוו — איך בין אַ באַליכאָווער בין איך — האָט געזאָגט, אַז איך זאָל פאָרן קיין איוואָניטש. אפשר וועט איוואָניטש העלפן צו מיין בייזן קאַטאַר, אַ קרענק, וואָס איז מיר געקומען פון מיין נאַסער דירה. זיי זאָגן, אַז דאָס איוואָניטשער וואַסער איז אַ זייער גוט וואַסער. עס אַנטהאַלט אין זיך אַ סך אַזעלכע אומבאַוווסטע זאַכן. און נאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס מען ווייסט נישט, וואָס דאָס איז...

הגם מיין קוראָרט איז „טרוסקאַוויעץ". שוין יאָרן, אַז איך פאָר קיין טרוסקאַוויעץ. פאַרוואָס עפּעס טרוסקאַוויעץ? אָט אַזוי זיך. אַ קור־אָרט איז דאָך אַ גוסט־זאַך. עס איז, למשל, ווי אַ בלאַט־ציַיטונג. איינער האָט ליב אַזאַ ציַיטונג און אַ צווייטער האָט ליב אַן אַנדער צייטונג. הגם למאי נפקא מינה? עס איז דאָך די זעלבע וואַסער, מיט די זעלבע שמאָנצעס. נאָר אַזוי איז עס. אָט איך, למשל, בין איינגעליבט אין טרוסקאַווצער וואַסער, אין דער „נאַפּטושאַ". מיר דאַכט, אַז, אַזאַ וואַסער איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ! עס שטינקט, עס עיפּושט, מחיה נפשות. עס

האָט דעם ריח פון נאַפט און דעם טעם פון טוכלע אייער... ממש א דערקוויקעניש... הגם די „נאַפטושאַ" איז אויך נישט דאָס, וואָס אמאָל. עפּעס קאַליע געוואָרן. נישטאָ דער זעלבער טעם און דער זעלבער ריח... א פּנים, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו גיסן פּשוט וואַסער, א שטייגער, ווי מען גיסט היינט צו וואַסער אין ווייַן, און אין מילך אַריין און מען מאַכט עס קאַליע. נאָר מיט מילך און ווייַן אַרט מיך נישט, נאָר אַז מען האָט מיר קאַליע געמאַכט די „נאַפטושאַ" איז אַן עוולה גדולה.

ביז איך געקומען אַהער צו פאַרזוכן דאָס איוואַניטשער וואַסער, אַט דאָס „יאַסל־וואַסער" און „היטלערוווקע". זיי הייסן, אייגנט־לעך, „יוזעף" און „אַדאָלף", נאָר איך האָב עס א נאָמען געגעבן „יאַסל" און „היטלער", הע, הע, הע...

פאַרוואָס הייסט עס ביי מיר „היטלערוווקע", ווייל זיי ביידע „טרייבן", ביידע יאָגן... נישט מער דאָס „היטלערוווקע וואַסער" טרייבט אַרויס פון גוף דאָס פּאַסקודסטווע און היטלער טרייבט אַרויס דאָס בעסטע און דאָס שענסטע.

ענטשולדיקט, איך האָב איך שוין געמאַכט א וואַסער אין אויער מיט מיין רעדן וועגן וואַסער. וואָס זאָל מען טון? אַז מען איז אין א קור־אָרט און מען טרינקט וואַסער און מען באָדט זיך אין וואַסער, ווילט זיך אויך רעדן נישט פאַר פּייער, נאָר פאַר וואַ־סער.

וואָרום א גאַנצן טאָג האַלט איך אין איין „וואַסערן". אין דער פרי דאַרף איך טרינקען איין סאָרט וואַסער; שפּעטער אַביסל, א צווייטן סאָרט וואַסער; נאָכדעם דאַרף איך מיך באָדן אין וואַ־סער; נאָכדעם הייסט מען מיך גאָרגלען דעם האַלז מיט וואַסער און שווענקען די נאָז מיט וואַסער. און טאָמער האָב איך ערגעץ א ספּעציעלן ווייטאָג, באַדאַרף איך מאַכן „אָקלאַדן" מיט וואַסער. און אַז דו קומסט שוין איבער דעם שלימזלדיקן טאָג און דו לעגסט זיך אַפּרוען פונם וואַסער, הויבט דיך ערשט אָן צו טרייבן... דאָס וואַסער. און אַז מען זאָל נאָך צורעכענען דאָס נעגל־וואַסער

און מים־אחרונים־וואַסער — האָסטו ממש אַ פאַרפליצונג פון וואַסער...

ווערסט אויס מענטש, ווערסט אָפּגעשוואַכט און אָנגעשטאָפּט פונם וואַסער און עס הויבן דיר אָן אַרויסקריכן אַלע מיחושן און ווייטאָגן — לויפסטו דאָך צום דאָקטאָר; אַזוי און אַזוי, דו ביסט קראַנק געוואָרן פונם וואַסער! פאַרשרייבט ער דיר „הידראָפּאַטיע", דאָס הייסט אין אַ נאָווינע אַ פריש ביסל וואַסער צו היילן און שטאַרקן דיין גוף, וואָס איז אָפּגעשוואַכט און צעשרויפט פון יענעם וואַסער... און טאָמער העלפט עס אויך נישט, איז ער דיר, דער דאָקטאָר מבטיח, אַז דאָס איז אַ רעאַקציע און שווערט זיך בכל השבועות שבעולם, אַז אי"ה אין מיטן ווינטער וועסטו ווערן געזונט און באַקומען די רפואה שלמה. וואָרום, אַ קליינקייט, דאָס וואַסער! און אַז עס קומט דער מיטן ווינטער און דו ביסט נאָך אַלץ נישט געהאָלפן און ביסט נאָך אַלץ קראַנק און דו לויפסט ווידער צום דאָקטאָר, זאָגט דיר דער דאָקטאָר, אַז אי"ה אויף זומער מוזטו פאָרן אין אַ וואַרעם־באָד און זיך היילן מיט וואַסער...

איך ווייס? אפשר פירן זיי אונז, די דאָקטוירים, אין באָד אַריין... און אפשר איז עס יאָ אַן ענין. אפשר זינגען זיי, ווי אין הבדלה: „ושאבתם מים בששון ממעיני הישוע". עס איז נאָר נישט באַוווּסט, וועמען די דאָזיקע קוואַלן ברענגען די ישועה; צי אונז חולאים אָדער דער דירעקציע, וואָס באַזיצט די דאָזיקע אַלע קוואַלן...

זאָגט אייך, וואָס איר ווילט. דאָס, וואָס די אַלע קאָמיסיעס און קאָנפערענצן פאַלן אויס גראָד אין דעם סעזאָן פון וואַרעם־בעדער, באַווייזט, אַז וואַסער איז בכלל אַ גרויסע זאַך. דאָ זופּט מען וואַסער און מען שטויסט וואַסער. די מענטשהייט האָט ליב וואַסער און זי גלייבט, אַז די ישועה וועט קומען דורך וואַסער...

נעמט נישט פאַר אומגוט, ווי טרינקט איר אייער וואַסער, מיט מילך צי מיט זאַלץ? וואַרעם צי קאַלט? צי טרינקט איר ביים קוואַל גופא; אָדער איר טראָגט עס אַ היים? איך מיין, אַז דאָס וואַסער האָט ליב, אַז מען זאָל עס טרינקען ביים קוואַל גופא. מה־

מת ביז מען דערטראָגט עס אַהיים, ווערט עס אויסגעוועפּט. עס איז, ווי אַ היינטיקער רב ; אַזוי איז ער אַ בן תורה, נאָר ווי דו ברענגסט אים אין שטעטל אַריין און זעצט אים אַוועק אויף כסא הרבנות, ווערט ער אויסגעוועפּט... כע, כע.. האַ, האַ, האַ... כככככ.

ער איז איינגעשלאָפן געוואָרן און איך בין נצול געוואָרן פון אַ מבול.

איך האָב זיך פאַרשאַפט א הינטל

— ס'איז מיר אומעטיק, ס'איז מיר לאַנגווײַליק, גאָט מײַ־
נער! — האָב איך זיך געקלאָגט פאַר מײַנע פרײַנט.

איך בין אַ בחור, אַ קאַוואַליער. איך האָב נישט קיין ווײַב און נישט קיין קינדער, נישט קיין געליבטע און נישט קיין באַנקביכל.

איך בין אַ פּאָעט בין איך, אַ אײנזאַמער פּאָעט, אַ פּאָעט פון שטילער בענקשאַפט און טרויער־קלאַנגען. איך גיס אויס מײַן אומעט אין לידער; מײַן אײנזאַמקײט — אין פערזן. אָבער דער־פון ווערט נאָך מײַן אומעט נישט קלענער. מחמת מײַן אומעט איז ווי אַ קוואַל, וואָס שלאָגט אָן אויפהער.

זאָגן צו מיר מײַנע פרײַנט:

— פאַרשאַפט איך אַ הונט, וועט איר האָבן אַ פרײַנט, וועט איר האָבן אַ חבר, וועט ער אײַך צעשטרײַען אײַער אומעט, אײַער מעלאַנכאָליע, וועט איך ווערן הײמלעכער.

איז מיר די עצה אַרײַן אין קאָפּ.

אַבּיסל לײַגט זיך דאָס טאַקע אויפן שכל. האָב איך דאָך געזען, ווי מענטשן ווערן צוגעבונדן צו הינט אהבת נפש. איך האָב געזען, ווי מען כאָליעט זיי, ווי מען קעכלט זיי, ממש ווי בני יחידים. איך האָב געזען הינט־באַזיצער, וואָס וועלן אײַך נישט אוועקגעבן קיין טוצן פרײַנט פאַר דעם מינדסטן הונטס נאָגל.

איך האָב געזען אַזעלכע, וואָס קלאָגן נאָך זייער געשטאָרבן הונט, ווי להבדיל נאָך אַ בר־מינן און פּראַווען אבילות און שטעלן אים אפילו אַ גרויסאַרטיקע מצבה.

האָב איך באַשלאָסן צו באַקומען ערגעץ אַ הונט.

איך בין אזוועק צו א הונט־פּאַרקויפער און געבעטן א הונט. האָט מיך דער פּאַרקויפער געפרעגט: וועלכע ראַסע איך פאַרלאַנג: צי א בערנאַרדין, צי א מאָפּס, צי א יאַגד־הונט, און וועלכע גרויס? האָב איך געזאָגט, אַז אויף ראַסן פון הינט פאַרשטיי איך זיך נישט. איך ווייס נאָר, אַז עס זענען פאַראַן קודלאַטע הינט און נישט־קודלאַטע הינט. עס זענען פאַראַן גרויסע און קליינע הינט־לעך. הינט, וואָס בילן, און שטילע הינט, בייזע הינט און רואיקע הינט. איך ווייס פון הינט, וואָס בילן און בייסן נישט, און הינט, וואָס בייסן און בילן נישט; הינט, וואָס בילן און בייסן, הינט, וואָס בילן אויף דער לבנה, משוגענע הינט; ריינע נאָרד־גערמאַנישע הינט, וואָס בייסן מינדערווערטיקע. אָבער איך וויל דווקא א קליין הינטל און א שטילס. מיך אַרט נישט, אַז עס וועט נישט בילן, מחמת איך האָב נישט קיין מאַיאָנטקעס צום היטן, און בייסן באַ־דאַרף עס אויך נישט קיינעם. איך בין א שטילער פּאָעט און פאַר־נעם זיך נישט מיט קיין קריטיק און נישט מיט קיין פּאָלעמיק, און קיין אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען שרייב איך אויך נישט.

— וואָס איך וויל איז — האָב איך ווייטער דערקלערט — א פאַרשטענדיק הינטל. עס זאָל כאָטש זיין מיט וועמען צו פאַרברענ־גען. אוודאי, וואָלט געווען נאָך בעסער, ווען מען קאָן נאָך ביי אים אמאָל כאַפּן א גערעדנס, א טעמע פאַר א ליד, נאָר דאָס איז דאָך נישט שייך.

מאַנכע דערציילן פון די הינט מופתים פון זייערע גאונות. איינער א באַקאַנטער האָט מיר אפילו דערציילט, אַז זיין הונט איז אַזוי קלוג, אַז ער קאָן אפילו באַשטימען, ער זאָל אים אויפוועקן אַזוי פיל און אַזוי פיל דעם זייגער. און פּונקט צו דער מינוט הויבט ער אָן צו בילן.

מעגלעך, אַז עס איז איבערטריבן.

אָבער א פריינט וועט ער זיין, און א גוטער פריינט, וואָס בעט נישט קיין גמילות־חסד און נישט קיין פּאַפּיראָסל און טראָגט נישט דיינע העמדער און שלאָגט נישט אָפּ דיינע ליבעס.

הכלל, איך האָב מיר איינגעשאַפּט א הינטל און אים געגעבן א פּסעוודאָנים: שוריק. א יידיש־ליטעראַרישער נאָמען פונם וואָרט

„שורה״. דאכט זיך, גוט, אַלץ אין אָרדענונג, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס פאַר אַנדערע איז גוט, איז פאַר מיר אַ צרה. פאַר אַ פריץ, אַן אַריסטאָקראַט, אַ לײדיק־גײער, איז עס אַן ענין, אָבער ניט פאַר אַ לירישן אײנזאַמען פּאָעט. פאַר מיר איז עס אַן אָנשיקעניש פון זײַן ליבען נאָמען.

איך קאָן זיך מיט אים קײן עצה ניט געבן.

אין צימער בײַ מיר איז קײנער נישטאָ. און אַז איך גײ אַרויס, מוז איך אים מיטנעמען, און מײַנע ערטער, וווהין איך גײ, זענען גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַר קײן הינט.

איך גײ, למשל, אין די רעדאַקציעס אָפּצוטראָגן מײַנע לירישע לידער. איז אײן רעדאַקטאָר אַ גרויסער נאַציאָנאַליסט, ער האָט פײַנט הינט. הינט, זאָגט ער, איז אַ גויאישע זאַך. אַ הונט איז אַן אַנטיסעמיט, און ער קאָן נישט לײַדן, אַז איך דרײ מיך אַרום מיט אַ הונט. און פאַר מיר, אַ לירישן, אײנזאַמען דיכטער, זאָגט ער, פּאַסט עס אוודאי נישט. ווּאָרום ווי אַזוי קען איך שרײַבן אײנזאַמע לידער, אַז איך האָב אַ הונט, און מיט אַ הונט איז מען נישט אײנזאַם.

מײַן צווײטער רעדאַקטאָר איז להיפּוך דווקא אַ פאַרברענטער אַסימילאַטאָר, אַ פּראָגרעסיסט, אַ פרײדענקער און אַ גרויסער קעמפער. האַלט אין אײן קעמפן. מיט אַלץ קעמפט ער, האָט פאַר קײן זאַך נישט קײן מורא, נאָר... פאַר אַ הונט. איז אײנגאַנצן אויסגעטון פון ייִדישקייט, אײן פונק ייִדישקייט איז אים נאָך פאַרבליבן: די מורא פאַר אַ הונט. ציטערט פאַר אַ הונט אימת מות.

פאַרשטײט זיך, אַז ער באַציט זיך צו מײַן הינטל נישט סימפּאַטיש, און דערפון לײַדן מײַנע לידער. אויס שנאה צום הינטל וואַרפט ער מײַנע לידער אין רעדאַקציע־קאָרב אַרײַן.

ווער רעדט, אויף אַ פאַרלעזונג אָדער אויף אַ רעפעראַט, טאָר איך זיך מיט מײַן הינטל נישט באַווײַזן. וואָרום גראָד אינדערמיטן, ווען איך לײען פאַר מײַנס אַ לירישׂ ליד אָדער עפּעס אַ טרויעריקע שטימונגס־באַלאַדע, הויבט עס אָן צו בילן. צעגײט זיך אין אַ בײלעניש, ווי מען וואָלט עס געקוילעט. מעגלעך אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל עס ווערט גערירט פון מײַן פּאָעזיע. אַ צאַרטע נשמה.

ווער קאָן וויסן די פּסיכאָלאָגיע פון אַ הונט? צי אַזוי צי אַזוי — יוערט אַ בהלה און עס ווערט צעשטערט די גאַנצע שטימונג.

אַמערגנסטן איז, ווען איך דאַרף פאָרן ערגעץ אויף אַ ליטעראַ־רישן אָוונט אין אַן אַנדער שטאָט.

דאָ נישט לאַנג באַדאַרף איך פאָרן קיין באַראַנאָוויטש, האָב איך דאָך נישט אויף וועמען שוריקן איבערצולאָזן, — נעם איך אים מיט אין וועג אַריין.

לאָזט זיך אויס, אַז איך טאָר אים אין מיין וואַגאָן נישט האַלטן. פאַר הינט איז דאָ אַ ספּעציעלער וואַגאָן, און איך דאַרף פאַר אים האָבן אַ ספּעציעלן בילעט.

דאָס האָב איך לחלוטין פאַרגעסן, בשעת איך בין מושווה געוואָרן מיט די אונטערנעמער פון מיין אָוונט. גערעדט האָבן מיר וועגן רייזע־קאָסטן פאַר מיר אַליין, אָבער אַז אויך מיין שוריק וועט מיר אַריינטרייבן אין רייזע־קאָסטן, האָב איך נישט געטראַכט. איצט וועט עס אויסגיין צו מיין האָנאָראַריום און ווער וויים צי מיר וועט נישט אויסקומען עפּעס צו דערלייגן...

בשעת מיין פאָרלעזונג האַלט איך שטענדיק מיין שוריקן אונטער די קוליסן. איך וועל דאָך אים נישט אַוועקזעצן אויבן־אָן אויף דער בינע ביים פּרעזידיום־טיש צוזאַמען מיט דעם חשובן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און ערן־געסט. דאָס וואָלט שוין געווען צו־פיל.

איז אָבער ווידער אַ צרה. פונקט אין סאַמע מיטן דערזעט ער דאָרטן אַ קאַץ און עס ברעכט אויס אַ ווילדע יללה. מען מוז אי־בעררייסן די פאָרלעזונג אין סאַמע געדיכטן פון דער פּאָעטישער שטימונג.

ס׳איז טשעקאַווע, אַז בשעת דעבאַטן, ווען עס קומט אַרויס אַ קריטיקער און וויל מיך אַראָפּרייסן, מאַכט מיין שוריק אויך געוואַלטן, משמעות ער פילט, אַז מען קריוודעט מיך. ער פילט, ווי אין פּסוק שטייט: יודע צדיק נפש בהמתו. דער הונט פילט דאָס האַרץ פון זיין דיכטער. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ הונט איז אַן איבערגעגעבענער פריינט. הלואי וואָלטן אַלע מיינע קאָלעגן אַזוי געווען, וואָלט מען זיך אפשר נישט אַזוי אַרומגעריסן.

מיט די באַנקעטן איז שוין אַביסל לייכטער. אויף אַ באַנקעט

טעג מען שוין לכל הדעות מיטנעמען א הינטל. אויף א באנקעט איז די שטימונג סיי־ווי־סיי א הייטערע. א סך שטערן וועט ער נישט. און טאמער וועט ער זיך צעבילן בשעת א טאאסט, איז אויך נישט מה רעש. אדרבה, עס וועט נאך מיטהעלפן דער פרייל־בער שטימונג. און עס וועט גיין אויף דעם חשבון פון דער אוואציע.

האב איך אים אנוסטן מיטגענומען אויף א באנקעט, וואס איז געווען איינגעארדנט פון מיין כבוד ווען אין דער גרופע „יונג־פען־דיכטער", א באנקעט מיט פיש און פלייש, לעבערלעך, קעל־באס און אנדערע מאכלים. איז דאך גוט? טויג עס ווידער נישט.

מיין שוריק איז נאכדעם קראנק געווארן. זיך פארהארבן דעם מאגן. ביי זיין בעל־הבית דעם דיכטער איז ער נישט געוווינט צו אזעלכע סעודות. געבאפט אן איבעריקן ביסן, מסתמא, צי אפשר זענען די פראדוקטן נישט געווען פון דער ערשטער פריש־קייט. ווער ווייס?

איצט ליגט ער נעבעך אין א הונט־שפיטאל און פאכעט מיט דער נשמה.

איך צאל פאר קוראציע און לויף אלע טאג צו אים געוווירן, וואס ער מאכט.

א הונט האב איך מיר איינגעשאפט. א נחת.

שלום־עליכמס טיפן און וואָס פון זיי איז געוואָרן

אין דער נאַטור ווערט קיינמאָל גאָרנישט פאַרפאַלן. נישט קיין וועקסל, נישט קיין ווייב און נישט אַפילו קיין פאַרלעגענער שטייער — לערנט אונז די נאַטור־געשיכטע. עס ווערט בלויז פאַר־פאַלן אַ חוב, אַ גמילת חסד און אַ גנבה.

שלום־עליכמס טיפּן און העלדן זענען נישט פאַרלוירן געגאַנ־גען. זיי לעבן, זיי עקזיסטירן, זיי זענען דאָ. זיי טוישן בלויז זייער לבוש. אין תוך זענען זיי געבליבן דיזעלבע. דיזעלבע העלדן, נאָר אַנדערש געשלייערט.

מירן גיין בסדר.

מנחם־מענדל

וואָס מאַכט מנחם מענדל? וואָס זאָל ער מאַכן? ער לעבט, טוט, דרייט, שמייעט, ברענט אַ וועלט...

די וועלט אָבער, די אָרעמע פון זיין יעצטיקער טעטיקייט, איז נישט, ווי אַמאָל, פון בוייבעריק ביז יעהופּעץ. היינט ברענט ער אַ וועלט ממש, ער טאַראַראַמט דעם גאַנצן כדור הארץ.

נאָך דער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן אַ משולח פאַר די מלחמה־ און פּאָגראָם־געליטענע, האָט זיך פאַרנומען מיט פּאָלי־טיק, געקעמפט פאַר נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. געווען אַפילו אַ מיניסטער אין אוקראַאינע. געזוכט אַ טעריטאָריע פאַר דעם יידישן פאָלק; געוואָרן גאָר אַ וואַזשנער רעדנער (זיך אויסגע־לערנט פון זיין שוויגער); געוואָרן אַ שרייבער אין די גאַזעטן (זיך אויסגעלערנט פון זיין שיינע־שיינדלס בריוועלעך). נאָכדעם האָט

ער אָנגעהויבן מאַכן חברות, אָרגאַניזירן קהלשע בענק, גרינדן צייטונגען, בויען טעאַטערן, געפאָרן קיין אַמעריקע פאַר ציש"אָ, "אָרט", „איוואָ", "טאָז", "עמיגדירעקט", "געזערד"; געפאָרן קיין ארץ־ישראל, געהאַנדלט מיט מגרשים און פּרדסים; געוואָרן אַ טוער פאַר די דייטשע פּליטים, רודערט אַרום אין אַלע באַיקאַט־קאָמיטעטן, טראָגט זיך ווו די וועלט האָט אַן עק. קלייבט זיך צו פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. ער איז שוין נישט סתם מנחם מענדל. ער איז שוין אַ דאָקטאָר: „דאָקטאָר מנחם מענדל".

ער פאָרט שוין נישט מיט דער באַן, נאָר ער פליט. פליט קיין זשענעווע, בערן, ציריך, פּראָג, ניו־יאָרק, פּאַריז, לאָנדאָן, לאָזאַן, האָט שטאַרק צו טון מיטן יידנטום. לאָזט דאָס יידנטום פון מויל נישט אַרויס; מאַכט פרעסע־קאָנפערענצן. יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איז ער פאַרנומען מיט דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, טראָגט זיך אַרום מיט די גרעסטע פּלענער פאַרן כלל־ישראל. אין די גרעסערע אייראָפּעאישע צענטערן האָט ער שוין שטאַבן מיט אַ סך קליינע מנחם־מענדעלעך א. אַ. וו. א. אַ. וו.

טביה דער מילכיקער

טביה דעם מילכיקן האָט פאַרכאַפּט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין סאַמע בויבעריק. האָט מען ביי אים נאַציאָנאַליזירט דעם פערד און וואָגן, קאָנפיסקירט די מעלקעדיקע יאַלאָווע בהמה און איינגעזעצט אין טשערעזוויטשייקע אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער און אַלס העברעאישער למדן, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט זיין גלעצנדן פאַרטייטשן די העברעאישע פּסוקים און גמרא־ווערטלעך ווי: אַסמאַכטאַ דקורנאָסאַ, קאַרקאַפּטאַ דבאַשמאַכטע.

מיט נסים האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון „טשעקאַ" און איז אַנטלאָפן מיט ווייב און טעכטער קיין פּוילן. דאָ האָט מען אים ביים ברוך הבא אויסגעפליקט ס׳בערדל. האָט ער אויף דעם געזאָגט אַ ווערטל מיט אַ פּסוק: דבר, שחין, ברד. מאַכט רש"י: ס׳איז אַ מכּה, נישט קיין באָרד. און זיך באַזעצט אויף דער אַטוואָצקער ליניע. געקויפט אַ פּאָר ציג׳ן און גענומען פאַרקויפן מילכיקס די ליעטניקעס.

נאָר דאָ איז אים נישט אַזוי געגאַנגען ווי אין בויבעריק. דאָ האָט אים אַפילו אויך געטראָפן איינמאָל דאָס גליק צו באַגעגענען צוויי פאַרבלאָנדזשעטע ווייבער אין טיפן וואַלד. האָט ער זיי אויפגענומען אויפן וואָגן און אָפּגעבראַכט אויף דאַטשע אין פּענסיאָנאַט צו די מענער. נאָר דאָ האָט ער אָנשטאָט מתּנות און געלט געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק: מען האָט אים שיעור די ביינער נישט צעבראָכן. דאָס איז פאַר אים געווען אַן אָנלערנונג, אַז פאַרלוירענע ווייבער טאָר מען נישט אָפּברענגען צוריק צו די מענער.

מיט דעם מילכיקס איז געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. די ליעטניקעס האָבן זיך אָנגעגעסן אַ גאַנצן זומער מיט זיין מילך, קעז און פּוטער און צום סוף נישט באַצאָלט. די ציגן האָט מען ביי אים סעקוועסטרירט פאַר שטייערן. די פור מיט די מילכיקס האָט מען אונטערגעצונדן, אין באַן האָט ער געקריגן געשלאָגן מכּות רצח. איז ער געקומען אין שטאָט אַריין ערום בחוסר כּל און געוואָרן אַ מיטגליד פון „סומך נופלים”.

איצט דרייט ער זיך אַרום ביי די רעטונגס־קאָמיטעטן, ביי דער קהלה, אין די „אָגאָנקעס” פון אַלע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, זאָגט אַ ווערטל, אַ פּסוק, אָבער קריגן קריגט ער גאָרנישט, ווי אין פּסוק שטייט: בגפּו יבא ובגפּי יצא. מאַכט רש"י: אַז מען גיט קדחת, נעמט מען אַ קרענק.

פון די טעכטער האָט זיך אויסגעלאָזט אַזאַ נחת:

האָדעלס מאַן, פּעפּערל, איז אַוועק קיין בּיראָ־בּידזשאַן און זי איז לעת עתּה געבליבן זיצן ביים טאַטן.

צייטל און מאָטל קאַמזויל, וועלכער איז דער פירער פון נאָדלצעך, זענען אַרבעטסלאָז און זיצן ביים טאַטן. חוה, וואָס איז אַנטלאָפן מיט כוועדקען, זענען ביידע געקומען צוריק. כוועדקע האָט זיך מגייר געווען. ראָגאָוואָי און שטיקגאָלד האָבן זיך מתעסק געווען ביי זיין ברית. איצט שרייבט ער „זכרונות פון אַ גר” אין אַ וואַרשעווער צייטונג. אָבער זיצן זיצן זיי ביידע ביים טאַטן אויפן האַלז.

טביה אַליין האָט גאָר באַקומען אַן עקסמיסיע פון דער דירה. אויף דעם זאָגט ער אַ פּסוק: למנצח על הקאָנטרעבאַס — איז נישטאָ קיין דירה, וווינט מען אין גאַס.

איצט קלויבט ער זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל צו עפענען „אַ מחלבה'', שלאָגט אָפּ די שוועלן פון פּאַלעסטינע־אַמט, נאָר ער האָט נישט קיין סערטיפיקאַט, ד. ה. האָבן האָט ער אַ סערטיפי־קאַט, נאָר ער קאָן נישט פאָרן. ס'הייסט ער איז שוין אפילו גע־פאָרן אויך, נאָר מען האָט אים צוריקגעשיקט. באַגרענעצט די עליה.

מאָטל פּייסי דעם חזנס

מאָטל פּייסי דעם חזנס לעבט אַ טאָג! אים איז גוט. ער איז אַ יתום... נישט איין חברה לעבט פון אים און נישט איין פּרעזעס פון אַ יתומים־הויז האָט פּרנסה.

חברות רייסן זיך איבער אים. מען גיט אים די בעסטע ער־ציאונג לויט די מאָדערנסטע פּעדאַגאָגישע טעאָריעס און שיטות פון פישל שניאורסאָן, קאַזשדאָן און גילינסקי, נאָר עסן גיט מען אים נישט.

אין תלמוד תורה גייט ער אויך נישט. די תלמוד תורה איז געשלאָסן. די מלמדים שטרייקן, מחמת זיי געהערן צו דער קהלה.

זיין מאַמע האַנדלט מיט „וויעטשאָראָווע'' בייגל.

זיין ברודער אליה מאַכט פאַרשידענע זאַכן: טינט, זייף, סמאַראָווידלע, לעמאָניאַדע, קוואַס און פאַרקויפט אין גאַס. איצט פאַרקויפט ער אַ מאַשינקע. וואָס בינדט אוים קראַוואַטן.

מאָטל העלפט אים. גיט אַכטונג עס זאָל נישט אָנקומען קיין פּאָליציאַנט. אָפט נעבעכיקן זיי בײדע אין קאָמיסאַריאַט... בינתים איז ער שוין געפאָרן מיט דער מאַמען און ברודער אליה קיין אַמע־ריקע, נאָר פון דער גרענעץ זענען זיי געקומען צוריק. די קוואָטע. אַמעריקע לאָזט נישט אריין, אגב האָט זיי אַ מאַכער באַגנבעט.

ראַבטשיק

אַמבעסטן מאַכט היינט דאָס הינטל „ראַבטשיק''. דאָס דער־שלאָגענע גאַסן־הינטל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן ברוק און אין רינשטאָק, וואָס האָט געכאַפּט קלעפּ ביי אַלע יאַטקע־קלע־צער, — איז היינט גאָר נתעלה געוואָרן. ער איז אַ מנהיג פון די

גרעסטע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס. זיין היינטישע אידעאָלאָ־גיע האָט באַקומען דעם גרויסן פּרסום אויף דער גאַנצער וועלט. זיין טעאָריע פון ריינעם היינטישן ראַסן־פּרינציפּ ווערט יעצט געלערנט און גערדשנט און געפּרעדיקט פון די גרעסטע טריבונעס. זיין בילן האָט באַקומען גאָר אַ הילכיקן אָפּקלאַנג. ער בילט דורכן ראַדיאָ. זיין בילן טראָגט זיך פון אַלע פּאַרלאַמענטן, פּלאַטפאָרמעס און קאַטעדרעס. ער לעקט אָפּ דעם פעטסטן ביין.

דער איינציקער שלום־עליכמס העלד, וואָס איז נתעלה געוואָרן.

מסביר געווען

(עטוואס ציוניסטישעס)

שטעלט מיך אָפּ אַ ייד אין גאַס און פרעגט:

— קאָנט איר מיר נישט זאָגן, פּאַניע, וואָס איז אונדז איז פּאָר־געקומען אין קראָקע? וואָס איז דאָרט אַזוינס געווען?

— וואָס זאָל זיין אין קראָקע? אין קראָקע איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון וועלט־פאַרבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

— נו?

— איז זי אויפגעריסן געוואָרן.

— פאַרוואָס?

— צוליב אירגון.

— אירגון האָט זי אויפגעריסן? אַזאַ ביטערער יונג, דער אירגון?

— אַנטשולדיקט, אירגון איז נישט קיין יונג. דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס די גרופּע „א” און די גרופּע „ב” קאָנען זיך וועגן דעם נישט צונויפרעדן.

— וואָס, למשל, וויל די גרופּע „א”?

— די גרופּע „א” וויל דאָס, וואָס די גרופּע „ב” וויל נישט בנוגע דעם „אירגון”.

— און די גרופּע „ב”?

— די גרופּע „ב” וויל נישט דאָס, וואָס די גרופּע „א” וויל יאָ בנוגע דעם „אירגון”.

— אַהאַ. און וואָס זאָגט דערצו דער „אירגון” אַליין?

— דער „אירגון” אַליין זאָגט גאָרנישט. וועגן אים זאָגט שוין דער דזשענטלמען.

— וועלכער דזשענטלמען?

— דזשענטלמען אגרימענט.

— וואס זאגט דער דזשענטלמען, ווי ער הייסט דארטן, אג־רימענט?

— ער זאגט דאסזעלבע, וואס „קדמה״.

— „קדמה״? וואס איז דאס פאר א פויגל?

— „קדמה״ איז אזוי ווי „על המשמר״, אבער פארט נישט דאסזעלבע.

—און דער „על המשמר״?

— דער „על המשמר״ איז דער היפוך צום „עת לבנות״.

— און דער „עת לבנות״?

— איז דער היפוך צום „על המשמר״.

— אהא... איז וואס טוען זיי?

— זיי טוען גארנישט. זיי קריגן זיך איבערן „איחוד״, וועל־כער וויל זיין א קאנקורענץ צו דער מארקסיסטישער „הסתדרות״.

— וואס איז אזוינס „הסתדרות״?

— „הסתדרות״ איז אזא זאך, וואס שמאראק איז קעגן דעם און גרינבוים איז פאר דעם.

— אהא!... איז וואס האט עפעס געזאגט וועגן דעם דער פארזיצנדער ר׳ עקיבא?

— אנטשולדיקט. עקיבא איז נישט קיין פארזיצנדער. עקיבא איז א יוגנט־ארגאניזאציע, אן ערך ווי דער „הנוער הציוני״ אבער פארט נישט דאסזעלבע.

— און דער „נוער הציוני״?

— איז דאסזעלבע, וואס די „ציונים אקאדמאים״, נאר אבי־סעלע אנדערש.

— וואס טוען זיי?

— זיי טוען גארנישט. זיי ווארטן.

— וואס ווארטן זיי?

— זיי ווארטן, וואס וועט דא ווערן צווישן די גרופן „א״ און „ב״. אויב די גרופן וועלן זיך צוזא־

מענגיםן, וועלן זיי בלייבן אַן אַלגעמיינע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע. אויב די גרופּן וועלן זיך נישט צוזאַמענגיםן, וועלן זיי אויך בלייבן אַ זעלבסטשטענדיקע אַלגעמיינע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

— און וואָס זאָגט די גרופּע „ב" לאַקער?

— אַנטשולדיקט. ב. לאַקער איז נישט קיין גרופּע, נאָר: בערל לאַקער.

— וואָס־זשע טוט ער, אָט דער בערל לאַקער?

— ער טוט גאָרנישט. ער איז אַן עקזעקוטיווער אָבסערוואַ־טאָר. ער אָבסערווירט און וואַרט.

— אויף וואָס וואַרט ער?

— ער וואַרט, אַז די גרופּע „א" זאָל איינשלונגען די גרופּע „ב", די גרופּע „ב" — די גרופּע „א" און ביידע זאָלן זיך דער־וואַרגן מיטן „אירגון".

— און וואָס טוט „ירדניה"?

— „ירדניה" האָט דאָ נישט וואָס צו טון. זעט איר „אחוה" האָט דאָ יאָ וואָס צו זאָגן.

— ווער איז דאָס דער „אחוה"?

— „אחוה" איז אַ באַשעפעניש, וואָס האָט ליב ד"ר גאָט־ליבן און שלאָפט מיט הארטגלאַסן.

— אהאַ!... און וואָס איצט?

—איצט איז גאָרנישט. איז די גרופּע „א" אוועק אין איין זייט, און די גרופּע „ב" איז אוועק אין אַ צווייטער זייט. און מחמת ביידע גרופּן האָבן געצויגן, די — אהער און די — אהין, האָבן זיי גענומען זייערע גרופּן און גרופּקעלעך, פראַקציעס און פראַק־ציעלעך, ברוך־טיילן און ברוך־טיילכעלעך, ווי: „מתקדמים", „השחר", "הנוער הציוני", "קדמה", „החלוץ־הכללי", „בני ברית" און „בית־לחם" און מען איז זיך צעגאַנגען. איינס איז געוואָרן אַן אַלגעמיין־פאַרבאַנדישע „א"־ציוניסטישע סתם־פאַר־

איינגונג, וואָס נעמט אַרום די סאָציאַלע מזרחיסטן פון סופּ־ראַסקים חדר, און די צווייטע איז געוואָרן אַ פאַראייניגונג פון דעם סתם־„ב״־ציוניסטישן אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד, וועלכע נעמט אַריין די אַלע לאַנדעס־פאַרבאַנדן פון די יאַבלאָנער חסידים אין בני־ברק. האָט איר פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, האָב איך פאַרשטאַנען; נאָר אויב איר האָט ביי זיך אַ פּראָשעק צו קאָפּ־ווייטאָק, וועט איר מיך פּשוט מחיה זיין.

פּראָטעסטן קעגן שעדיקן די לבנה

ווי ס'איז באַוווּסט, און ווי מיר האָבן געלייענט אין די גאַזעטן, האָט איינער אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר, אַ גאַנצער שיסער, וואָס הייסט ראָבערטס, אויסגעקלערט אַזאַ שטאַרקן האַרמאַט, וואָס וועט שיסן גאָר העט ווייט אין די צענטליקער טויזנטער מיילן, און נישט מיט קוילן, נאָר מיט ראַקעטן, מיט אַזעלכע פּייערווערק, מיט פּעטאַרדעס. מיט דעם דאָזיקן האַרמאַט וויל ער, דער דאָזיקער שיסער, שיסן צו דער לבנה־צו. און ווען אַזאַ ראַקעט וועט טרעפן אין סאַמע פּינטל פּון דער לבנה, וועט עס דאָרט דערלאַנגען אַזאַ קנאַק, מיט אַזאַ אויפּרייס, מיט אַזאַ מוראַדיקע עקספּלאָזיע, אַז ווען מיר, איינוווינער פּון דער ערד, וועלן קוקן אַרויף צו דער לבנה דורך אַ טעלעסקאָפּ און אַנדערע שפּאַקטיוון, וועלן מיר קאָנען זען באַשיינפּערלעך דעם גאַנצן אויפּרייס מיט דעם גאַנצן אויסבּרוך, וואָס דאָרט וועט ווערן.

נאָר ביז וואַנען יענער אויסבּרוך אויף דער לבנה וועט אויסבּרעכן, איז שוין אויסגעבּראָכן אַ גרויסע מהומה פּון אומצופּרידנקייט בּיי אַלע שיכטן פּון דער באַפּעלקערונג, ווי אויך בּיי חיות, עופות און אַנדערע באַשעפּענישן. עס האָבן זיך גענומען גרינדן פּאַרשידענע חברות און אָרגאַניזאַציעס „שוץ פּאַר דער אָרעמער לבנה", „היט די לבנה", „פּריינט פּון דער לבנה", „לבנה־ליבּהאָבּער", „צער בּעלי־לבנה" וכדומה, אַלע טאָג קומען פּאָר דאָ און דאָרט פּאַרשידענע מיטינגען, פּאַרזאַמלונגען, אַסיפות. עס ווערן אָנגענומען פּאַרשידענע רעזאָלוציעס, רעטונגס־מיטלען און פּלענער צו ראַטעווען די לבנה פּון די הענט פּון דעם דאָזיקן שיסער. עס קומען אויך אָן פּייערדיקע פּראָטעסטן פּון אַלע עקן לאַנד, פּון

שטעט און שטעטלעך קיין אמעריקע. אייניקע פראטעסטן פון פאַל־
גנדיקן אינהאלט ברענגען מיר דאָ:

פראטעסט נומער איינס

פון א גרופע בעלעמער אָרטאָדאָקסן און אגודהניקעס, „שלומי
אמוני ישראל" און אַנדערע גאָטספאָרכטיקע יידן.

מיר, בעלעמער פרומע יידן, וואָס זענען מחדש די פולע לבנה,
וויניקסטנס איין מאָל אין חודש, און וואָס מיר זינגען און טאַנצן
און שפרינגען פאַר איר און זאָגן איינער דעם אַנדערן „שלום עלי־
כם", „עליכם שלום", — וואָס דערמיט האַלטן מיר אונטער דעם
שלום און פרידן אויף דער וועלט, נישט ערגער פון אַנדערע שלום־
קאָנגרעסן, זענען אויפגעבראַכט מיט צער און צאָרן קעגן דעם
אמעריקאַנער שיסער, וואָס וויל צעשיסן, רחמנא ליצלן און צעשע־
דיקן די לבנה און מאַכן איר פאַר א קאַליקע.

אייער אמעריקאַנער שיסער מוז אוודאי מיינען, אַז די לבנה
איז א הפקר־זאַך, און א רשות הרבים, וואָס ווער עס וויל, קען אין
איר אַריינשיסן און טון מיט איר, וואָס ער וויל. ער, דער אמערי־
קאַנער, אַלס אפיקורס און פריידענקער, קער אוודאי מיינען, אַז די
לבנה איז א וועלטלעכע זאַך, וואָס האָט נישט צו טון מיט קיין
רעליגיע — האָט ער במחילה א גרויסן טעות. די לבנה איז א רע־
ליגיעזער קעגנשטאַנד, וואָס איז אונז נויטיק פאַר אונזערע רעלי־
גיעזע הצטרכותן, פונקט ווי „מקוה", „מצה שמירה", „הושע־
נות" און דאָס גלייכן. מיר וועלן נישט לאָזן שיסן אין דער לבנה
אַריין און מאַכן דאָרט „פגימות" מיט „סרכות" און אַנדערע
שלעק. גענוג, אַז מיר האָבן שוין דאָרט איין „פגימה", וואָס פיי־
ניקט אונז, פרומע יידן, און האַלטן אין בעטן גאָט ברוך־הוא,
שימלא את פגימת הלבנה, ער זאָל פאַרריכטן די פגימה אויף דער
לבנה. מער וועלן מיר נישט דערלאָזן צו מאַכן אויף דער לבנה
פגימות!... היה לא תהיה!...

אַזאַ נבלה וועלן מיר נישט דולדן. זאָל פאַרשטאָפּט ווערן
דאָס מויל פון שטן און דער לאָך פון האַרמאַט, און ער זאָל נישט

קאָנען שיסן, און אויב ער וועט שיסן, זאָל די קויל זיך אומקערן צוריק און פּלעטן אים דעם מוח, וכן יהי רצון..

אַן עדה כעלעמער יידן.

פּראָטעסט נומער צוויי

פון אַ גרופּע שווענציאַנער דיכטער.

מיר, אַ גרופּע אונטערגעשריבענע שווענציאַנער דיכטער און אידעלע, פּאָעטן, זענען אויפגערעגט און צעבראָזט, ווי דער שטור־מישער אָקעאַן, פון דער חוצפּה פון אַמעריקאַנער פּראָזאַאיסער און בעל־הבתישן קליין־בירגער, וואָס גייט מאַכן אַ תל פון אונזער צאַר־טער, פאַרחלומטער און בלאַסער לבנה. די בלאַסע לבנה מיט אירע זילבערנע שטראַלן און מאַטע ליכט־פעדעם, וואָס שוועבן און ציטערן און שעמערירן מעלאַנכאָליש פאַרבענקט איבער דעכער און קוימענס, פּלויטן און טעלעגראַף־סלופּעס.

וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, אָט דער ראָזיקער באַגרענעצטער און טעמפּער שיסער, צו באָמבאַרדירן דעם קעגנשטאַנד פון אונ־זער באַגייסטערטן שאַפן, אונזער איינציק האָב און גוטס? וואָס האָבן מיר דען עפּעס אַנדערש, אַ חוץ דער לבנה, די איינציקע זאַך פון אונזער ערשטן פּאָעטישן געברויך, דער לייט־מאָטיוו פון אונזער געזאַנג, דער העכסטער פּונקט פון אונזער דיכטערישער דערגרייכונג? אויב ער וויל שיסן, זאָל ער שיסן אויף אַזאַ זאַך, צו וואָס מיר האָבן נישט קיין גראַם, ווי למשל, „יאַרמולקע", „איינ־געווייד", „סקאַרפּעטקע", „בראָדאַווקע". אָבער נישט אויף דער לבנה, צו וועלכער מיר האָבן אַזוי פיל טייערע, פּאָעטישע, הער־לעכע און קלינגענדיקע גראַמען:

לבנה,
אלמנה,
מתנה,
נאָנע,
כּונה,

קאַנאָנע,
אתּה בחרתּנו,
רבּה בר־בּר־חנה,

ער וויל שיסן, אייער אַמעריקאַנער שיסער, טאָ זאָל ער גיין אין „סטזשעלניצע" און שיסן אין דעם ציל־בּרעט, אָדער זאָל ער נע־מען אַ פּיסטויל און פאָרן אין אַפריקע און שיסן אין העלפאַנטן און ווילדע חיות, אָדער זאָל ער גיין ל"ג־בּעומר שיסן פון אַ פייל־בויגן, אָבער אונזער אָרעמער, צאַרטער, פאַרטרוימטער לבנה, מיט אירע זילבּערנע שטראַלן און מאַטן אַפּגלאַנץ, זאָל ער לאָזן צורו. זי טשעפּעט אים נישט, זאָל ער זי אויך נישט טשעפּען.

אַ גרופּע שווענציאַנער דיכטער.

פּראָטעסט גומער דריי

פון אַ גרופּע פאַרליבּטע פּאָרלעך.

מיר, מיט ליבּ און זעל פאַרליבּטע פּאָרלעך מיט אונזערע ראָ־מאַנטישע געפילן און ליבּעס־חושים, פּראָטעסטירן העפטיק מיט גאַנצן גאַנצן פייער פון אונזערע פאַרליבּטע נשמות קעגן דעם נייעם אויפטו פון אַמעריקאַנער צעשטערער פון אונזער ליבּע לבנה.

שיסן גאָר?! מיר פאַרשטייען, ווען דער גאָט אַמאָר שיסט מיט זיינע ליבּעס־פיילן אין האַרצן; מיר פאַרשטייען, ווען אַ ליבּעס־וועזן שיסט מיט זיינע בּלויע אויגן און פאַנגט אונזער נשמה.. אָבּער שיסן אויף דער שטימונגס־פולער לבנה און מאַכן דאָרט עקספּלאָזיעס מיט חורבּנות, וואָס דערמיט צעשטערט ער אונזער איינציקע זאַך, בּיי וועלכער מיר זיצן מיט אונזערע געליבּטע אין די שיינע לבנה־נעכט און זיפצן, טרוימען, לעכצן, חלומען, צערט־לען, בּענקען, גלאָצן מיט די אויגן און שראַווען אידיליעס... טאָ מער איז נאָך דאָ אַ זאַך, בּיי וועלכער מיר קאָנען אונזערע הערצער אויסגיסן און מאַכן ליבּעס־ערקלערונגען, זאָל ער דאָס אונז אויך קאַליע מאַכן? אַזאַ בּרוטאַליטעט! אַזאַ ציניזם!

אפשר איז ער אַ פּעסימיסט, אַ מיזאַנטראָפּ, אייער פּראָפע־סאָר, און האַלט נישט פון ליבּע, אפשר האָט ער זיך אַמאָל גע־

ליבט אין זיין ווייב, געמאַכט איר אַ ליבעס־ערקלערונג בײַ דער לבנה און האָט חתונה געהאַט און איצט וויל ער זיך נוקם זיין אין דער לבנה. מעגלעך. אָבער וואָס זענען מיר שולדיק?

ער וויל צעשיסן די לבנה און בײַ וואָס ווילן מיר בלײַבן?

בײַ וואָס װעלן מיר, פאַרליבטע פּאָרלעך, זיצן צוזאַמען מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מורמלען פון ליבע?

בײַ אַ רויכערדיקן גאַז־לאָמטערן? צי בײַ אַן עלעקטריש לעמפּל? צי בײַ אַן אָנגעצונדענער שוועבעלע?

מיר פאַרלאַנגען דעריבער דורכאויס, אַז דער אַמעריקאַנער מיסטער שיסער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זײַנע מיאוסע פּלענער און לאָזן צורו די לבנה, וועלכע מיר דאַרפן פאַר אונזערע ליבעס־צוועקן.

אַ גרופּע פאַרליבטע פּאָרלעך.

פראַט טעסנוער פיר

פון אַ מחנה אָפּגעריסענע הינט.

האַוו! ! האַוו!! מיר, אַ מחנה אָפּגעריסענע הינט, בילן, הײַלן, סקאַוויטשען און פּראָטעסטירן קעגן דעם אַמעריקאַנער געלערנטן, וואָס גייט צעשיסן אונזער קײַלעכדיקע לבנה.

באַם, חלילה, די שעה זאָל נישט זיין, עס וועט זיך אים ווירקלעך אײַנגעבן און ער וועט צעשיסן די לבנה, וועלן מיר דאָך בלײַבן ווי אין די „ניין טעג".

אויף וואָס וועלן מיר דאַן בילן און סקאַוויטשען אין די לאַנגע ווינטער־נעכט און אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

ער פאַרגעסט, אָפּנים, וואָס פאַר אַן עוולה ער טוט אונז, אָרעמע הינט. אַלע האָבן אויף וואָס צו בילן: אַנטיסעמיטן בילן אויף ייִדן, אַראַבער אויף ארץ־ישראל, פּאַרטייען בילן איינע אויף די אַנדערע, פּאָליטיקאַנער בילן אויפן אמת, דיפּלאָמאַטן בילן אויפן יושר, ענדעקישע סטודענטן בילן אויף בילדונג און אויף וואָס וועלן מיר, אָרעמע כּלבים, בילן?

זאָל ער בעסער אויפהערן זײַנע מענטשישע שטיק און נישט

טשעפּען אונזער לבנה. א נישט וועלן מיר זיך מוזן ווענדן צו דער חברה „צער בעלי חיים", אָדער צו די רעכטע חברים פון די ענדערקישע, רומעניש און אונגארישע סטודענטן, זיי זאָלן אונז העלפן אין אונזער גערעכטן קאַמף! נידער מיט דעם אַמעריקאַנער געלערנטן און מיט אַנדערע געלערנטע! האָוו! האָוו!

מיט שטאַרקער צערייצטקייט

אַ גרופּע היו״ר

דער נעגוס אונטערוועגנס

איך רעד וועגן דער רייזע פונם נעגוס. א שווערע רייזע האט ער, נעבעך. ווארום ס'איז נישט אזוי, ווי סתם — א מענטש נעמט און מאכט א זומער־רייזע, אן אויספלוג לשם פארגעניגן. ער, דער נעגוס, האט זיך געלאזט אין וועג אריין דווקא מיט זיין פלוניתטע און מיט א היפשן באגאזש, מיט א סוויטע און מיט גענעראלן און מיט א פעקל משפחה. ווען אן אונזעריק מענטשל וואלט געדארפט מיטפירן מיט זיך אזא באגאזש, וואלט ער זיכער משוגע געווארן.

הונדערט מיט איין און דרייסיק קאסטנס בלויז מיט גאלד און בריליאנטן און פערל און צירונג. היינט געפעס, סערוויזן, גאפל־מעסער און א חוץ דעם וועק־זייגערס, מיט פלעדן, מיט דעם פאראסאל, מיט דעם טשייניק און מיט דעם גומענעם קישעלע. היינט ווו איז דאס בעטגעוואנט מיט די יום־טובדיקע מלבושים מיט דעם ווייבס ראטאנדע, מיט די מעדאלן, מיט די הערבן מיט דעם פרעס־אייזן, מיט די טערמאסן, מיט דער קאנאריק־שטייג, און מיטן פאפוגיי? היינט ווו איז דער ראדיא־אפאראט מיט דעם גראמאפאן מיט די פליטן? און ווי האט נישט יעדער איינער ביי זיך א הונט און וועל כולם — די קרוין — די קרוין. א קרוין פארנעמט דאך עפעס אויך אן ארט. און מען מוז זיך דערמיט היטן און אכטונג געבן נאך מער ווי אויף א קאפעליוש.

און וואס נאך? צוויי וואגאן קאווע האט זיך אים פארגלוסט מיטצונעמען. א נאש־בראט, אז ער פארט אין וועג, נעמט ער מיט 10 דעקא קאווע אדער א 5 דעקא טיי, א פערטל פונט צוקער. מען קומט אראפ אויף א סטאציע, שיקט מען אראפ נאך א ביסל „קיפיאטאק", פארבריט א ביסל טיי און מען טרינקט און יוצא. דא אבער פירט מען גאנצע צוויי וואגאן קאווע.

און ווער רעדט מזומנים, א ביסל קליינגעלט דארף מען דאך אויך האבן אונטערוועגס, האט ער מיטגענומען 50 מיליאן פונט שטערלינג טאשן־געלט.

און דאס איז דאך באוווסט, אז א געוועגליך פאר־פאלק מיט א ביסעלע באגאזש, קוים לאזט מען זיך אויף א רייזע, מוזן אויסברעכן ביי זיי אלערליי מיספארשטענדענישן און מחלוקתן און קריגעריי. אזוי ביים פאקן דאס געפעק, אזוי אויף די באנען, ביי די „פשעשאדקעס” אויף די גרענעצן, ביי די רעוויזיעס, מיט איין ווארט, כסדר א פארשטערטער וועג.

א פשיטה שוין, וואס פאר א מיספארשטענדענישן און קריגע־רייען און אמפערנישן און פארדריסנישן קומען פאר דא אויף אזא שווערע און לאנגע רייזע מיט אזא גרויסן באגאזש, מיט אזוי פיל „פשעשאדקעס” און גרענעצן, רעוויזיעס.

שטעלן מיר זיך פאר, אז אלץ איז געגאנגען כשורה. איינגע־פאקט דאס געפעק, איינגעזעצט זיך אין וואגאן, און מען פארט.

אפגעפארן א שטיקל וועג, זאגט דער נעגוס צו זיין ווייב:

— גיב נאר א קוק, שרה־ביילע, (אזוי מסתמא הייסט זי, דאס ווייב פון נעגוס) — האסט נישט געזען ערגיץ די קרוין?

— וועלכע קרוין?

— את די קרוין, וואס איך האב געטראגן צו קאראנאציע.

— האסט דאך נאר ־ וואס געטראגן די קרוין אויפן קאפ, א שלימזל.

— נו יא. נאר־וואס געטראגן אויפן קאפ, געהאלטן אין האנט און ווי אין וואסער אריין. צי האט מען זי נישט אוועקגעגנבעט. אזוי פיל באן־גנבים דרייען זיך ארום.

— גיב נאר א קוק אין יענעם זעקל.

מען נעמט זוכן, נישטערן און מען געפינט די קרוין.

דער נעגוס האט שוין די קרוין אין האנט, פוצט זי מיטן ארבל. אין א ווײלע ארום כאפט ער זיך:

— האסטו נישט געזען, שרה־ביילע, מיין שווערד?

— את האלסטו דאך די שווערד, גולם.

— דאס איז דאך די שווערד, וואס איך האב באקומען פון

דאַליי־לאַמאַ. אָבער ווו איז די טערקישע שווערד פון סטאַמבול?

— דער טיוול וויים דיר מיט דיינע שווערדן, אַ מענטש זאָל האָבן אַ טבע שלעפּן מיט זיך שווערדן.

— ווּעמען דען זאָל איך איבערלאָזן די שווערדן? אפשר מוסאַלינקען? אַז נישט דערלעבן זאָל ער, דער באַנדיט. בפרט נאָך, אַז די שווערדן זענען אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן און פערל. מיר לאָזן זיך אין אַ פּרעמד לאַנד צווישן ציוויליזירטע און גוטהאַר־ציקע מענטשן, ווער ווייסט, צי מיר וועלן האָבן, וואָס צו עסן, וועלן מיר פון צייט צו צייט אויסקאָלופּען אַ בריליאַנט און האָבן אויף אַ מאָלצייט אין דער „אינטעליגענטן קיך".

— עך, עך, עך! — קרעכצט די קעניגין.

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט די קעניגין אַ פּאַטש אין די הענט.

— אליה־שמחה (היילע סעלאַסיע), אַ בראָך צו מיר! מיר דאַכט, אַז עס פעלט אַ קאַסטן גאָלד.

— וואָס רעדסטו. דעם טרעגערס מלאכה. צייל אָקאָרשט אי־בער. געדענקסטו נישט דעם נומער פון טרעגער?

— ווער געדענקט?

— נו געוויס, דו ווּעסט געדענקען. אַז דו האָסט דאָך אַ זכרון פון אַ קאַץ.

— איז דיר גוט, אַז דו האָסט אַ בעסערן זכרון.

— אָבער אַ סוף, זאָל מען אַ זוך טון.

אַלע נעמען ציילן. געלויבט צו גאָט, די הונדערט מיט איין און דרייסיק קאַסטנס גאָלד זענען אַלע גאַנץ.

— אליה־שמחה — מונטערט אים ווידער דאָס ווייב — גיב אַכטונג זאָלסט נישט פאַרלירן די קוויטן מיט די פּופציק מיליאָן פונט־שטערלינג. דיר, אַז מען גיט עפּעס, פאַרלירסטו דאָך. מען האָט דיר געגעבן אַ מדינה, האָסטו זי פאַרלוירן. באַהאַלט די קוויטן מיטן געלט אין בוזעם־קעשענע און גיי שלאָפן.

דער קעניג בלאָזט אָן זיין גומענע קישעלע, לייגט אַרונטער דעם פּאָרטפעל צוקאָפּנס און כאַפּט אַ דרימל.

ביינאַכט אויף דער סטאַציע קיר־מוסטאַקאַ וועקט דער גענע־ראַל ראַס קאַסאַ דעם קעניג:

— אדוני מלך, יינגלעך שלעפּן פון וואַגאָן קאַווע, עס האָט זיך געמאַכט אַ לאָך און מען שלעפּט קאַווע.

דער נעגוס שפּרינגט אויף מיט רציחה.

— ווו זענען זיי, די שקצים! איך, דער לייב פון יהודה, וועל זיי ווייזן, ווי צו לקחענען קאַווע.

— אפשר צוויי פונט קאַווע האָבן זיי שוין ארויסגעגנבעט! קונדסים! מעלדעט דער גענעראַל ראַס קאַסאַ.

— אַז דו פּאַקסט — יאָדעט אים דאָס ווייב.

— ווער? איך האָב געפּאַקט? דאַכט זיך, אַז די קאַווע האָסטו געפּאַקט. שיער נישט פאַרשפּעטיקט דעם צוג. איך האָב דאָך גע־פּאַקט דעם טראָן.

— צו וואָס דאַרף מען דעם טראָן? צו מיינע צרות, שמייגענע מיינער, טראָן־זיצער מיינער! געהאַט אַ לאַנד — האָט ער עס צע־טרעגצלט און געמאַכט אַ תּל. „לייב פון יהודה" מיינער. אַ לייי־מענער גולם און נישט קיין לייב. לעמעשקע. אַ טראָן דאַרף ער. אויף דער פּליישיקער באַנק וועסטו זיצן, נישט אויף קיין טראָן.

— פאַרוואָס אַז אַ דענטיסט פּאַרט, נעמט ער מיט „די שטול"? עס קומט צו־נוץ. אין אַ נויט וועלן מיר פאַרקויפן דעם טראָן צו אַ ציין־דאָקטאָר.

— בעל־תּכלית מיינער, לא יוצלח. מוסאָליני, אָט דאָס איז אַ העלד! האָסט געכאַפּט אַ גוטע מפּלה? האַ? — רייצט זיך דאָס ווייב.

— זאָלסט מיר נישט דערמאָנען מוסאָליניען! דו הערסט?! שרה ביילע! איך קאָן זיין טריפהנעם נאָמען נישט הערן.

— אָבער ער האָט דיך אוועקגעלייגט אויף ביידע לאָפּאַטקעס.

— און איך וועל אים ווייזן אין זשענעווע.

— יאָ, וועסט אים ווייזן... דו מיט דיין בערדל וועסטו דאָרט אַ סך אויפטון. ווער עס זעט נישט. דערווייל ווייזט ער דיר צוויי פייגן.

אַזוי האַלטן זיי זיך אין ווערטלען זיך ביזן גרענעץ.

אויפן גרענעץ האָט מען זיי אַרויסגעטראָגן דעם גאַנצן באַ־גאַזש אויף אַ רעוויזיע.

— חלילה.

— וואָס האָט איר דאָ אין די קאַסטנס? — פרעגט דער צאָל־באַאַמטער.

— גאָלד, זילבער, בריליאַנטן און פערל און אַנדערע אבנים טובות — ערקלערט דער נעגוס.

— און קיין פּאַפּיראָסן נישטאָ?

— און וואָס איז אין אָט דעם קאַסטן?

— ווייס איך וואָס, אַ טראָן.

— זיבער אַ טראָן? אפשר אַ נײ־מאַשין?

— חלילה.

— גוט. ס'איז אין אָרדענונג. איר קאָנט צוריק איינפּאַקן.

איצט שלעפּט מען דאָס געפּעק צוריק אין די וואַגאָנעס. עס אַנשטייט אַ מהומה. די קעניגין שרייט, דער קעניג ווישט דעם שווייס. די גאַנצע סוויטע שמייעט און האַוועט. אַזוי ביז אַ צווייטער גרענעץ.

אָט־אַזוי פאָרט ער נעבעך, דער נעגוס. אַ קעניג גייט אין גלות.

חכמה און
וויסנשאפט

ווי אזוי טשעפעט מען זיך אפּ פון א ליבע?

ווי אזוי זשע טשעפּעט מען זיך אָפּ פון אַ ליבע, און ווי ווערט מען פּטור פון אַ מיידל, וועלכע מען האָט אַזוי ליב געהאַט און וועלכע האָט שוין דערעסן ווי דער טויט, און וועלכע גלויבט, אַז מען האָט זיך נאָך היינט אויך ליב? — די דאָזיקע זייער האַרבע פראַגע וויל איך איצטער באַהאַנדלען.

און דאָ מוזן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ דאָן־זשואַן. וואָס איז אַזוינס אַ דאָן־זשואַן?

אַ דאָן־זשואַן — האָט איינמאָל איינער (מסתמא אַ פילאָ־זאָף) געזאָגט — איז דוקא נישט דער יעניקער, וואָס ליבט זיך לייכט אַלע וויילע איין אין אַ נייער פרוי, און נישט דער, וואָס ליבט אין זיך איין יעדע ווילע נייע פרויען. אָ, ניין. אַזאַ קונסט קאָן באַווייזן יעדער איינער פון אונז. נישטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי איינצוליבן זיך אין אַ פרוי און מאַכן, אַז אַ פרוי זאָל זיך אין אים איינליבן. אויך מיר אַ קונץ צו פירן אַ ליבע און פאַרפירן אַ פרוי!

די גרעסטע קונסט פון אַ דאָן־זשואַן איז, אייגנטלעך, אינם קאָנען זיך צו יעדער צייט אָפּטשעפּען, פּטור ווערן פון דער ליבע, לויז ווערן פון איר, און פונסניי זיין אַ פרייער קאַנדידאַט אויף נייע ראָמאַנען. אָט וואָס.

און דאָס איז אַ שווערע זאַך, וואָרום אויף פּטור ווערן פון אַ ליבע דאַרף מען אָפּטערס האָבן אַ סך טאַלאַנט. אויף פּטור ווערן פון אַ ליבע דאַרף מען האָבן אויך מער געפילן, טעמפּעראַמענט,

צערטלעכקייט, גייסט, איבערצייגונגס־קראַפט, איינפלוס, סוגעסטיע, דיפּלאָמאַטיע און געשיקטקייט איידער צו פאַרפירן אַ פרישע ליבע.

יעדע זאַך אין לעבן האָט אַן ענדע. און אַ ליבע, ווי באַ־ווּסט, האָט אויך אַמאָל אַן ענדע. און אָט די ענדע באַדאַרף מען קאָנען גוט אויסשפּילן. די ליבע איז ווי אַ שאַך־שפּיל, ווו דער ענד־שפּיל איז אַמשווערסטן און עס באַדאַרף האָבן אירע ספּעציעלע ענד־שפּיל־קינסטלער.

אַך, ווען די ליבע וואָלט שטענדיק געבליבן ביים אָנהויב! — האָט איינע אַ פרוי אַמאָל אויסגערופן.

דער שלום־אַקאָרד פון אַ ליבע איז זייער קאָמפּליצירט און מען דאַרף זיין אַ גרויסער מייסטער אום צו קאָנען עס אָפּשפּילן מיט גרויס טאַלאַנט.

נישט אַלע שפּילן די דאָזיקע ענדע גלייך.

מאַנכע מאַכן עס מיט צוויי רעוואָלווער־שאָסן פאַר ביידע צדדים (שפּאַניע); מאַנכע מאַכן עס מיט איין רעוואָלווער־שאָס פאַר איין צד (איטאַליע); אַנדערע נאַטורן מאַכן עס מיט אַ לאַנגן צעגאָסענעם בריף אויף אַכט בויגנעלעך פּאַפּיר (דייטשלאַנד); אַנדערע, ווידער, מאַכן עס מיט אַ געריכטס־פּראָצעס וועגן שאָדן־ערזאַץ פאַר „בריטש אָוו פּראָמיס״ (אַמעריקע); אַנדערע מאַכן עס מיט אַלימענטן (סאָוויעט־רוסלאַנד); און אַנדערע מאַכן עס דורך אַ טעלעפאָן־געשפּרעך און אַראָפּ פון מאַרק (פראַנקרייך).

נישט ווייסנדיק קיין ראַדיקאַל מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיין מיידל, האָט איינער, אַ דזשענטלמען, געפּרוּווט פאַר־שידענע מיטלען. ער האָט זיך געלאָזט קושן, ווען זיינע באַקן זענען געווען נישט אויסראַזירט און שאַרסטקע ווי אַ ריב־אייזן אויף צו רייבן כריין; האָט געלויבט אין טאָג אַריין בלאָנדינקעס, ווען זיין מיידל איז געווען שוואַרץ. און פאַרקערט. פלעגט מיט איר שפּאַצירן דווקא אין אַ רעגן און אָן אַ שירעם, פאָרן מיט איר דווקא אין ענגע טראַמווייען; געשלעפּט זיך מיט איר אין טעאַטער אויף ליטעראַרישע פּיעסען, געלייענט פאַר איר פּאָליטישע לייט־

אַרטיקלען אין די צייטונגען; אָנשטאָט בלומען און שאָקאָלאַד גע־בראַכט איר וויסנשאַפטלעכע ביכלעך וועגן מאַטעמאַטיק און מינע־ראַלאָגיע, נאָכגעפרעגט זיך וועגן איר אמתן עלטער, באַוווּנ־דערט אין איר אָנווּוּנהייט די שיינקייט פון אירע פריינדינס — דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן.

עס איז גוט, ווען מען איז אַ באַווייבטער. אַ ווייב קאָן אויך זיין אַ גוטער תירוץ אויף אָפּצושעפּן זיך פון אַ ליבע. נאָר דאָס איז אָבער אַ צו טייערער מיטל. שוין בעסער צו האָבן אַ צושטע־פעניש אַ געליבטע, איידער אַ צושטעפּעניש אַ ווייב.

אַ כּלל זאָל מען האָבן, אַז דאָס אויפלעזן פון דער ליבע איז אַן אָפּעראַציע, און אַ שווערע אָפּעראַציע, און מען מוז עס מאַכן מיט אַ געניטער האַנט, און נישט ברוטאַל, און נישט מאָ־רודנדיק און נישט מאַכן עס פאַר אַ פאַרשלעפּטע קרענק.

דער שלימזלניק אָדער פאַרטאַטש מאַכט עס צעצויגן־לאַנג, ביסלעכווייז; זיין ווייך האַרץ לאָזט נישט צו, ער האָט רחמנות.

אַ שטייגער, ווי יענער צער־בעלי־חיימניק, וואָס האָט זיין הונט, נאָר אויס ליבע צום הונט, יעדן טאָג אויס רחמנות אָפּגע־האַקט אַ שטיקל וויידל, אַזוי לאַנג, ביז דער הונט איז ענדלעך גע־בליבן אָן אַ וויידל. דער צער־בעלי־חיימניק איז געווען צופרידן. דער הונט, דאַקעגן, איז גראַד דערפון נישט געווען אַנטציקט.

יעדן טאָג אונטערהאַקן אַ שטיקל ליבע, איז כּמעט דערזעל־בער רעזולטאַט.

ביי דעם פאַרטאַטש גייט עס צו שווער ביז לאַנגווייליקייט, נודנעקייט, געגעצן, אומגעדולדיקייט. נאָכדעם הויבט זיך אָן אַ סדרה תירוצים: פאַרוואָס ער קלינגט נישט אין טעלעפאָן? פאַר־וואָס ער איז נעכטן נישט געקומען אויף דעם ראַנדעוו? פאַרוואָס האָט ער פאַרגעסן איר געבורטסטאָג? און פאַרוואָס איז ער נעכטן אַזוי פרי אוועקגעגאַנגען? פאַרוואָס האָט ער איר פאַרן אוועקגיין נישט אַ קוש געטון? און פאַרוואָס? און פאַרוואָס? און פאַר־וואָס?

אך, וואס פאר אן אפקומעניש דאס איז!

דער גרויסער ליבע־מייסטער, דער דאן־זשואן, ער מאכט עס שנעל און קורץ. ער ווייסט די קונסט ווי אויסצוליבן זיך אין א מינוט. די צייט וואס א געוויינלעכער מאן פארברויכט אויף איבערצורייסן א ליבע, פארברויכט דער דאן־זשואן אויף טויזנט נייע ראמאנען.

עיקר שכחתי, פאראן א זיכער מיטל ווי שנעלער פטור צו ווערן פון א ליבע. נעמלעך: חתונה האבן מיט דער געליבטער און א סוף, די ליבע ווערט דאן ווי מיט דער האנט אפגענומען.

אבער דאס מיטל איז געפערלעך און עס ציט נאך זיך ביטערע קאנסעקווענצן. מען זאל דערחפון באהיט און באשירעמט ווערן!...

לערנט זיך פאלן

ס'איז ווינטער. אין דרויסן גייט א שניי, א האגל, נאכדעם קומט א לינד ווינטל, דער פראסט לאזט אפ, צוגייט דער שניי, ווערט נאס. כאפ א פרעסטל, ווערט גליטשיק. גייען מענטשן און פאלן, גליטשן זיך און פאלן.

מען פאלט אבער אן א סדר, אן א טאלק, יעדער פאלט אויף זיין אייגענעם שטייגער, אויף זיין אייגענער פאראנטווארטלעכקייט. יעדער פאלט ווי זיין הארץ גלוסט, ווי ער וויל, און ווי ער קאן. אן א פלאן, אן א סיסטעם.

דאס פאלן איז נאך לעת עתה נישט ארגאניזירט, נישט סיסטעמאטיזירט. יעדער איינער האט זיך זיין באזונדער וועלטפאלאנשויאונג.

מיר זענען, אלזא, דעריבער יעצט געפאלן אויף א פלאן צו לאזן פאלן א ווארט און לערנען דער וועלט און די מענטשהייט ווי צו פאלן.

אמת, א סך פאליטישע בריות און מאכט - האבער האבן גע־בראכט דערצו, אז די מענטשהייט זאל פאלן עד שאול תחתיה, אבער יעדער איינצעלנער מענטש באזונדער פאלט דאך פארט באזונדער. וויפיל מענטשן, אזוי פיל ארטן פאלן.

מען פאלט נישט פאראויסגעזען, נישט צוגעגרייט, נישט אי־בערגעלייגט, נישט איינהייטלעך.

מיר ווילן דעריבער געבן א קורצע מעטאדע, ווי אזוי צו פאלן. זאל יעדער דאס לייענען און גיין און פאלן געזונטערהייט, גאר דער עיקר לויט אונזער מעטאדע, לויט אונזערע אנווייזונגען, ווארום —

פאַלן איז אַ גרויסע זאַך.
פאַלן דאַרף מען קענען.
פאַלן איז אַ קונסט.

שוין ביי די ערשטע שריט, וואָס אַ מענטש שטעלט אין זיין לעבן — פאַלט ער. און דאָך האָט ער נאָך ביז צו די עלטערע יאָרן נישט אויסגעלערנט זיך ווי געהעריק צו פאַלן.

קעץ און אַקראָבאַטן, מעגן זיי זיין ווי יונג, פאַלן און בלייבן שטיין.

דיפּלאָמאַטן און פּאָליטיקער אויך.

סוחרים, באַנקירן, מאַגנאַטן, קאָנען זעלטן בלייבן שטיין. מאַנכעס מאָל בלייבן זיי זיצן.

ווייבער פאַלן אַמאָל אין אַ גליטש אויך.

דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שטיק פאַלן. מחמת אַלץ אַרום איז גליטשיק. דער באָדן, דער טראָטואַר, דער ברוק. פאַראַן מענטשן, וואָס זענען גליטשיק. גליטשיקע מענטשן, גליטשיקע אידעען, גליטשיקע הענט, גליטשיקע פינגער, גליטשיק געלט, וואָס גליטשט זיך אַרויס און גליטשט זיך אַריין.

אין אייראָפּע, למשל, איז איצט אַזוי גליטשיק, אַז אַלץ פאַלט. עס פאַלט די וואַליוטע, עס פאַלן ווערטפּאַפּירן, מיניסטאַרן־קאַבינעטן, עס פאַלן שאָסן, עס פאַלן קרבנות.

אין די יידישע שטעטלעך האַלט אויך אין איין פאַלן. עס פאַלן אינסטיטוציעס, חברות, גבאים, שטיבלעך, און מער פון אַלץ פאַלן — פּעטש.

דער פאַל אַליין איז אויך נישט שטענדיק דערזעלבער. פאַראַן פאַרשידענע פאַלן: איינפאַל, בייפאַל, דורכפאַל, אַרויספאַל און אַריינפאַל.

יאָ, דאָס אַריינפאַלן איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. אַ פּעאיקער מענטש ווייס ווען און ווו אַריינצופאַלן און וויפיל ער זאָל נישט אַריינפאַלן, וועט ער ביי זיך קיינמאָל נישט אַראָפּפאַלן.

פאַלט נישט אַריין ווי אַ יון אין סוכה. פאַלט נישט אַריין

דעם דירעקטאָר אין די רייד. פאַלט נישט אַריין דעם פּאָליסמאַן אין אויג. פאַלט נישט אַריין צו אייער ווייב אין מויל. פאַלט נישט אַריין אין קיין מיאוסע געשיכטע. אויב איר זענט אַ בחור, פאַלט נישט אַריין צו די שדכנים אין די הענט, און היט זיך נישט אַריינצופאַלן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב.

דאָס אומגליק פון היינטיקער צייט איז, וואָס אויף דעם געביט פון אַריינפאַלן הערשט אַ כאָאָס. אנשטאָט, אַז יעדע זאַך זאָל פאַלן אויף זיין אָרט, פאַלט זי גאָר אַריין דער טייוול ווייס וווּ: די קונסט פאַלט אַריין אין אַ שונד־שטאַל, שונד פאַלט אַריין אין אַ קונסט־טעמפּל, די אָפּערע פאַלט אַריין אין אַ רעוווּ־טעאַטער און אַ רעוווּ־טעאַטער—אין דער אָפּערע. די פילהאַרמאָניע פאַלט אַריין אין אַ קינאָ און דאָס קינאָ—אין אַ פילהאַרמאָניע. די פּאָעזיע פאַלט אַריין צו אַ שוסטער, די וויסנשאַפט צו אַן אַנאַלפאַבעט, די למדנות צו אַ בעל־עגלה, רבנות צו אַ קצב, יושר צו אַ זשוליק און געלט צו אַ חזיר.

נאָר אַז אַ גנב זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער גערעכטיקייט און געזעץ — דאָס טרעפט דווקא זעלטן.

פאַלט נישט האַסטיק, פאַלט נישט ראַפּטום. פאַלט פּאַמעלעך, זיך נישט צו שעדיקן, צו וואָס זאָלט איר זיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע! פאַלט מיט איבערלייגונג, מיט ישוב הדעת, און סטאַרעט זיך ביים פאַלן אונטערלייגן אַ קישן.

אויב איר ווילט נישט אַנדערש ווי עפּעס זיך צו קאַליעטשען און שעדיקן איינעם פון אייערע אברים, טאָ זעט צו שעדיקן אַזאַ אבר, וואָס איז אַמווייניקסטן נישט נויטיק. ווי דעם קאָפּ, למשל. צו וואָס דאַרפט איר היינט דעם קאָפּ? אַז אַ קאָפּ־מענטש קאָנט איר אויך ווערן אָן אַ קאָפּ. און סתם צו וואָס זאָלט איר אַרומגיין מיט אַ קאָפּ, אַז אַלע מענטשן גייען אַרום אָן קעפּ.

דאַקעגן דאַרפט איר זיין שטאַרק פאָרזיכטיק נישט צו־צוקלאַפּן זיך דעם חלק פון גוף, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון דער נאַטור צו זיצן אויף אַ „בענקל."

פאלט אויף די קני, ווי מען פאלט פאר א פריץ. דאס באַ־צאלט זיך.

דאקעגן פאלט נישט אויף די קני פאר א פרויענצימער, דאס וועט אייך טייער קאסטן.

יא. ס'איז א גליטשיקע צייט, מענטשן פאלן. מען דארף אבער וויסן ווי אזוי צו פאלן.

לערנט זיך פאלן.

די קונסט פון קלייבן נדבות

— גיטס מיר א נדבה! —

אזוינס הערט מען אויף שריט און טריט. ווער עס האט נאר א האנט און א פּוס — בעט א נדבה. א פשיטא שוין אזא, וואס האט נישט קיין האנט, שטרעקט ערשט טאקע אויס די האנט.

אמאל איז בעטן א נדבה געווען בלויז א זאך פון „אויס־דערוויילטע" קבצנים, פּאכליט, שנארער — „ספּעצן".

היינט איז עס אריין אין לארדן־גאס. יעדער קבצן ווערט היינט א מיליאנער און — בעט א נדבה.

באנקירן, געוועזענע פירשטן, פינאנסיסטן, סוחרים, בערזע־ליט, ספּעקולאנטן, אראפּגעזעצטע קעניגן, פאבריקאנטן — אלע האבן זיי זיך גענומען צו דער דאזיקער פּראפעסיע. יעדער פּאר־טאטש ווערט א שנארער. יעדער קבצן ווערט א בעטלער. באשר וואס? מען דארף דערצו נישט האבן קיין קאפּיטאלן.

אמת, מען דארף דערצו נישט האבן קיין קאפּיטאלן און קיין פאנדן, אבער טאלענט דארף מען האבן, פאנטאזיע. עספּרי און אינטואיציע.

און זיי וויסן נישט, אז אין דער דאזיקער פּראפעסיע שטעקט א גרויסע חכמה און זייער א סך קונסט.

ניין, מיינע פריינט, בעטלעריי איז א קונסט. א גאט־גע־בענטשטע מתנה.

און אט דערפאר, ווייל עס איז לעצטנס געווארן דער הויפּט־צווייג פון אונזער עקאנאמישן לעבן; מען קען זאגן: די אקס, אויף וועלכער עס דרייט זיך אונזער גאנצע עקזיסטענץ, דער־לויב איך מיר צו שרייבן מיין איצטיקע אפּהאנדלונג און ארויס־זאגן עטלעכע געלונגענע געדאנקען.

בעטלעריי פון נדבות קאָן מען אייגנטלעך איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס, פונקט ווי שטייערן: דירעקטע און אומדירעקטע.

געוויינלעכע קבצנים און בעטלער שטייען פשוט אויף די גאַסן אָדער גייען איבער די הייזער און בעטן דירעקט נדבות.

דאָס איז די אַלטע געוווּנטע פאָרם, די איינגעפונדעוועטע שנאָרעריי, בעטלעריי מיט טראַדיציע. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן אויך די גבאיטעס מיט דער רויטער פּאַטשיילע, צדקה־זאַמלער, פּורים־שפּילער, פּושקע־קלאַפּער, מחברים מיט ווערק און נאָך אַזעלכע מינים...

היינט האָבן די דאָזיקע זאַכן אַן אַנדער אויסזען. אויך בעטלעריי מוז גיין מיט דער צייט.

אַמאָל איז דאָס לעבן געווען שטיל, מיושבדיק — איז דאָס בעטלען גופא אויך געווען מיושבדיק, שטיל. —

היינט איז עס רעשיק, שרייעדיק, אין אַ שטאַרקן טעמפּאָ, במילא—איז דאָס בעטלען היינט אויך שרייענדיק, רוישיק און ברויכט אַ שטאַרקערן טעמפּאָ. היינט טאָר מען נישט באַלאַמוטשען. ווילט איר בעטן, בעט תיכף ומיד — אַז נישט,וועט יענער אויסכאַפּן און בעטן ביי אייך אַ נדבה; וואָרום יענער איז פּונקט אַזאַ קבצן, ווי איר.

עס איז גוט באַוווּסט, אַז די היינטיקע קרענק, די נייעסטע, די מאָדערנסטע האָבן שוין עקזיסטירט פון לאַנג אָן; נישט מער, היינט האָבן זיי באַקומען ניי־מאָדישע נעמען. דאָס נעמלעכע איז אויך מיט בעטלעריי.

היינט הייסט עס „סובסידיע", „סטיפּענדיע", „דראַיוו", „קאָאָפּעראַטיווע באַנק", „קונסט־טעאַטער", דזשאָינט", „רעטונגס־אַקציע", צענטאָס", „געזערד", „אַגראָייד" „רעליף" — מיינען מיינט עס אַלץ אָבער די אַלטע גרויסע טאָרבע. די ריזיקע רויטע פּאַטשיילע.

שרייבער גייען שוין היינט נישט איבער די הייזער ווי אַמאָל. היינט הייסט עס, „די ביליקע בוך־וואָך"; היינט קלויבט מען „פּרענומעראַנטן"; פּורים־שפּילער מאַכן היינט „קונסט־געזעלשאַפטן" און „טעאַטער־טרופּעס", מען זאַמלט אַבאָנאַמענטן, מען מאַכט סובסקריבציעס, קאָלעקטיווע בענק. אַנשטאָט דער רויטער

פאַטשיילע הייסט מען אייך אויספּילן „דעקלאַראַציעס״, משולחים פֿאָרן אין פּולמאַנס מיט „שליחותן״; היינט פֿאָרט מען אין אויטאָס צו כאַפּן אַ פּינפּערל.

אַמאָל פֿלעגט אַן אָרעמע יידענע אויסבאָרגן אַ פּאָר פֿרעמדע קינדער און בעטן אַ נדבה — היינט, ווייס איך איינעם, וואָס בעט נדבות אין נאָמען פֿון אַ גאַנצן „בית־יתומים״.

נישט ווייט די צייט, ווען אי״ה דאָס קבצנות וועט דערהויבן ווערן. אַ בעטלער וועט צופֿאָרן מיט זיין אעראָפּלאַנדל צו אַ פֿענסטער און וועט אויסשטרעקן דאָס היטל:

— גיטס אַ נדבה!

עס איז שוין נישט דאָס אַמאָליקע איינצל־בעטלעריי. עס איז אַ מאַסן־פּראָדוקציע, אַ טאָרבע פֿון גרויסן מאַסשטאַב.

איינע פֿון די נייסטע בעטלעריי־פֿאָרמען איז אַ „בלימל־פֿאַרקויף״: אַ לענגערע צייט איז עס געקרוינט געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג, ווייל קוים האָט איר געכאַפּט עמיצן ביי דער קלאַפּע און אַריינגעשטאָכן אַ בלימל, איז ער שוין געווען אייער קרבן, וואָס האָט געמוזט צאָלן קאָנטריבוציע.

לעצטנס אָבער איז עס קאַליע געוואָרן; וואָס ווייטער איז אַלץ שווערער געוואָרן צו כאַפּן דעם דאָזיקן קרבן ביי דער לאַץ און פֿאַנגען אים אין אייערע נעצן.

וואָרים, ווי האָט אַמאָל איינער געזאָגט, אַ גרויסער יידן־קענער:

„יידן זענען גרויסע געבער; נאָר ווי אַזוי נאַרט מען זיי אַריין אויף אַ באַנקעט מיט אַ זאַמל־אַקציע״.

דאָס בלימל איז לעצטנס געוואָרן די שרעק פֿון דער באַפֿעלקערונג; דער פּחד פֿון דער מענטשהייט. דאַכט זיך, אַ קליין בלימעלע, אַ נישטיק שטיקל פּאַפּיר — און מענטשן לויפֿן דערפֿון, ווי פֿון פֿייער!

דער שרייבער פֿון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג האָט אַליין געזען מיט זיינע אויגן פֿאָלגנדעס בילד — (און אַז ער זאָגט, מעגט איר אים גלויבן):

אויף איינעם פֿון די הויפּט־פּלעצער אין וואַרשע איז פֿאָרגע־

קומען אַ פאַרבאַטענע דעמאָנסטראַציע פון אַ פינף־טויזנט קעפּיקן עולם. עטלעכע פּאָליציי־עסקאַדראָנען, אינפאַנטעריע און פערד־רייטער, האָבן גענומען פאַנאַנדערטרייבן די מאַסן. עס האָט נישט געהאָלפן; מען האָט געבראַכט פייער־לעשער, וואָס האָבן גענומען שפּריצן מיט קישקעס — עס האָט נישט געהאָלפן; מען האָט אַרויסגערופן מיליטער; עס האָט נישט געהאָלפן; ענדלעך האָט זיך באַוויזן אַ פּאָרל מיט אַ בלימל און — דער גאַנצער פינף־טויזנט קעפּיקער עולם האָט זיך געלאָזן לויפן אין שרעק. — אין איין מינוט איז נישט געבליבן קיין זכר פון קיין מענטשן. דורכ־גייער האָבן זיך באַהאַלטן אין די טויערן; קראָמען האָבן זיך געשלאָסן און דער גאַנצער פּלאַץ איז אין איין אויגנבליק פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מדבר אָן איין לעבעדיקן מענטשן...

אַזאַ כּח האָט אַ צדקה־בלימל...

נאָך אַ נייע פאָרם פון בעטלעריי איז פאַראַן: בעלער, מאַס־קאַראַדן, באַזאַרן, קאָנצערטן, געזאַנג, טענץ וכדומה...

ווייל מענטשן זענען בטבע ווייכהאַרציק און זייער פריינטלעך. פאַר אָן אָרעמען ברודער זענען זיי גרייט צו הערן דעם שענסטן קאָנצערט און צו כאַפּן אַ טענצל; מענטשן האָבן גערן צו ווילן זיך און אַמוזירן זיך לטובת אומגליקלעכע און געדריקטע, האָבן גערן באַדיי צו פלירטעווען און ראָמאַנסירן מיט פרעמדע ווייבער צו גונסטן פון יתומים און אַלמנות.

אַ גרויסע בעטל־אַקציע קאָן אַמאָל פאָרקומען אין דער פאָרם פון אַ מאַסקן־באַל: מיידלעך בעטלען שאָקאָלאַד; יונגעלייט בעטלען קושן; שיינהייטס־קאַנדידאַטקעס בעטלען שטימען, און די אָרדנער בעטלען געלט.

און כּדי צו קרוינען די בעטל־אַקציע, ווערט אין אַלע שטעט איינגעאָרדנט אַ שנאָרער־באַל. דאָס זאָל זיין דער רעקאָרד, דער באַל פון אַלע בעלער, דער שיר־השירים פון אַלע בעטלער־אונטער־נעמונגען.

אַ סך נייע, שיינע פאָרמען האָט לעצטנס אָנגענומען די בעט־לעריי. זייער שיינע און איינדרוקספולע פאָרמען, אָבער בלייבן בלייבן מיר ביי דער אַלטער, גרויסער אַלוועלטלעכער טאָרבע.

די חכמה פון זיין שולדיק געלט און נישט באצאלן

יעדער פון אונז איז א בעל־חוב... יעדער פון אונז איז עמיצן שולדיק געלט: דעם שניידער, דעם שוסטער, דעם קצב, דעם מלמד, דעם הויזווירט, דעם פעטער זשאמען, דער מומע פייגען, דעם פריינט ליפשיצן.

יעדער פון אונז טראגט זיך ארום מיט חובות, און די הר־בות פייניקן, מוטשען, דריקן נישט ערגער פון וועלכע אנדערע קרענק.

זיי ליגן ווי א באַרג און שטיקן, ווארגן. זיי האלטן אונז ווי אין קלאמערן, פארשאפן אונז קראמפן און יסורים.

און פונדעסטוועגן, ווען איינער, למשל, איז קראנק און ליידט אויף ציין־ווייטאג, נירן, בלינדע קישקע, מאנדלען, מאגן־קאטאר, הינער־אויגן, גייט ער צו א דאקטאר, שטודירט אין די מעדיצינישע האנט־ביכער, שרייבט אין רעדאקציע פאר די „מע־דיצינישע עצות", לויפט אין שפיטאל אריין, און זוכט פטור צו ווערן פון דער שווערער קרענק.

וואס זאל אבער טון איינער, וואס טראגט זיך ארום מיט חובות און קען נישט באצאלן? קיין האנט־ביכער, ווי אזוי פטור צו ווערן פון אזא ווייטאג, איז נישטא. קיין עצה־געבער, ווי פטור צו ווערן פון א בעל־חוב און נישט צו באצאלן קיין חובות, איז נישטא. דער פארשולדיקטער טראגט זיך ארום נעבעך מיט זיין ביטערן גורל אן אויסגאנג.

איך וויל, אלזא, קומען די דאזיקע אומגליקלעכע מענטשן צו

הילף. מיט מיין דאָזיקן טראַקטאַט, ווו איך וויל געבן עטלעכע אָנ־ווייזונגען נישט צו באַצאָלן און נישט צו האָבן קיין יסורים.

איך מוז אָבער מאַכן אַ קליינע באַוואָרעניש. ווען איך רעד פון די נישט־צאָלער, מיין איך נישט די פּראָפעסיאָנעלע נישט־צאָלער און רייכע באַנקראָטניקעס, וועלכע דאַרפן צו מיינע עצות נישט אָנקומען. יענע באַצאָלן נישט און האָבן קיין קרענקונג נישט, און דאַרפן קיין סגולה נישט. זיי האָבן זייערע אייגענע מיטלען: „איך פייף אויף אייך!" אָדער: „ישקנו" און פאַרטיק. נישט פון אַזעלכע רעד איך.

איך רעד נאָר פון די אָרנטלעכע אידיאָטן, געבך, וואָס ווילן צאָלן און קענען נישט. זיי קענען נישט מאַכן קיין מאַראַטאָריומס, קענען נישט רעגולירן. איך רעד פון די אידעלע, נעבעך, וואָס ווען זיי זענען שולדיק געלט קענען זיי זיך קיין אָרט נישט געפי־נען; שלאָפן נישט קיין נעכט, זענען אויס מענטש. אָט אַזעלכע וויל איך מיט מיין היינטיקער אָפּהאַנדלונג קומען צו הילף.

דער ערשטער כּלל: נאָר נישט פירן קיין שטרויס־פויגל־פּאָליטיק, ד. ה. נישט באַהאַלטן זיך. דווקא פראַנק און פריי קוקן דעם קרעדיטאָר אין די אויגן אריין. נישט אויסבאַהאַלטן זיך. וואָרום אויב דו וועסט זיך אויסבאַהאַלטן און מורא האָבן די אויגן צו ווייזן, וועסטו באַלד נישט קענען אַ גאַס דורכגיין...

דווקא אָפט צו באַגעגענען זיך מיט די קרעדיטאָרן, שמייכלען צו זיי, זאָגן זיי אַ פריינטלעכן „גוט מאָרגן" און דער עיקר אונ־טערהאַלטן זייער גוטע שטימונג, זיי זאָלן האָבן אַ פריילעך גע־מיט.

אָנצוהאַלטן די גוטע לוינע פון אַ קרעדיטאָר איז זייער וויכ־טיק.

דעריבער זאָגן מיר: האַלט אָן די גוטע שטימונג פון אייער מלוה. זאָגט אים אָפּט „גוט מאָרגן"; פרעגט זיך נאָך אויף זיין געזונט, אויף דעם געזונט פון זיין ווייב און קינדער, פון זיין פעטער זעליג און זיין שוואָגער ירחמיאל, און זאָגט אים, אַז איר האָט אים שטאַרק אין זינען, ממש ער גייט אייך פון די געדאַנקען נישט אַרויס און אי"ה וועט איר אים זיכער און תיכף ומיד אָפּ־

געבן דעם חוב. און דער עיקר, ער זאָל אייך נישט מאָנען און נישט דערקוטשען. וואָרום איר האָט נישט ליב, אַז מען מאָנט אייך און מען טרענט אייך די אָדערן און מען דערקוטשעט אייך, און וואָס ווייניקער ער וועט אייך מאָנען און דערקוטשען, וועט איר אים גיכער אָפּגעבן.

און טאָמער פּלאַצט שוין ביי אייער קרעדיטאָר דאָס געדולד און ער גיט פּאַרט אייך אַ דערמאָן וועגן חוב, טאָ זאָגט אים, אַז דערפאַר, וואָס ער מאָנט און דערקוטשעט אייך, קענט איר אים נישט אָוועקגעבן דעם חוב. איר האָט ליב אַליין אָפּצוגעבן אַ חוב, אויב מען מאָנט אייך נישט. אַזאַ מענטש זענט איר און אַזאַ פּרינציפּ האָט איר.

נאָר נישט אויפרעגן זיך און נישט אויפרעגן יענעם. נאָר מיט גוטן.

גיט אים צו פאַרשטיין מיט געדאַנק און לאָגיק, אַז אייך איז שווער איצט דעם חוב צו צאָלן, מחמת אויפן ווייטן מזרח איז נישט רואיק, מחמת אין קאַליפאָרניע איז ערד־ציטערניש, עס איז קריזיס. מאַראַטאָריומס, דער טיבעטישער דאַלאַי לאַמאַ גייט חתונה האָבן, און נאָך אַזעלכע תּרוצים. און איר פאַרשפּרעכט אים, אַז בלי נדר, אַזוי גלייך, ווי דער קריזיס וועט אַ דורך און די פעלקער וועלן זיך אַנטוואָפענען און די פּאָליטיקער וועלן נישט גנבענען, וועל איך אייך אָפּגעבן דעם חוב מיט דעם גרעסטן כבוד.

אַ וויץ איז אויך גוט אין אַזעלכע פאַלן. ערשטנס, איז עס אַ גוט מיטל אָנצוהאַלטן די גוטע שטימונג, און צווייטנס, קען מען מיט דעם אַמאָל אָפּפּטרן אַ חוב.

למשל, ווען דער קרעדיטאָר פרעגט אייך:

— ווען וועט איר מיר שוין אָוועקגעבן מיין חוב?

קענט איר ענטפערן:

— וואָס בין איך, אַ נביא?

דאָס איז זייער אַ וויציקער ענטפער און עס וועט איר הנאה טון מער איידער איר וועט אים אָפּגעבן דעם חוב.

א צוויטן וויץ קענט איר אויסברענגען, ווען דער קרעדי־טאָר בעט ביי אייך דעם חוב. איר פרעגט יענעם:

— אין וועלכער וואַליוטע ווילט איר, איך זאָל אייך אָפּ־געבן דעם חוב?

פרעגט דאָך יענער:

— למאי נפקא מינה?

ענטפערט איר מיט גרויס חכמה:

— אויב אין דאָלאַרן, וועט איר נישט באַקומען קיין סענט, און אויב אין זלאָטעס, וועט איר נישט באַקומען קיין גראָשן.

פון דעם דאָזיקן וויץ וועט ער זיך זיכער צולאַכן און פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט וועט ער אייך אינגאַנצן שענקען דעם חוב.

הכלל, ווי איר זעט, איז אונזער שיטה בלויז פריינטלעכקייט און ליבשאַפט. וואַרפט אַראָפּ אייער קרעדיטאָר מיט גרויס פריינט־לעכקייט פון די טרעפּ און וואַרפט אים נאָך זיין קאַפּעליוש. רייצט אויף אים אָן, מיט גרויס ליבע, אייער שוויגער; שלאָגט אים אויס, מיט גרויס צערטלעכקייט, אַ פּאָר ציין; שענקט אים אייערס אַ בוך לידער, אויב איר זענט אַ פּאָעט; שענקט אים אַ בי־לעט אין יידישן טעאַטער. — די אַלע מיטלען זענען אויך גוט אָפּצושלעפּן דאָס צאָלן.

נאָך אַ מיטל איז פאַראַן: גוטער ווילן; אַז איר האָט אַ גוטן ווילן נישט צו באַצאָלן, וועט איר נישט באַצאָלן, וואָרום ווי האָט געזאָגט אַמאָל אַריסטאָטעלעס:

„אַז מען וויל נישט, צאָלט מען נישט, און — באַסטאַ!“

דער מענטש

דער מענטש — עס איז אפילו נישט גאר אזא געהויבענע מעצאָצע, נאר פאר דער וויסנשאפט איז נישטאָ קיין געהויבענע און נישט געהויבענע געגנשטאנדן. פאר דער וויסנשאפט איז אלץ וויכטיק. אפילו דער מענטש.

אלזאָ מיינע פריינט און תּלמידים. ווער פון אייך האָט אמאָל געזען א מענטשן? קיינער נישט? א שאָד.

א מענטש איז אזא זאך, וואָס איז געגליכן צו א קארטאָפל: פאראן בעסערע און ערגערע.

אמאָל, אין די פארהיסטאָרישע צייטן, איז א מענטש געווען א מענטש. היינט איז א מענטש אוים מענטש. היינט איז א מענטש א פארטיי־מענטש, אן ארבעטסלאָזער, א שטייער־צאָלער, א פענ־טאַק, א האנט צו א פּאָאוקער, א וועלער ביי וואלן, א גלייכגע־שאַלטער, א פּליט, וכדומה אזעלכע זאכן, אבער נישט קיין מענטש.

נישטאָ היינט קיין מענטש. דערפאר האָבן מיר היינט א סך איבער־מענטשן. און נאך מער אונמענטשן.

פאראן וויסנשאפטס־לייט, וואָס האָבן געוואָלט באַליידיקן דעם מין מאלפע, און האָבן געזאָגט, אז דער מענטש שטאמט פון זיי. נאר זינט די מאלפעס האָבן דערלאנגט זייער גרויסן פּראָטעסט, איז די שיטה אונטערגעגאנגען.

דער מענטש איז אזא באַשעפעניש, וואָס לעבט, נאר א לעבן מאכן קאָן ער נישט. ער לעבט, הגם ער שטארבט פאר א גראָשן.

דער מענטש באשטייט פון פארשידענע אברים: קאָפּ, פּיס, הענט, פליך, הינער־אויגן, פאַשפאַרט, עלענבויגן, פאַלשע ציין, זומער־שפּרענקעלעך און א „גאַקאַז פּלאָטניטשי".

ער פארמאָגט אויגן צו קוקן אין דער גליקלעכער צוקונפט,

אויב דער פינאַנץ־מיניסטער באַפעלט. ער פאַרמאָגט אַ נאָז צו שמעקן אין פרעמדע געשעפטן און צו האַלטן דאָרט פליגן.

פיס צו „לויפן", ווען מען דאַרף „זיצן", צו שטיין אין די שטייער־אַמטן, און כּדי צו פילן דעם זיסן טעם, ווען אַ שוך קוועטשט און מען נעמט אים אַראָפּ.

דער מענטש האָט אויך הענט. הענט איז אַ גויטיקע זאַך — אָן הענט איז מען ווי אָן אַ האַנט. הענט זענען דאָ „ריינע", „אומריינע", „לאַנגע", „לייכטע", שווערע".

הענט — לינגוויסטיקער, וואָס רעדן אַלע שפּראַכן; הענט, אויף נישט צו געבן זיי דעם, וואָס איז נישט ווערט, אַז מען זאָל אים די האַנט געבן; הענט אויף צו נעמען „לאַפּוועקע", הענט, צו פּאַטשן „בראַוואָ". הענט צו קאָרטן, צו האַלטן אין קעשענע ביי אַ פרעמדן, הענט פאַר פּאָליציאַנטן צו רעגולירן די באַוועגונג, אַז מען זאָל צוברעכן פיס און הענט, הענט אויף אַרויסצושטעקן פון אויטאָ, צו הויבן די אָפּשטימונגען, צו געבן אַ פייג בעלי־חובות און אויף אונטערצושרייבן פאַלשע וועקסלען.

הענט זענען דאָ צוויי. כּדי איינע זאָל וואַשן די צווייטע. ווי דער שפּאַניער זאָגט: „רוקאַ רוקו מאָיעט".

הענט זענען אויך זייער נוצלעך, הגם פרויען טענהן אָפט: „אָן הענט". פאַראַן מענער, וואָס פאַרמאָגנדיק צוויי הענט בעטן זיי נאָך די האַנט" ביי אַ פרוי. קיין גוטס קומט דערפון נישט אַרויס. עס טרעפט, אַז די פרוי איז מרוצה און שענקט איר האַנט, און דאַן בלייבט מען גאָר אָפּהענטיק.

יעדע האַנט האָט איר איינגס פינף פינגער — וואָס פאַר אַ היינטיקן פּראָפעסאָר קומען זיי צונוץ צום חשבונען.

פינגער זענען פאַראַן פאַרשידענע: קורצע, לאַנגע און — קלעפיקע...

פינגער־מלאכה דערגרייכט מאַנכעס מאָל צו גאָר אַ הויכער מדרגה פון ווירטואָזיטעט, ווי למשל ביי פידל, פּיאַנאָ, און כּאַבאַר.

ווייטער זענען פינגער זייער אַ גוט מיטל צו קראַצן זיך אונטערן בערדל, ווען עס איז נישטאָ אויף שבת. פינגער זענען

אויך נויטיק, כּדי צו קאָנען קוקן אויף אַ סך זאַכן „צווישן די פינגער". פינגער דינען אויך אָפּטמאָל אַלס מיטל צו זויגן פון די פינגער. זויגן פון די פינגער ליטעראַטן זייערע טעמעס, רעפּאָר־טערן –– זייערע ידיעות, כראָניקער –– זייערע פּליאָטקעס.

צווישן אַלע אברים באַזיצט אַ מענטש אויך נערוון, ספּעציעל צו שפּילן אויף זיי, צו דערקלערן מיט זיי פאַרשידענע מחלות, וואָס דאָקטוירים פאַרשטייען נישט, און צו דינען אַלס אויסרייד פאַר משוגעת און ווייבערישע קאַפּריזן.

צו די נישט־וויכטיקע אברים געהערט דער קאָפּ. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז מען קאָן זיין אַ קאָפּ ־ מענטש אָן אַ קאָפּ. מען קאָן זיין אַפילו אַ יושב־ראש אָן אַ קאָפּ. די גרעסטע מענטשן פאַרלירן היינט די קעפּ. און סתם מענטשן גייען אויך אַרום אָן קעפּ.

די בלינדע קישקע געהערט צו די אָפּגעלעבטע אברים, וואָס זענען לחלוטין איבעריק. עס איז איבעריק, ווי דער מאָגן ביי די, וואָס דאַרפן אָנקומען צו די „אינטעליגענטן קיכן", ווי אַ ווייב, ווי אַן אינטערפּעלאַציע, ווי אַ געלט־ביטל, ווי די פעלקער־ליגע, ווי יידישע פּראָטעסטן, ווי אַ סך חברות, באַאַמטע, ווי מאַנכע פּאַרטיי־בלעטלעך און אַז. וו.

ווי אזוי צו כאפן א גמילת־חסד

איינער א פילאזאף האט אמאל געפרעגט: וואס איז די גרעסטע קונסט אין לעבן? און ער ענטפערט: באקומען א גמילות־חסד.

און אויב אמאל איז באקומען א גמילות־חסד געווען איינע פון די שווערסטע זאכן, איז עס היינט על אחת כמה וכמה איינס פון די הארבסטע און שווערסטע אויפגאבן.

ווארום, ווער דארף היינט נישט קיין גמילות־חסד? פון גרעסטן ביזן קלענסטן, פון א יחיד ביז א כלל; אינסטיטוציעס, פעלקער, לענדער, מלוכות — אלע דארפן גמילות־חסדים.

די דאזיקע קונסט, וועלכע איז פראקטיש איצט אזוי פאר־שפרייט, איז אבער טעארעטיש גאר ווייניק באארבעט.

מיר האבן גאנצע מחנות זשעניען, אומבאגרענעצטע טא־לענטן און קינסטלער, וואס קאנען די קונסט פון באקומען א גמילות־חסד. קיין איינער פון זיי האט אבער נישט געפינען פאר נויטיק צו טיילן זיך מיט זיין קונסט, כדי אויך אנדערע בשר־ודמס זאלן קאנען נהנה זיין פון דער דאזיקער לעבנס־קונסט.

וועגן גאט־זוכער, לענדער־זוכער, נייע וועגן־זוכער האט מען געשריבן און געשריבן, און וועגן גמילות־חסדים־זוכער האט מען נאך גארנישט געשריבן — וועל איך פרווון דעם דאזיקן בלויז אויסצופולן.

גמילות־חסד איז אזא משא־ומתן־קאמבינאציע, וואס ווערט אויסגעפירט צווישן צוויי פערזאן: א געבער און א נעמער.

נעמער זענען דאָ, קיין עין־הרע, זייער אַ סך, דערפאַר געבער זענען דאָ זייער ווייניק — כמעט נישט בנמצא.

אַ גמילות־חסד קאָן זיין פון אַלץ: פון אַ מיליאַרד פונט שטערלינג ביז אַ שמעק־טאַבאַק.

וואָסערע אייגנשאַפטן דאַרפן באַזיצן די דאָזיקע צוויי פאַר־שוינען, וואָס פירן דורך די דאָזיקע טראַנזאַקציע?

דער געבער דאַרף באַזיצן צוויי אייגנשאַפטן: האָבן וואָס צו געבן און אַ היפּשע מאָס טפּשות צו וועלן געבן.

דאָקעגן דער נעמער דאַרף האָבן גאָר אַ סך אייגנשאַפטן: קודם־כל אַ פּאָר שטאַרקע פיס אַלאַ דער נאָרוועגישער לויפער־טשעמפּיאָן נורמי, וואָס זאָלן קאָנען מאַכן 300 קילאָמעטער אין אַ שעה, אַ שאַרפע צונג און אַ שטאַרקן חתוך הדבור. ער דאַרף זיין אַ גרויסער מענטשן־קענער און טיפער פּסיכאָלאָג, און דער עיקר: ער דאַרף באַזיצן אַ ים מיט חוצפּה צו קאָנען בעטן (בפרט היינטיקע צייטן) און נאָך מער אָפּטימיזם צו גלויבן, אַז ער וועט עפּעס באַקומען... ער דאַרף האָבן אַקראָבאַטישע פעיקייטן צו פליען פון טיר, קריכן דורכן פענסטער און פאַלן פון טרעפּ און אויפשטיין און ווידער קריכן. ער דאַרף האָבן געדולד, מוט און איינגעשפּאַרטקייט. ער דאַרף זיין אַ האַרץ־ווייסער, אַ געדאַנקען־לייענער, אַ פיזיאָנאָמיסט. ער דאַרף האָבן גענוג אינטואיציע צו פאַרשטיין, ווען דער גמילות־חסד־געבער איז אין אַ גוטער שטי־מונג און ווען אין אַ שלעכטער און וויסן געניי ווען זיין קרבן איז ביי געלט.

די דאָזיקע גמילות־חסדים־באַרגער טיילן זיך ווידער אויף צוויי נייע קאַטעגאָריעס: אויף אַזעלכע, וואָס גיבן אָפּ (אַ שטאַר־קע מינדערהייט), און אַזעלכע, וואָס גיבן נישט אָפּ (אַ גרויסע מערהייט).

פון די, וואָס גיבן אָפּ, זענען דאָ ווידער צוויי קאַטעגאָריעס: אַזעלכע, וואָס גיבן אָפּ, פּשוט, ווייל זיי ווילן אָפּגעבן און אַזעלכע, וואָס גיבן אָפּ מיט דער כוונה צו נעמען ווייטער.

דערצו איז וויכטיק אָפּצוגעבן דעם גמילות־חסד מיט גרויס פּינקטלעכקייט, כדי צו דערוועקן אין דעם געבער וואָס מער

צוטרוי. דער מחבר קאָן אפילו אַזאַ קינסטלער, וואָס באַרגט ביי־נאַכט אַ גמילות־חסד, הגם ער דאַרף אים לחלוטין נישט האָבן. דעם גמילות־חסד האַלט ער איבער־נאַכט אונטערן קישן נאָר אָן געבראָך און אויף מאָרגן באַגינען לויפט ער פייל אויסן בויגן אַ פאַרסאַפּעטער מיטן גמילות־חסד צוריק צום באַרגער און גיט עם אים אָפּ בתשועות חן און מיט גרויס קוראַזש... אַזעלכע אָפּעראַ־ציעס ווערן געמאַכט עטלעכע ביז דער גמילות־חסד וואַקסט אויס צו אַ חשובער מדרגה, דעמאָלט מאַכט מען דעם געהעריקן קלאַפּ און מען פייפט אָן.

מען דאַרף עס אָבער מאַכן אַזוי קיילעכדיק און שפּיציק, אַז דער געבער זאָל, חלילה, זיך צום סאַמע סוף נישט אָנשטויסן און זאָגן: „עד כאן".

די טעכניק און די מעטאָדן פון אַ גמילת־חסד בעטן צעפּאַלן זיך אויף עטלעכע אופנים:

יעדער איינער האָט זיך זיין מעטאָדע און זיין איינזען און פּראַקטיק, ווי אַזוי דורכצופירן די טראַנזאַקציע.

איינער, למשל, הויבט אָן געלאַסן, מיט הקדמות, דאָס הייסט: „באַאַרבעטן" דעם קליענט. אַזעלכע מענטשן הויבן אָן צו רעדן מן הצד, וועגן זייטיקע זאַכן, נאָכדעם הויבן זיי אָן אַרויסצוווייזן גרויס פריינטלעכקייט. למשל, זיי הויבן אָן צו פרעגן וועגן אייער געזונט און וועגן דעם געזונט פון אייער ווייב און קינדער. אויב אָבער איר זענט נישט קיין באַווייבטער, וועלן זיי זיך נאָכפרעגן, וואָס עס מאַכט אייער פעטער מנשה, אויב אָבער איר האָט נישט קיין פעטער מנשה, וועלן זיי ביי אייך נאָכפרעגן זיך: וואָס וואָלט געמאַכט אייער פעטער מנשה, ווען עס זאָל געווען זיין ביי אייך אַ פעטער מנשה? נאָך דעם געפינט ער אויס, אויף וועלכער קרענק איר ליידט און ער הויבט אָן געבן עצות און סגולות און רעצעפּטן צו צוּציין־ווייטאָג, מערידן, הוסטן, רעוומאַטיזם און אַנדערע מיחושן, אַזוי לאַנג, ביז אין דעם צוהערער קומט אַריין אַ רוח־שטות און ער נעמט זיך פאַרן בייטל און ציילט אייך אויס דעם גמילות־חסד.

אַ צווייט מיטל איז, להיפוך, דווקא אימפּעט, שנעלקייט, גע־

כאַפּטקייט, נישט לאָזן יענעם קומען צו זיך; און ביז וואַנען וואָס, ווען — זאָל יענער זיך נעמען צו דער קעשענע...

די דאָזיקע לייט זאָגן נישט נעמען אַ גמילת־חסד, נאָר „כאַפּן אַ גמילת־חסד״.

זיי באַפאַלן דעם קרבן ראַפּטום, מיט אַ שטורם־אַטאַקע:

— גוואַלד, אַ גמילת־חסד! שנעל, גיך! אַט־אַט־אַט־אַ! עס עקט זיך די וועלט! מאָרגן באַקומט איר צוריק! ווי איר זעט מיך אַ יידן!

דער באַפאַלענער ווערט פאַרטשמעלעט, צוטומלט און אין טומל כאַפּט ער זיך צום בייטל.

אויף מאָרגן כאַפּט זיך יענער: אוי וויי, וואָס האָט ער גע־טון? נאָר שוין פאַרפאַלן...

אַנדערע גמילת־חסד זוכער טוען אַזוי:

זיי נעמען אין האַנט אַריין אַ ביסל קליינגעלט, פונקט ווי אַ פרומער ייד צולייגט שטיקלעך ברויט אויף די פענסטער צו בדיקת־חמץ; זיי באַפאַלן זייער קרבן, קלינגען אים אין פנים מיטן קליינ־געלט, און זאָגן בחפזון, ווי זיי וואָלטן שטיין אויף הייסע קוילן:

— עס פעלט מיר אויס אַזאַ און אַזאַ סומע.

יענער דערזעט, אַז איר פאַרמאָגט שוין אַביסל געלט, ווערט איר סתם ביי אים מער קרעדיט־פעאיק.

עס פרעגט זיך נאָר: ווו נעמט מען דאָס ערשטע ביסל קליינ־געלט? סיידן צו כאַפּן ערגעץ אַ גמילות־חסד, כדי מיטן דאָזיקן געכאַפּטן גמילות־חסד צו קאָנען כאַפּן דעם נויטיקן גמילות־חסד.

פרעגט זיך טאַקע: ווו נעמט מען דעם ערשטן גמילות־חסד?

נאָך אַ מיטל איז פאַראַן, און דווקא אַ לייכטס: מען ווערט אַ בעל־טובה און מען גרינדעט אַ גמילות־חסדים־קאַסע. און דאַן קאָנט איר פון דער דאָזיקער קאַסע נעמען גמילות־חסדים, וויפיל איר ווילט: פאַר אייך, פאַר אייער ווייב, פאַר אייערע קינדער, פאַר אייערע פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער, גוטע פריינט און דאַן, ווען איר זענט שוין אַלע פאַרזאָרגט מיט גמילות־חסדים, פאַרמאַכט איר די קאַסע און באַסטאַ, אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע.

הקיצור הדבר, א גמילות חסד צו כאַסן איז איינס פון די גרעסטע קענטעניש און טאַלענטן פון דער היינטיקער צייט.

איך קען אויף דעם געביט קינסטלער, גאונים, טשעמפּיאָנען, נאָר מען הערט פון זיי נישט.

מען האָט באמת געמעגט איינפירן אויך אויף דעם געביט פון גמילות־חסד־כאַסן פאַרשידענע מעטשן מיט קאָנקורסן, מיט פּרעמיעס, מיט קעניג־טיטולן און רעקאָרדן.

אין א צייט, וואָס מען פירט־איין קאָנקורסן אויף עסן פּאָנטשקעס און שלינגען הארטע אייער, פאַרוואָס זאָל טאַקע דער גרעסטער גמילות־חסדים־כאַפער, וואָס שלאָגט דעם רעקאָרד, נישט כאַפן קיין פּרעמיע ?!

די זאך איז אַקטועל, וויכטיק און זייער נוצלעך פאַר דער מענטשהייט.

פריינדלעכע פּאָראָדיעס
צייט=פערזן און שאַלאָמוין

איך און פּרץ

ערינערונגען נאָך אלטער קאַציזנע

פּרצן איז איין זאַך געלונגען אין לעבן: זיין אינטימע פריינט־שאַפט מיט מיר. פּרץ האָט באַדאַרפט האָבן אַ וועג־ווייזער, ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ הימלישע ווענז, וואָס זאָל אים געבן באַגייסטערונג, עספּרי, און טינט אין טינטער אריין, און דאָס בין איך פאַר אים גע־ווען. האָט ער באַדאַרפט שאַפן זיין שאַפונג — האָט ער צו ערשט אַ קוק געטון אויף מיר — איז תיכּף געקומען דער רוח־הקודש. האָט ער באַדאַרפט פליען אין די הויכע היכלות, שוועבן אין די ווייטע האָריזאָנטן אָדער גיין אין אַסטראָנאָמישן קאָפּע־הויז, בין איך מיט אים געגאַנגען.

איך האָב אים אַנגערעגט, איך האָב אים באַפרוכפּערט.

נישט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט: אלתר, דו ביזט מיין מוזע.

פון צייט צו צייט פלעג איך אים לייענען מיינע מאַנוסקריפּטן. ער פלעגט אויסהערן, גאַפן, שטוינען, יאַכמערן, שמוצערן, באַוווּנ־דערן און וואָס נישט?

איינמאָל, ווען איך האָב אים איבערגעלייענט אַ פראַגמענט פון מיינער אַ פּאָעמע, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע דורך זיינע שעלמישע „וואָנסעלעך" און געזאָגט:

— ניין, אַזאַ פעדער פאַרמאָג איך נישט.

איך האָב טאָקע שוין דעמאָלט געהאַט אַ וואָטערמאַן־פען.

נאָכדעם איז ביי אים געוואָרן אַ טבע, אַז ער פלעגט איבער־לייענען מיינס אַ כּתב־יד, פלעגט ער עס מיר נישט צוריקגעבן — נאָר פאַרהאַלטן ביי זיך. מסתמא, איך זאָל אים נישט אָפּדרוקן.

וואָרום אַ גרויסער מענטש - פריינד איז ער געווען, פּרץ, און אַ גרויסער בעל־רחמים אויפן יידישן לעזער.

איינמאָל בין איך מיט אים געגאַנגען אין אַ קאַפע. פּרץ, וועלכער פלעגט זיך מיט מיר מיישב זיין וועגן אַלע גייסטיקע ענינים, האָט געפרעגט:

— וואָס טרינקען מיר?

— קאַווע — האָב איך געזאָגט.

— און וועלכע טשאַסטעס עסן מיר?

— מיט קעז — האָב איך געענטפערט.

פּרץ האָט באַוואונדערט די אויסשטראַלונג פון מיין אַפּעטיט, עס האָט זיך צווישן אונז געבילדעט אַ מין זעלישע איינהייט. מיר האָבן צוזאַמען געגעסן גולאַש, צוזאַמען געגאַנגען אין קינאָ און צוזאַמען באַקומען אַ נאַז־קאַטאַר.

— אויב האָבן אַ קאַטאַר — האָט פּרץ געזאָגט — איז נאָר מיט דיר צוזאַמען.

ענדלעך איז געקומען דאָס פאַטאַלע געשעעניש. איך האָב פּרצן איבערגעלייענט מיין „גייסט דער מלך" און — ער איז געשטאָרבן.

טעריטאריע

לויט א בריוו פון ד״ר קרוק

ווערטער רעדאקטאר פון ,,קרומען שפיגל״ !

ווי איר ווייסט, און ווי עס איז באוווסט אין דעם גאנצן קאָס־מאָס, ווייל איך יעצט אין לאָנדאָן. איך בין געקומען אהער אין די אינטערעסן פון דער יידישער טעריטאָריאַליסטישער באוועגונג. שוין עטלעכע חדשים, אז איך גיי דאָ אַרום פון שטוב צו שטוב מיט מיין עלעקטרישער לאַמטערנע און זוך א טעריטאָריע. איך בין שוין געווען אין וועסט־ענד, אין סיטי און אין ווייטשעפל, נאָר קיין לייזדיקע און פוסטע פלעצער, וואָס זאָלן טויגן אויף א טערי־טאָריע פאר יידן, האָב איך נישט געפונען, הגם אויף מיינע פאר־לעזונגען האָב איך יאָ אנטדעקט א סך ליידיקע און נישט באזעצטע פלעצער...

לאָנדאָן איז אָבער גרויס און עס איז מעגלעך, אז ערגיץ אין די פעריפעריען וואלגערט זיך נאָך א טעריטאָריע, און ווען איך זאָל ארומפאָרן, וואָלט איך אפשר געפינען. נאָר די צרה איז, וואָס איך האָב נישט אויף קיין טראַמוויי.

נעכטן האָב איך זיך געטראָפן מיט מאקדאָנאלדן. איך האָב אים געגעבן א קלאפ איבערן פלייצע און געזאָגט : ,,מיסטער״ מאקדאָנאלד, נישט שיין, וואָס דו חברסט זיך לעצטנס מיט מוסאָ־ליניו, פע ! ווי איר זעט האָב איך אים געזאָגט ,,מיסטער״ און נישט ,,חבר״. איך גלויב, אז ער האָט פארשטאנען דעם שטאָך.

אין די יובילײ־פייערלעכקייטן פון דער קעניגלעכער פאָר האָב איך קיין אנטייל נישט גענומען. ערשטנס, ווייל איך בין נישט שאָווע בשאָווע מיט דער דינאסטיע, והשנית, האָבן די פייערלעכ־

קיטן געטראָגן אַ בורזשואַזנעם כאַראַקטער. און איך בין נישט ליטווינאָוו, איך זאָל אַזוי נידעריק פאַלן.

דערעך אַגעוו: זיך געטראָפן מיט דעם וואַזשני פון הייד־פּאַרק. זייער אַ דעמאָקראַטישער מענטש. איך האָב אים פּאַרטרויט מיינע טעריטאָריאַליסטישע פּלענער, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען קאָן אָפּקויפן דעם הייד־פּאַרק בעכאָצע כינאָם פאַר אַ שיבעש: צוויי הונדערט מיליאָן פונט. ער קאָן אַריינגעמען דעם גאַנצן פּליישער־פּאַריין מיט נאָך אַ שטיקל טרייבער־פּאַך. מיט איבער־וואַנדערונג און קאָלאָניזירונג און מאַטאַריזירונג דאַרף דאָס אָנ־טרעפן אַ קיילעכדיקן מיליאַרד.

לייסאַטע, טייערער רעדאַקטאָר, בעט איך אייך, שיקט מיר צו האָנאָראַר פאַר מיין איצטיקן בריוו, לכל הפּחות אַ 50 זלאָטעס איך זאָל קאָנען באַצאָלן אין אַכסאַניע און אין רעסטאָראַן.

מיט טעריטאָריאַליסטישן גרוס א.אַ.וו. א.אַ.וו.

אינטערוויו

פון דר. עזריאל קארלעבאך מיטן קאנצלער שושניג

באנוצנדיק זיך מיט דער אנוועזנהייט פון עסטרייכישן קאנצלער שושניג אין לאנדאן, האב איך מיט אים פארפירט אן אינטערוויו און גלייך גענומען אים אויפן צימבל.

— זאגט מיר, זאג איך, פאניע קאנצלער, פארוואס האט איר עפעס דערהרגעט סאציאליסטן? הא?

דער קאנצלער איז אזש בלאס געווארן און האט גענומען שטאמלען מיט דער צונג.

— ח... חלילה וחס. וואס פאלט אייך איין, פאניע קארלעבאך. איך האב דערהרגעט סאציאליסטן?

— ווער דען, איך? — מאך איך צו אים מיט חוזקדיקער איראניע:

— זאלן מיר אפדארן די הענט, אויב איך האב געהרגעט סאציאליסטן.

— און וואס שרייבן די ציטונגען?

— מאלע, וואס צייטונגען שרייבן! ס'איז כזב ושקר. כ'לעבן, פאניע קארלעבאך, איר גלויבט וואס צייטונגען שרייבן?

דא בין איך אריינגעפאלן אין גריטצארן און האב א זאג געטון מיט רוגזה:

— און וואס איר האלט טויזנטער סאציאליסטן אין תפיסה, איז אויך א ליגן, הער קאנצלער?

ער האט אפגעקערט דעם קאפ, נישט קאנענדיק קוקן מיר גלייך אין די אויגן.

— אסור זאל מיר זיין, הער קארלעבאך. זאל איך נישט אוועקגיין פון דעם ארט.

— און וואָס איז עפּעס וועגן יידן? האַ?

— נישטאָ קיין יידן־פראַגע אין עסטרייך. אויף מיין וואָרט.

דאָ האָב איך אויף אים דערלאַנגט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, אַז ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף מיין געדאַנק און פאַר־קערט דעם דישעל.

— ע — ע... וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער פּאַגאָדע, הער קאַרלעבאַך... אמת, אַ שיין וועטער...

— הער קאַנצלער, האָב איך אים שטרענג איבערגע־שלאָגן — פאַררעדט מיר נישט די ציין. איר זאָגט מיר בעסער ווי האַלט עס ביי אייך אין עסטרייך מיט דער יידן־פראַגע?

ער האָט געמאַכט אַ נעבעכדיקע מינע און געשמייכלט צו מיר מיט אַ תמעוואַטע חנדעלע.

— אָבער צו וואָס זאָלט איר זיך בייזערן, הער קאַרלעבאַך. איך בין דווקא אַ גרויסער יידן־פריינט און האַלט פון יידן און עולם ומלואו. אדרבה, איר קאָנט פרעגן דעם עסטרייכישן אויסערן־מיניסטער באַראָן פאָן בערגערוואַלדענעג. איר קאָנט הייסן אים אריינרופן.

— מיט אים וועל איך שפּעטער שמועסן — האָב איך האַרט געזאָגט — וועגן אייער באַציאונג צו יידן האָב איך אַנדערע ידיעות.

דאָ האָט זיך געוואָלט אַריינמישן דער עסטרייכישער אַמבאַ־סאַדאָר אין לאָנדאָן פאָן פראַנקענשטיין. נאָר איך האָב אים אָפּ־געהאַקט.

— איך בעט נישט צו שטערן. איך וויל, אַז דער ה׳ שושניג אליין זאָל מיר ענטפערן אויף מיינע פראַגן. איך פאָדער דורכ־אויס, אַז ער זאָל מיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסזאָגן זיין קלאָרע שטעלונג צו דער יידן־פראַגע.

דערביי האָב איך געגעבן אַ זעץ מיטן פויסט אין טיש.

דער עסטרייכישער קאַנצלער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך וועלן באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

עס איז מיר איבערגעגאַנגען די גאַל. איך האָב געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר און בין אַרויסגעגאַנגען.

מגלת אסתר

און ווי זי וואלט געשריבן געווארן פון פארשידענע שרייבער

אהרן צייטלין

המנס תליה

(אַ יענץ־זײַטיקע מיסטעריע אין פראַגמענטן).

נאַכט. פינסטערניש. שרעק און סתם שלעכט וועטער.

אין דער פינסטער סטאַרטשעט אַ תליה, 50 איילן הויך. סי־לועטן פון וואַקלדיקע פיגורן.

כאָר פון די געהאָנגענע:

מים־אחרונים־וואַסער
אין אַ גלאָז,
און אין דעם גלאָז
שווימט אַ טומטום...

(עס קומט אַריין דער לץ ארני פאַנדתא).

דער לץ (הומאָריסטיש): אַט הענגט ער, דער ויזתא. ער הענגט און שאָקלט זיך, מזרח, מערב, מנחה, לאָקשן. פון הודו ביז כוש שאָקלט ער זיך... כאַ, כאַ, כאַ! האָ, האָ, האָ!

ושתי (דערשיינט מיט אַ האָרן אויפן שטערן, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, מיט אַ שווערד אויף די לענדן און אַ האַנט־גראַנאַט אין מויל. זי יאָמערט): מ'האָט מיך געשאָכטן, מען האָט מיך גע־שאָכטן... איצט האָב איך אַ האָרן.

לץ: האָרן, שפּאָרן, רחל קאָרן. פירן פאָרן — כאַ, כאַ, כאַ! האָ, האָ, האַ.

(עס קומען צו שווען טאַרטאַקיאַל און קאַבצניאַל אויף קעלבערנע פיס, טראָגן שלח־מנות־טעלער אין די הענט, פּאַכען ווי די פלעדערמייז, זינגען):

מיר טראָגן שלח מנות
א המן־טאַש מיט עפּעס.
עס ליגט א סוד אין המן־טאַש:
צי ליגט דאָ מאָן,
צי אפשר גאָר
א בן־פּקועה?

(א באַלעט פון סריסים. טאַנצן און זינגען):

אונז פעלט דער אין־קץ.
מיר פאַנגען אין נעץ.
אָט קריגסטו א זעץ.

עס קומט דער לץ:

הא, הא, הא! כא, כא, כא!

עס באַווייזט זיך דער גאַנצער אַנסאַמבל: אחשורוש, א למד־וואָווניק, אַן אַנדרוגינוס, זלאַטע די רביצין, נאַפּאָלעאָן, נבוכדנאצר, ויזתא, לודענדאָרף, האַרי לאָיד, א קהלשער באָק. זיי דרייען מיט די גרעגערס און זינגען:

מים אחרונים־וואַסער
אין א גלאָז,
און אין דעם גלאָז
שווימט א טומטום...

לץ: הא, הא, הא! כא, כא, כא!
(פאָרהאַנג).

י. פערלע

דער „ויעטשארעק״ ביי עסטושאן

9736־טער קאפיטל.

די פיינע עסטושא (אסתר מארדכוונא) האט איינגעארדנט א וויעטשארעק פאר אירע קאלעגן און קאלעזשאנקעס, ווי סטע־פא, אריספא, אנקא, ממוכן, פרשנדתא, אספתא, ויזתא און אנ־דערע אחשתרנים. דער עיקר האט זי באשלאסן איינלאדן איר פארפירער, דעם לאוועלאס המנקע המדתאניק. היינט וועט זי זיך אן אים נוקם זיין. היינט וועט ער ביי איר באקומען המנס מפלה.

אזא פאדליעץ! ער האט איר געזאגט, אז ער איז א קאוואַ־ליער. צום סוף האט ער גאר א ווייב מיט 10 קינדער.

א, ניין! זי וועט בעסער הייראטן דעם שטילן און סאלידן אלמן אחשורוש, וואס האט נעבעך, מיט א פאר וואכן צוריק דערמארדעט זיין סימפאטישע פרוי ושתי. אים וועט זי הייראטן כדת משה וישראל. ער איז אפילו אן עלטערער מאן, אבער א קלוגער איז ער, א חכם, און אן אינטעליגענט. אך, ווי זי ליבט אינטעליגענץ! ער איז גוט סיטואירט, האט א פאסטן אלס קעניג איבער הונדערט זיבן און צוואנציק „פאוויאטן״. ער האט איר פארשפראכן, אז ער וועט איינארדנען א ליטעראטן־באל און וועט זי מאכן פאר א קעניגין און א מיס פרס ומדי.

עס האט זיך דערהערט א קלונג. פאננא עסטושא האט זיך גלייך אריינגעווארפן אין בעט, אנגענומען א ליידנשאפטלעכע פאזע מיט א ביכל „פיטיגרילי״ אין האנט און אויסגערופן:

— אנטרע!

עס איז אריינגעקומען דער קאביעטשאזש המנקע אין זיין וואיסקאוון מונדיר מיט שפארן און עפאלעטן. ער האט זיך האס־טיק און „נאמיענטניטשנע״ אריינגעווארפן אין בעט, גענומען רייסן פון איר די מארקיזעטענע בלוזקע און געברילט ווי א צערייצטער לעמפערט:

— איך וועל דיך „זגוואלטשען״ — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דער רושענטלמען אחשורש האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. געפילן פון איבערצוכט האָבן געפייניקט זיין אידעלע נשמה.

דערווייל איז געקומען דער בריוו־טרעגער און געבראַכט א „זאַפּראָשעניע״ צו קומען צו עסטושען צום „וויעטשאָרעק״.

ער האָט אָנגעטון דעם סמאָקינג מיט דער קרוין אויפן קאָפּ און זיך געלאָזט גיין.

אריינקומענדיק צו עסטושען, איז ער געבליבן שטיין פאַר־פעצעמלעט פון דער עראָטישער סצענע. ער האָט געכאַפּט א בענקל, אראָפּגעלאָזן זיין ריוואָל א פאָר פיערדיקע פּעטש און אויפגע־האָנגען אים אויף דער לאָמפּ...

די לבנה האָט געשיינט.

פעטרושקא

ענטדעקט א פריילעך הייזל אין בוש.

אָנגעזעענער בעל־הבית און פּרנס־חודש ווערט געכאַפּט אין דער מעשה מיט דעם שיינעם יצר־הרעדיקן ווייבל פון פאַלעניצע, ושתי. — דער פּולקאָווניק פרשנדתא זיך איינגעליבט אין דער שיינער אסתרקע, איז זיך מגייר, ווערט אַ מזרחי און פאָרט קיין ארץ־ישראל טראָגן שלח־מנות.—גענעראַל זרש פאָרט אויף אַ פערד און גיסט־אָפּ מיט אַ שעפל דעם אַנטיסעמיטניק המן.

אַ מכה אים.

גאַנץ פרס ומדי פון הודו ביז כוש קאָכט מיט דער געשיכטע פון דעם פריילעכן צוזאַמענקונפטס־הייזל און נעסט פון אויסגע־לאַסנקייט, וואָס מען האָט אַנטדעקט אין שושן־הבירה. צווישן די נעסט האָט מען אויך געכאַפּט דעם אָנגעזעענעם בעל־הביתל און הויז־באַזיצער פּרנס אחשורש, ווי ער האָט געלאָשן זיינע תאוה־

פלאַמען אין די אָרעמס פון פּאַלעניצער יצר־הרעדיקן ווייבעלע ושתי. דער פּרנס אחשורש איז אַנטלאָפן בלויז אין טלית קטן, איבערלאָזנדיק אַ מאָוסן צייכן ביי דער פאַרשייטער ושתי אויפן שטערן אין געשטאַלט פון אַ האָרן. ווי אונזער מיטאַרבעטער האָט פעסטגעשטעלט, געהערט דער דאָזיקער צייכן צום פּרנס אחשורש. דער הולטאַי פאַרענטפערט זיך, אַז שולדיק אין דעם אַלעם איז ויזתא. דער אויפגערעגטער עולם, הויפטזעכלעך ווייבער, האָבן געוואָלט דעם ויזתא צערייסן, ווי אַ הערינג. ויזתא איז אָבער אַנטלאָפן צו אונז אין רעדאַקציע און זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די שפּאַלטן פון אונזער צייטונג. אויס דאַנקבאַרקייט האָט זיך דער ויזתא אַבאָנירט אויף אונזער צייטונג און איז געוואָרן אונזער שטענדיקער לעזער.

קהלת

א דרשה אזא פון א ליטווישן מגיד, וואס בעט זי־ ממש מען זאל זי זאגן מיט א ניגון

מורי ורבותי!

עס איז ידוע פאר דער גאנצער וועלט, אז גארנישט איז אלע־מאל גארנישט, און ביי אלע אומשטענדן און באדינגונגען איז גארנישט — גארנישט. גארנישט אליין איז אוודאי גארנישט.

און דאס איז אויך באוווסט, אז הבל איז דער טייטש גאר־נישט, און הבלים איז דער טייטש א סך גארנישט, און אלץ־מיט־אנאנדער איז הבל־הבלים — גארנישט מיט גארנישט.

די, וואס קאנען די תורת המאטעמאטיק און חכמת החשבון והתשבורת, ווייסן, אז גארנישט מיט גארנישט איז גארנישט... גארנישט אראפגענומען פון גארנישט איז אויך גארנישט. און גארנישט געכפלט אויף גארנישט איז סתם גארנישט. און גארנישט געטיילט אויף גארנישט איז אוודאי גארנישט.

די יעניקע בעלי־לשון, וואס קאנען שפראכן, ווייסן, אז „נאטהינג" איז דער טייטש גארנישט און „ניץ" איז דער טייטש גארנישט און „לא־כלום" איז דער טייטש גארנישט און „ניטשעווא" איז דער טייטש דורכאויס גארנישט און „קולארי", טשיסופיי־טשי" און „פיטופופאם" — דאס זענען אלץ ווערטער, וואס זייער טייטש איז גארנישט. אנדערע פעלקער האבן אויך ווערטער אויף גאר־נישט, נאר זיי דריקן דאס אנדערש אויס, אבער מיינען מיינען אלע גארנישט מיט גארנישט.

און ווייל, חבותי, אלץ איז גארנישט, דארפן מיר גארנישט איבערטראכטן, זאל גיין ווי עס גייט, און וויטער גארנישט.

מיר ווייסן גאנץ גוט, אז פון די וועלט־ישועות וועלן מיר האבן גארנישט. און אז די שלום־קאנפערענצן און שלום־טראק־

טאַטן וועלן זיך אויסלאָזן מיט גאָרנישט. און אַז פון אַלע אונזערע פּראָטעסטן און אַפּעלאַציעס, און אינטערווענצן לאָזט זיך אויס גאָרנישט. און אַז אַלערליי אַנטוואָפּענונגען און סאַנקציעס און מינדערהייטס־רעכט זענען גאָרנישט, ווייל אַלץ רבותי איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

אונזערע חברות זענען גאָרנישט, די קאָמיטעטן גאָרנישט, הילפס־אַקציעס — גאָרנישט, רעטונגס־פּלענער — גאָרנישט; האָב איך געהאַט אַ ביסל געלט אין באַנק, איז עס געוואָרן גאָרנישט.

אונזערע טוער רעדן אַ סך און טוען גאָרנישט, אונזערע בעלי־טובות בלאָזן אַ סך און גיבן גאָרנישט, די טומלער טומלען אַ סך און מאַכן גאָרנישט, גנבים גנבענען אַ סך און מען כאַפּט זיי גאָר־נישט. ווייל דאָס גאַנצע ביסל לעבן, רבותי, איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

און דאָך, רבותי, באַדאַרף מען ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן. הלמאי איינער טראָגט ברילן אָן גלעזלעך און זעט גאָרנישט? הלמאי איינער איז אַ פּראָפעסאָר און קען גאָרנישט? הלמאי איינער איז אַ מיליאָנער און האָט גאָרנישט? הלמאי איינער איז אַ מינים־טער און פאַרשטייט גאָרנישט? הלמאי איינער איז אַ קריטיקער און לייענט גאָרנישט? הלמאי איינער איז אַ רעדנער און האַלט אַ דריי־שעהדיקע רעדע און זאָגט גאָרנישט? קימערט עס מיך דען? גאָר־נישט מיט גאָרנישט. ווייל ס'גאַנצע שטיקל מענטש איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

און נאָך האָב איך געזען, רבותי, אַז דאָס פּרויען־קליידל איז שוין כמעט ווי גאָרנישט, און גייט זי אויף אַ מאַסקן־באַל האָט זי פון פאָרנט גאָרנישט און פון הינטן גאָרנישט. און אַ מיידל זוכט בלויז אַ חתן און ווייטער גאָרנישט, און אַז אַ חתן זוכט נאָר געלט און ווייטער גאָרנישט. און טאָמער געפינט מען שוין אַ חתן, איז אָדער דאָס איז אַ גרויסער גאָרנישט, אָדער אַ קליינער גאָר־נישט.

דאָס אַלץ, רבותי, האָב איך אייך געהאַט צו זאָגן וועגן גאָר־נישט. און טאָמער האָב איך אייך אַ ביסל גענודיעט מיט גאָרנישט, בעט איך אייך: האָט צו מיר אויך גאָרנישט.

דאס נייע כלה־באזעצעניש

(א קורצע הקדמה)

בדחנים און מארשאלקעס זענען היינט אין א פארלעגנהייט. ביז יעצט האבן זיי געהאט א טראדיציאנעלן נוסח פון א כלה־באזעצעניש, ווי עס האט זיך געפאסט פאר א טראדיציאנעלע יידישע חתונה, פאר חתן־כלה, טאטע־מאמע, מחותנים, געסט וכדומה.

היינט אבער איז די יידישע פאמיליע שוין נישט אזוי איינהייטלעך ווי אמאל. היינט האט איר אין איין פאמיליע א מישמאש פון פארשידענע ריכטונגען און פארבן. דער חתן איז א ציוניסט, די כלה — א קאמוניסטקע און אומגעקערט. דער מחותן — אן אגודהניק, — א פעטער — א מזרחיסט, אן איידעם — א פאלקיסט, א זון — א טעריטאריאליסט, אן אייניקל — א רעוויזיאניסט, א. אז. וו. א. אז. וו. גיי זינג א כלה־באזעצעניש, וואס מען זאל דערמיט יוצא זיין פאר אלעמען.

בין איך געקומען צוהילף די דאזיקע בדחנים און פארפאסט פאר זיי א היינטמאדיש „כלה־באזעצעניש", פאר א היינטמאדישע יידישע חתונה.

אט דאס איז די באזעצעניש:

כלהניו, כלהניו, חברטע, מאמזעל, ווייַן זשע וויין,
טוסט יעצט, טאכטערשי, צו דער חופה גיין.
פארגעס זשע נישט כלה, אז פון היינט אן און שוין,
שליסטו מיט דיין באשערטן א קאלעקטיוון פאריין.

ביזט געווען א בתולה און איצטער ער כאן,
האסט געקריגן דיין אייגנטום — אן אייגענעם מאן,

א קאָאָפּעראַטיוו מיט א הונדערט־און־צוואַנציק־יעריקן־פּלאַן.
טאַ ווער זשע דיקטאַטאָר און נעם אים אין שפּאַן.

אוי כּלהניו, כּלהניו, וואָס זאָל איך דיר ווינטשן א צינדער
עס זאָל אייך געפעלן א יעדן באַזונדער
סיי אַלטע סיי יונגע סיי טאַטעס און קינדער,
פון אַלע פּאַרטייען, פון אַלע געזינדער.

טאַ, הער־זשע, כּלהניו, וואָס איך וועל דיר זאָגן דאָס מאָל
דיין מאַן זאָל לערנען תורה הויך אויפן קול,
דיינע קינדער זאָלן געהערן צום „קאָמסאָמאָל"
און דו זאָלסט קויפן א שקל פאַר ארץ - ישראל.

אייערע קינדער זאָלן זיין אין אייך ביידען געראָטן,
פון תורה און מארקסן זאָלן זיי זיין געקנאָטן,
אין רעוואָלוציע און חסידות זאָלן זיי זיין געבראָטן
און לעבן ווי סטאַלין און גאָט האָט געבאָטן.

אייער משפּחה זאָל באַשטיין פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלן,
פון פירער תקיפים, וואָס זינגען ביי וואַלן ;
פון מאַשקעס, וואָס זינגען מה־יפית און פאַלן
און פון אָפּאָזיציאָנערן, וואָס מאַכן סקאַנדאַלן.

און אַלערליי קעפּ זאָלן ביי אייך זיין פאַרטרעטן :
קעפּ און פּאַפּאַכעס, ווי ביי די סאָוויעטן ;
קעפּ אין צילינדערס און קעפּ אין קאַשקעטן,
אין יאַרמולקעס, שטריימלעך און ווייכע בערעטן.

איר זאָלט פאָרן קיין קרים, קיין בירא־בידזשאַן,
קיין ציון, וואָלאָזשין און קיין אַפגאַניסטאַן,
קיין גער און קאַרלסבאַד, אַנגאָלאַ און קאַן,
מיט פערד און מיט אייזלען מיט דאַמפער און באַן.

איר זאָלט דערלעבן צו זען מלכות ישראל, אַזוי
ווי מיר האָבן דערלעבט צו זען דעם דניעפּראָסטראָי;
איר זאָלט שטיין ביים כותל־מערבי און להבדיל ביים מאַוזאָלוי,
פון לענין דעם נביא ברוך הוא וברוך שמו.

עס זאָל זיין ביי אייך לומדים מיט סמיכה אויף הוראה,
פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן געבעך קיים אויף דער הוצאה,
אפּיקורסים, בעזבאַזשניקעס מיט אַ גרויסער השפּעה
און סוחרים, וואָס קאָנען מאַכן פּליטה כדבעי.

און קרובים, משפּחה, וואָס אַרבעטן אויפן דאָנבאַס,
מתמידים און בקיאים און תורה וש״ת,
ספּאָרטיסטן, טשעמפּיאָנען פון יעטוועדן קלאַס
און „שלאָגלער״ און חברות פון תורה ודת.

אין אַלע פּאַרלאַמענטן זאָלט איר האָבן דעפּוטאַטן;
אין זשאַבאָטינסקיס אַרמיי זאָלט איר האָבן סאָלדאַטן;
אין אַלע „באַיוווקעס״ זאָלן זיין אייערע יאַטן
און הינטער די קראַטעס זאָלט איר האָבן דעם טאַטן.

און אַלע אינאיינעם זאָלט איר זיין מרוצה
צו פאָלגן די שלומי־אמונה־קאָנסטיטוציע
און בויען די נאַציאָנאַלע היים, ווי חלוצים אין אַ קבוצה,
ובזכות זה ובא לציון גואל וסאָציאַלע רעוואָלוציע.

מיין ענטפער אויף די פראגן פון די אנקעטע־בויגנס.

ווי הייס איך?

אין מסחר הייס איך: „מנחם מענדל",
ביים צאָלן רופט מען מיך: „דער מת",
מיין ווייבל רופט מיך: „מענדל גיב שוין",
און אין טעאטער: „משה טעם".

ביים עסקן הייס איך „פּאַלעק", „מאַסע",
ביי נאָוואַטשינסקין: „זשידעק פּלוט",
אין צדקה־חברות הייס איך: „קבלן",
און ביי מיין שוויגער: „לאַפּיטוט".

ביי וואלן הייס איך: „חכם עתיק",
„געערטער בירגער", „לויטער גאָלד",
און נאָך די וואַלן הייס איך: „טיפּוש",
„שלים־מזל", „שוטה", „פערד" און „יאָלד".

איך האָב, אַן גוזמא, יתרום נעמען,
טאָ זיי אַ חכם, גיי און ווייס.
טאָ זאָגט־זשע מורי ורבותי,
אָך, אפשר ווייסט איר, ווי איך הייס?

מיין שפּראך.

איך רעד צום לאָמפּ,
און צו דער וואַנט,
און אויפן ווונק,
און מיט דער האַנט.

און ווערטער האָב איך
גאָר אַ סך:
„נישטאָ" און „שלעכט"
און אַ גמ"ח.
„איך האָ' ניש", „לאַ",
און „עט" און „סתם",
„אַ וועקסעלע"
און להד"ם...
„כּמו", „כּמעט"
און „תּיכּף", „באַלד"
און „אַך און ווי"
און „ייִדן, גוואַלד!"...

מיין וווין-אָרט.

אַט בין איך דאָ, אַט בין איך דאָרט,
איך ווייס דען, וווּ איך בין?
אין בויבעריק, אין האָצעפּלאָץ,
עס טראָגט מיך הער-און-הין.

איך שוועב צווישן הימל, ערד,
און ווייס נישט פון קיין רו,
מיין גוף איז דאָ, מיין קאָפּ איז דאָרט,
איך ווייס אַליין נישט וווּ.

מיין גלויבן

איך בין „פּראָטעסטאַנט״,
מיין גלויבן איז פעסט,
אַז יעטוועדער וועקסל
מוז גיין צום פּראָטעסט.

איך גלויב, אַז דו באַחנסט וועם
אַ צען זלאָטע־שטיק,
דאַן וועסטו עס קיינמאָל
נישט זען מער צוריק.

איך גלויב מיניסטאָרן
פון יעטוועדער סאָרט,
באַנקירן, עסקנים —
איך גלויב אויפן וואָרט.

איך גלויב אין עקספּאָזעס,
פאַרשפּרעכונגען זעק,
אין „זגאָדעס״ און „גודוויל״
און אַנדערע שלעק.

איך גלויב, עס קאָן וואַקסן
האָר אויף אַ פליך.
מען שמועסט, אַ מאַמין, —
אַזאַ מענטש בין איך.

מיין דירה איז אויף נאַלעווקעס
און כ'וווין אין אַ באַראַק,
מיין שטיי־אָרט — איז אין שטייער־אַמט
מיט מעבל: האַק און פּאַק.

אַ פוס אין קראָם, אַ פוס אין באַנק,
און איך בין אינדערמיט.
איין האַנט נאָך שטיצע אויסגעשטרעקט,
די צווייטע זוכט קרעדיט.

מיין באַשעפטיגונג

כ'האָב, שמייע, מעסט די גאַסן,
זיך אַ־ן די קאַפּעען;
קראַץ דאָס בערדל, זוך אויף שבת
און איך האַלט אין איין דרייען.

כ'בין ערפינדער פון תירוצים
בעלי חובות געבן,
כ'בין אַ פּאַקיר: ליג מיר ארצה,
און איך מאַך אַ לעבן.

כ'בין ענטדעקער פון מקומות,
נייע לעכער, שפּאַלטן,
וווּ איך זאָל מיך פון די מאַנער
קאָנען אויסבאַהאַלטן.

כ'בין אויך כעמיקער. פון גאַרנישט
מאַך איך גאַרנישט טאַקע.
כ'צי פון שטעקעלע חיונה,
און פון לופט — אַ מכה.

אינהאלט־פארצייכניש:

זייט

דער טונקעלער שרייבט אַ קריטיק וועגן זיין אייגענעם בוך III

הומאָרעסקעס:

אַ געשיכטע מיט אַ בילד — — — — 9
מיין פּאָפּולאַריטעט — — — — — 27
ווען וואָלפגאַנג פאָן געטהע וואָלט געווען אַ יידישער שרייבער — — — — — — — 33
אויפן בוזעם פון ים אָדער דער ייד, וואָס האָט מיר פאַרזיסט מיין רייזע — — — — — 39
דער דרוק־פעלער און דער לעזער — — — 45
דער חזן מיטן פאַלצעט — — — — — 51
די חנוכה־לאָמפּ אָדער ערלעכקייט באַצאָלט זיך — 57
אַ דאָקטאָר מיט איבערצייגונגען — — — 63
אַלט און ניי — — — — — — 69
רחמנות און נקמה — — — — — 75
מיפּירט אויף מיינע אַ פּיעסע — — — — 79
דער קאָמוניסט — — — — — — 83
אַ ברודער, וואָס ווערט פון קיין זאַך נישט נתפּעל — 87
זי איז אַ סימפּאַטיקערין פון סאָוויעט־רוסלאַנד — 91
קויטיקע קאַלאָשן — — — — — — 95

סצענקעס און סקעטשן:

אויף אַ זיצונג פון געוועזענע פיינע בריות — — 103
צוליב אַ שרייבערישע לויה אָדער אַ דין־תורה ביי די קעשענע־גנבים — — — — — — — — — 109

זייט

אַ טעאַטער פון קבצנים — — — — — — — 115
דער דאַמען־קאָמיטעט — — — — — — 121
איך האָב אים געהרגעט — — — — — — 127
אַ מעשה מיט אַ דראַמאַטורג — — — — — 133

גראָטעסקעס און סאַטירעס:

אַ וואָסערדיקער פּאָליטיקאַן — — — — — 139
איך האָב זיך פאַרשאַפט אַ הינטל — — — — 143
שלום־עליכמס טיפּן און וואָס פון זיי איז געוואָרן — 149
מסביר געווען — — — — — — — 155
פּראָטעסטן קעגן דער לבנה — — — — — 159
דער נעגוס אונטערוועגנס — — — — — — 165

חכמה און ווינשאַפט:

ווי אַזוי טשעפּעט מען זיך אָפּ פון אַ ליבע? — — 173
לערנט זיך פאַלן — — — — — — — 177
די קונסט פון קלויבן נדבות — — — — — 181
די חכמה פון זיין שולדיק געלט און נישט באַצאָלן — 185
דער מענטש — — — — — — — 189
ווי אַזוי צו כאַפּן אַ גמילת־חסד— — — — — 193

פריינטלעכע פּאַראָדיעס, צייט־פערזן און שאַלאַמויזן:

איך און פּרץ — — — — — — — 201
טעריטאָריעס — — — — — — — 203
אינטערוויו — — — — — — — — 205
מגלת אסתר און ווי זי וואָלט געשריבן געוואָרן פון
פאַרשידענע שרייבער — — — — — — 207
קהלת, אַ דרשה אַזאַ פון אַ ליטווישן מגיד, וואָס בעט
זיך ממש מען זאָל זי זאָגן מיט אַ ניגון— — — 213
דאָס נייע כלה־באַזעצעניש — — — — — 215
מיין ענטפער אויף די פראַגן פון די אַנקעטע־בויגנס — 219